Insurance
so good, it's
#forgettable

jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

Vol. 12 • # 25 (554) Friday **Mar 15, '24** • ב"ה • פרייטאג פקודי, ה' אדר ב' תשפ"ד לפ"ק

INJURED?
Car Accident – Falldowns
Construction Accidents
Medical Malpractice
Product Liability – Personal Injury
Call Now:
718-400-9LAW(529)
שמואל נתנאל יאושעף
InjuryMaxx




משה קבל תורה מסיני, ומסר"ה ליהושע, ויהושע לזקנים, וזקנים לנביאים, ונביאים מסרו"ה לאנשי כנסת הגדולה:

## שטורעמישע אַנטדעקונגען און היסטאָרישע דאָקומענטאַציעס פּרעזענטירט דורך 'מסורה' ערוואַרטעט ביים יהדות החרדית

זעלטענע קלאָרע אַריינבליק אין דער גאנצער מהלך פון אבותינו ורבותינו הק' אַנבאַלאַנגט חינוך הבנים והבנות על אדמת אמעריקע בימים ההם ובזמן הזה

28



לְעֵת כָּזֹאת הִגַּעַתְּ לַמַּלְכוּת:

## פליִיצנדע פרייד-כוואַליעס צום אָנהייבן פּאַקטישע אויפבוי פון 2 פּרעכטיגע "בניני ישיבה קטנה" אויף גיגאַנטישן "קרית הישיבות-נחלת אברהם"

העפטיגע קאָנסטרוקציע אַריין אין פולשטענדיגן קראַפט תיכף ומיד נאָכ'ן ערהאַלטן ענדגילטיגע "בילדינג פערמיטן" פונעם "טאַון אָוו ניו ווינדסאָר"

30



די ריכטיגע אידענטיטעט פון דאָס היסטאָריש בילד;

## משפחת מייזליש אין בערגן בעלזן

64




בדרך בית ה':

## בייגעלייגט אינעם היינטיגן נומער

ליינט איבער די שטוינענדע פארשריט אין די פארגאנגענע אכצן חדשים, און די פלענער אויף לעתיד פונעם מבצר התורה: כולל דרך החיים - אהל אלטא פיגא

הדרן עלך כל הש"ס כולו והדרך עלך:




## תורה'דיגע מאניפעסטאציע ביי מעמד "סיום הש"ס רבתי" אינאיינעם מיט שמחת "הכנסת ספר תורה" דורך גליקליכע לומדי חבורת "ללמוד"

34

ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאוד מאוד!

## בלומינג גראָוו ווייבערירט מיט קאָנסטרוקציע טראָקס לענגאויס די פילצאָליגע דירות פּראָיעקטן איבער דער שטאָט

ווילעדזש באאמטע באַגריסט פאר די הערליכע אויפבליה און אין דער זעלבער צייט אָנהאַלטן די רואיגע כאַראַקטער און באַשיידענע סטאַנדאַרטן צו אַלעמענס צופרידנהייט











42

## הירענדע אינטערוויו

מיט'ן מסירת נפש'דיגער

**אסיר ציון**

הר"ר **ישראל אשר** בן **מלכה ראטמאן** שליט"א

אפגעהאלטן פון 'תפיסה איילון' וואו דער אסיר ציון ווערט פארהאלטן

מחאה אין סאטמאר רחוב יואל געהערט ביז אין תפיסה! * ארייגעשלעפט צו טעלעוויזיע אבער ב"ה נישט מצליח געווען * דער ראי' פון תהלים צו די קיום מדינה... * מיט א אראבער אין צימער * שבת שירה אין תפיסה * טעלעוויזיע 22 שעה א טאג! *

61

בס"ד




impactmedia.group



HELLO
SELF
STORAGE
פורניטשער דארף
נישט שאפן קאפווי
1052
1053
105
dartmedia.us
Flexible Month-to-Month Leases
Climate Controlled Storage Units
24/7 Video Recording and secure access
די לאקאציע איז אונטער
היימישע אנפירערשאפט.
בלויז 10 מינוט פון קרית יואל
first month
FREE
+
40% OFF
monthly rent*
cubesmart.com
845.604.3422
52 Commerce Dr Harriman, NY
Right off the Rt 17
CUBESMART
self storage
*Restrictions, fees, and taxes may apply. Must present this original coupon at time of rental. Valid only at 52 Commerce Dr Harriman, NY CubeSmart location. Call 800-800-1717 for details.



tealbluemedia
חסידים ואנשי מעשה היו מרקדים לפניהם
חסי'דים ואנשי מעשה
מיט די זאקן ווייסע..
די גרעסטע אויסוואהל פון ספיקערס און
אלע צוגעהערן פאר א לעבעדיגן פורים,
פאר אינדערהיים און פאר גרופעס
We carry a huge variety of:
Keyboards, Speakers, Mics, Guitars
and Accessories, Cables, Inverters, and cases.
1 Lemberg Ct. 845-774-2433
all in one
Major Appliances
& Electronics



pivotgroup.nyc
הלריל נשבר
25% OFF
Avoid the Pesach rush!
Place your Pesach order now and save.
סעיל גייט אן פון ראש חודש אדר ב׳ ביז שושן פורים
GB
קרית יואל
7 Van Buren Drive
845.774.4100
מאנסי
16 Melnick Drive
845.678.8624
וויליאמסבורג
178 Wallabout St.
718.330.1700
בארא פארק
4804 13th Ave
718.435.4750
Free delivery after alterations upon request with a minimum purchase of $150.
Cannot be combined with any other offer. Must be paid in full at the time of purchase.

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו

25 Ross St.   Brooklyn NY 11249   718-782-5349   Fax 646-993-6741

**2,742**
**משפחות**
**5,763**
**ילדים בבית**

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד ט"ו שבט תשפ"ד
**$62,606,194.00**

**סניף קרית יואל**
**131 משפחות   256 ילדים בבית**

| תשפ"א | תשפ"ב | תשפ"ג | תשפ"ד עד ט"ו שבט |
|---|---|---|---|
| $1,015,733.00 | $1,336,889.00 | $1,733,335.00 | $574,890.00 |

**חשבון השנה**
שבט - ניסן תשפ"ג $8,129,403.00
(עם הקמחא דפסחא)
אייר - תמוז תשפ"ג $3,627,315.00
אב - תשרי תשפ"ד $4,866,993.00
חשון - ט"ו שבט תשפ"ד $4,089,211.00
**ס"ה $20,712,922.00**

## מכתב קודש מאת כ"ק הגה"צ בקש"ת רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א ירושלים עיה"ק תובב"א

בעזהי"ת אדר א' תשפ"ד

הנני מצטרף בזה להמלצת הביד"ץ העדה החרדית דפעיה"ק ירושלים תובב"א, ומע"כ הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, אשר המליצו בגודל יקרת מעשה הצדקה של הגה"צ המפו' מו"ה **רבי אברהם לויפער שליט"א אבדק"ק דאראג, העומד בראש "קרן אלמנות ויתומים",** אשר ייסד וארגן כדי לשמח לב אלמנות ויתומים בעין יפה וברוח נדיבה, **באופן המעולה ביותר של מתן בסתר, להמציא להם בשר ודגים לימי חול שבת ויו"ט בהרחבה ובדרך כבוד, אשר היא המעולה שבצדקות כידוע.**

**והנני מצטרף בזה בפניה לאחינו בני ישראל, ליטול חלק ולהיות שותפים במפעל גדול ונשגב זה. ואשרי הזוכה להחזיק אלמנות ויתומים בדרך כבוד ובמתן בסתר.**

והנני בברכה לרומעכ"ת שליט"א שיזכה להגדיל תורה ולהאדירה, ולהרבות צדקה וחסד, כאוות נפשו, ויחולו עליו כל הברכות האמורות לעושי צדקה ופועלי חסד, וכל המשתתפים עמו יזכה גם הם לרב ברכה והצלחה, ונאמן הוא אבי יתומים ודיין אלמנות לקיים את דברו, "אם אתה משמח את שלי אני משמח את שלך", ברב טובה וברכה ברוחניות וגשמיות, עדי נזכה בקרוב לקיום היעוד המקווה, ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה, במהרה בימינו אמן.

**יעקב מאיר שעכטער**
**נשיא מוסדות "קרן אור"**
**בעיה"ק ירושלים תובב"א**

בעזהי"ת
**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דאראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קרוינהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהוירסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**
**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק
**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהוירסט
**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי
**ניו דזשערזי:**
לעיקוואוד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד
**פענסילוועניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג
**קאנעטיקוט - טשיקאגא**
**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס - דיטרויט**
**פלארידא - קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**
*
יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד
*
יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י .ACH
נא לקרוא
718-782-5349 #2
*
ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495
*
יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י .O.J.C
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה
*
**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**

| פרנס משפחה בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים | $325 | $3,600 | $2,000 | 3x$500 | $24,000.00 |
| משפחה גדולה | $250 | $2,500 | $1,500 | 3x$360 | $18,000.00 |
| משפחה רגילה | $210 | $2,000 | $1,200 | 3x$300 | $15,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | $172 | $1,600 | $900 | 3x$250 | $12,800.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | $136 | $1,200 | $600 | 3x$200 | $9,600.00 |
| אלמנה ויתום | $100 | $1,000 | $450 | 3x$180 | $7,200.00 |

| פרנס אלמנה - יתום בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| אלמנה | $72 | $750 | $300 | 3x$150 | $5,200.00 |
| אלמנה רק לשבת ויו"ט | $40 | $750 | $300 | 3x$150 | $3,600.00 |
| יתום | $36 | $360 | $180 | 3x$72 | $2,600.00 |
| יתום רק לשבת ויו"ט | $20 | $360 | $180 | 3x$72 | $1,800.00 |
| ליום $1 / לשבת $3 | $9 | $240 | $120 | 3x$36 | $936.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $312,000.00 |
| פרנס השבת קודש $156,000.00 |
| פרנס היום $36,000.00 |


TAKING ADVANTAGE
OF THE EXTRA SUNLIGHT
Note the change of hours
Now seeing patients from
9 AM
to
9 PM
SERVING ALL AGES
elite
Sun: 10AM - 8PM
Mon - Thur: 9AM - 9PM
Fri: 9AM - 2 hrs before Shabbos
Walk-ins welcome
No PCP change required
Last sign-in - 15 mins prior to closing
Adult & Pediatric Primary Care
845.782.4000 / 14 Raywood Dr
dartmedia.us


בס"ד
Team Up
for Camp Fun!
NOW HIRING COUNSELORS!
Join us for an exciting staff program in a vibrant, supportive environment!
געאייגנט פאר חסידישע מיידלעך
הסכמת הגה"צ ר' משה מנחם ווייס שליט"א · Rav of HCS ·
דומ"ץ פאפא ב"פ וראב"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר לאנדאן
camp
Machon Lev
מנהלת רוחני מרת מ. עליאס
MRS. DRAIZY ITZKOWITZ - STAFF DIRECTOR
EXCITING STAFF PROGRAM
BEAUTIFULLY RENOVATED FACILITIES
SIGN UP NOW! 845.587.6028 / d.itzkowitz@hcsny.org
HCS

SOMETHING

# FRISH,

AT YOUR PURIM

# TISH.

FRISH
OCEAN to MEAL

## SIDE OF SALMON CHOICES

- Marinated Salmon
- Lemon Pepper Salmon
- Sweet Chili Salmon
- Teriyaki Salmon
- Bbq Deluxe Salmon
- Parsley Deluxe Salmon
- Pistachio Salmon
- Breaded Salmon
- Honey Mustard Salmon
- Lemon Turbot Side

## CURED FISH

- 10”X4”
- 12”X12”
- 11”X14”
- 12”X18”
- 18”X18”

HEIMISH · DELISH · BY FRISH





845.783.4940 Call / Text / Email: 7834940@gmail.com
53 Forest Rd, #101 Located in back of the Shopping Center

אהרן אליעזר גרינהוט
ובנו נחום עזריאל




AVOID THE YOM TOV RUSH
EARLY BIRD
30 % OFF
ENTIRE STORE
SALE
ANYTHING & EVERYTHING
BEAT THE YOM TOV RUSH
LATE HOURS
WEDNESDAY UNTIL 9 PM
JUST ARRIVED!
ELEGANT DESIGNS
OF MEN & BOYS SUITS,
TISH BAKITCHES,
MADE FROM HAND
PIECKED FABRIC
ALL 100% SILK
50 %OFF
SALE STARTS:
SUNDAY MARCH 10
SALE ENDS:
FRIDAY MARCH 22
BORO PARK 718.871.7841
WMSBG 718.923.6060
G&G
MONSEY 845.352.2702
KIRYAS JOEL 845.782.7720
EUROPEAN MADE



בס"ד
שֶׁנִּדַּבֵּר
אֶת חֲבֵרוֹ
א בליק
אויף
צוריק
זיסע זכרונות
יונגע חברים
אלטע אנעקדאטן
הונדערטער
תלמידים
גרייטן זיך
צו כאפן א
צוריק אין ישיבה;
היינט פונקט ווי אמאל!
בבנין ישיבת נועם אלימלך
ליזשענסק
זונטאג פרשת שמיני
כ"א אדר ב'
כינוס רבתי
ללבנו
35 שנות
תורה וחסידות
בתוככי
יום
ראשון
לסדר
שמיני
כ"א
אדר ב'
תשפ"ד
לפ"ק




# YOU'RE A TRIP AWAY!

Customer Pickup &
Ride Home Service
now available for
your convenience

**Call for free pickup**
**845.783.8553 ext 4**
with $150 purchase

Pickup Hours:
Sun. to Thu. 10:00am to 6:00pm
Friday 8:00am to 12:00pm

Landaus supermarket

2 Stonegate Dr. | 845.783.8553 | *Fresh Finds All the time.* ™

*Hours:* **SUN.- WED.** 7:00am - 10:30pm **THURS.** 7:00am - 12:00am,
**FRI.** 7:00am - 2 hours before Zman, **MOTZEI** (winter) TILL 11:00pm

DPMGGROUP.COM


בס"ד
עינים
מיינע טייערע אויגן | מיין אייביגער עתיד
718.977.5554
אני יוסף
Pentagon | 718.400.9035
אלעמאל און איבעראל
בקדושת עינים
Awareness Ad Sponsor
SUPREME TRAVEL
212.278.8268



מעשה ברבי אליעזר...
שהיו מסובין...
בטעמפא
פלארידא
כל אותו הפסח...
(אצל וועוו קאושער ווילעס)
Reserve your
Pesach Villa
today and enjoy
a relaxing erev
and Yom Tov Pesach
WAVE
Kosher Villas
786-763-0699
Contact@Wavekoshervillas.com
www.WaveTampa.com
כמה מעלות טובות...
• Ready clean houses
• Full kosher kitchen
• Walking distance to shul
• Private Pool
80%
Booked

בס"ד

ז א ת   ה מ ס ו ר ה   ל א   ת ה א   מ ו ח ל פ ת



מיר פארטיידיגן... | מיר האלטן זיך צו...

# אונזער מסורה

וואס האט רבינו הק' מסאטמאר זיך מתחייב געווען פאר'ן קאמישינער ביים עפענען דעם ת"ת?

וואס באדייט דאס "סובסטענשאל עקוויוועלענט"?

וואס איז געווען די דרכי השתדלות ביי אלע זמנים אין גלות?

איז דא נפק"מ ביים לוחם זיין אקעגן א מלכות המינות אדער א גוי'אישע רעגירונג?

**די נייע מסורה ארגאניזאציע ברענגט א קלארקייט אינעם גאנצן נושא**

ערווארט מיט שפאנונג דעם אינהאלטסרייכן גליון

מסורה

· מסורת אבותינו בידינו ·

זאת המסורה לא תהא מוחלפת


Spectacular
MAKE A STATEMENT WITH AN ARTFULLY PRESENTED
MISHLOACH MANOS BY THE FAMOUS B. WEISS.
CHOOSE FROM OUR FULL LINE OF SPECTACULAR GIFTS
PERFECT FOR MECHATUNIM, PARENTS OR SOMEONE SPECIAL.
MONROE | 7 GARFIELD RD. | 845.250.8700 | WWW.MALCHUTJUDAICA.COM
HRS FOR B. WEISS GIFT WRAPPING UNTIL PURIM: SUN 2-7 MON-WED 4:30-7 THURS 4:30-9
NEW! WE NOW OFFER GIFT WRAPPING
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
adsmarkny.com



ויאמר המלך
תלהו עליו...
מיט א מלכות׳דיגן האלטער
ליינט זיך די מגילה אנדערש.
מגילת אסתר
MALCHUS
מלכות
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG: 165 Lee Ave. 718.408. 8822
BORO PARK: 3902 14th Ave. 718.854.7700
MONSEY: 17 Main St. 845.474.8822
MONROE: 7 Garfield Rd 845.250.8700
JERUSALEM: ישא ברכה 48 02-5400011
WWW.MALCHUTJUDAICA.COM
admarkny.com

א דורכברוך אין די קיאסק וועלט

# איר ווילט עס ערלעדיגן?

ערלעדיגט
א קיאסק צו ערלעדיגן

## קאמפיוטער סערוויסעס

אן אינטערנעט

עטליכע קיוביקעלס מיט קאמפיוטערס "אָן אינטערנעט" צו 'ערלעדיגן' קאמפיוטער געברויכן ווי למשל:

- טייפן ווארדפיילס
- קאפיען פיילס
- אויסוועלן בילדער
- מסדר זיין אודיאו פיילס
- עקסעל חשבונות
- און נאך 'קאמפיוטער' געברויכן

## שטייענדיגע 'אימעיל' קאמפיוטער

ספעציעל באקוועמע שטייענדיגע קאמפיוטערס וואס מען קען דארט נאר שיקן אדער באקומען אימעילס.

**עס איז אויסגעשטעלט שטייענדיג כדי מען זאל קענען בלייבן אין א שטייענדיגע פאזיציע וואס איז מער אויסגעשטעלט צו קענען 'ערלעדיגן' וואס מען דארף, און נישט ווערן ארייגעצויגן אין א באקוועמע אטמאספערע צו פארוויילן לענגער ווי מען פלאנט.**

## פראוקליק באקס

א פראוקליק קאנעקשאן באקס, וואו מען קען אריינלייגן א USB אדער SD קארד, און א 'פרא-קליק' ארבייטער וועט שיקן דעם אימעיל פאר אייך.

## לאקאציע

19 Van Buren Ct.
רעכטע זייט פונעם בנין.

**דערווייל נאר מענער**

## זמנים

פון 8:00 צופרי ביז 10:00 ביינאכט.

ערלעדיגן א וויכטיגע אימעיל אדער טייפן א צעטל מוז נישט קומען אויף א דעוויים וואס קען אריינשלעפן מיט לאנגע שעות אומזיסט.

דאס איז 'ערלעדיגט'. א קיאסק וואס איז אויסגעשטעלט דאס באקוועמסטע צו ערלעדיגן וואס מען דארף, און פארזעצן מיטן סדר היום אומגעשטערט.

# דער ציל פון 'ערלעדיגט' – ערלעדיגט!

Plattery
by Satmar Meat Catering

# לכבוד פורים
# און א גאנץ יאר!

## Meat Board

Small $89.00

## Meat Board

Medium $149.00
Large + Wine $249.00

## Meat Board

32x16 $499
48x24 for $1000
Two tier for $1499

## Jerkey Board

$199.00

## Gefilta Fish Platter

12" Platter $40.00

## Side of Salmon Platter

$120.00

## Whole Salmon Platter

$120

## Tongue Pastrami Platter*

1 LB TONGUE + Cold cuts
16" Platter $159.00

## Assorted Chicken*

14" Platter $99.00

## Cooked Chicken Roll*

14" Platter $79.00

## Chicken & Turkey Platter*

14" Platter $75.00
16" Platter $85.00

## Chicken, Turkey & Beef*

14" Platter $85.00
16" Platter $95.00

**Order your Plattery Purim Platter today. 845.782.2900**

*All platters are crafted fresh on Thursday.
For Sunday Purim, we do not recommend these product.
Please ask us for the best picks!

WILLIAMSBURG
80 Lee Ave.
718.963.1100

WILLIAMSBURG
823 Bedford
718.963.1100

WILLIAMSBURG
239 Lee Ave.
718.963.1100

WILLIAMSBURG
360 Wallabout
718.963.1100

BORO PARK
5023 N. Utrecht
718.854.2100

BORO PARK
4525 16th Ave.
718.854.2100

KIRYAS YOEL
68 Forest Rd.
845.782.2900

סאטמאר פל"ש

דער העכסטער סטאנדארט אין כשרות הבשר




# 9X13 PURIM MENU

**BEEF**

BEEF PEPPER STEAK
BEEF (BBQ) FINGER MEAT STRIPS
HOT PASTRAMI (SLICE NUGGET STRIP)
KIELBASA IN PEPPERS
BEEF FRANKS AND POTATOES
MINI STUFFED CABBAGE

**CHICKEN**

SESAME CHICKEN NUGGETS
GRILLED GENERAL TSO CHICKEN
BREADED CHICKEN NUGGETS

**SIDES**

CABBAGE AND NOODLES
MASHED POTATOES
VEGETABLE RICE
STEAMED VEGETABLES
SHLISHKAS

**KUGEL**

POTATO KUGEL
(ALSO AVAILABLE IN ROASTER SIZE)
SWEET NOODLE KUGEL
YERUSHALMI KUGEL

Peppermint supermarket
33 Dinev Road
orders@peppermintsupermarket.com

mintleaf
5 Mangin Rd. (Cor. Rt. 208)
orders@mintleafkosher.com

# GOURMET PURIM PLATTERS

PLEASE CALL TO ORDER IN ADVANCE.

**Deadline** to order:
Tues. March 19 - 1pm



FRUIT PLATTER



LOX & SABLE

BAKED SALMON
FULL SIDE • HALF SIDE
4 FLAVORS



1 SIMPLY SALMON

2 HONEY MUSTARD

3 PISTACHIOS CRUSTED

4 SESAME TERIYAKI

STUFFED SMOKED FISH, SLICE LOX



WHOLE FISH, LOX & SABLE



והימים האלה נזכרים ונעשים עיר ועיר:

# העפטיגע אַקטיוועע הכנות אין פולן שוואונג צו התרוממות'דיגע יו"ט פורים אין שטאט בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

## געניטער סדר ווערט געמאָלדן איבער 'זמני משלוח מנות' אַריינצוגיין במעונו פונעם רב שליט"א וואס וועט פאַרזיכערן יעדער תושב וחבר הקהלה קען פערזענליך אַריינגיין מיט די קינדער אין די באַשטימטע שעות לברך ולהתברך

### התרגשות'דיגע שפּאַנונג און אַרויסקוק מיטצולעבן הייליגע מאָמענטן בעצם יום הפורים ביי פייערליכן "מעמד משתה ושמחה" וואס אַנטשפּרעכט א זעלטענע איבערלעבעניש פאר קרית יואל

### געהויבענע תפילת שחרית וקריאת המגילה ברוב עם הדרת מלך בהיכלי בידהמ"ד הגדול

קרית יואל - אין די לעצטערע טעג זינט עס איז פאַרשפרייט געווארן די פריידיגע בשורה אז הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א וועט פראַוועז דעם געהויבענעם יו"ט פורים הבעל"ט בתוככי קהלתינו הק' בעיר עוז לנו קרית יואל, איז דאס אויפגענומען געווארן מיט אומגעהויערע עקסטאַז און התרגשות עילאה דורך די טויזנטער תושבי העיר, וועלכע קוקן ארויס מיט ערוואַרטונג און שפּאַנונג מיטצולעבן דער געהויבענער הייליגער טאָג בתוך עם סגולה, און מיטהאַלטן די הייליגע עבודת ומצוות היום כל קהלא קדישא, בצוותא חדא ובשבת אחים אין שפּיץ פון רב שליט"א.

עס איז נישט דאָס ערשטע מאל וואס תושבי העיר האָבן די זכי' און געלעגנהייט מיטצולעבן געהויבענע יו"ט טעג וואָס דער רב שליט"א טוט פראַוועז מיט לעכטיגע קייטן פון תענוג רוחני והתעלות דקדושה ביי אונז אין שטאָט, וואס די אלע ימים טובים וואס דער רב שליט"א האט שוין געווײלט בתוככי הקהלה, איז יעדעס מאל געווען א באזונדערע איבערלעבעניש פון התרוממות והתעלות וואָס דערהייבט די גאַנצע קהלה און בלאָזט אַריין הויפנעס השפּעות און רוחניות'דיגע כוחות מיטצונעמען מיט זיך אויף ווייטער. דאָס ליגט דאָך ביי אַלעמען אין די ביינער, מיטלעבנדיג די העכערע לופט ביי די הייליגע תפילות, די לעכטיגע געהויבענע מסיבות שבת אחים ווען יעדער שעפּט זיך אָן פון די וואַרימע ווערטער דברי תורה ויראה, וואָס בלייבט ימים רבים לעלות מעלות רמות בעבודת השם און זיך שטאַרקן בדברי חיזוק והתחזקות.

אָבער אַצינד איז דער ערוואַרטונג אומגעהויער, די התרגשות און אַרויסקוק נעמט איבער כל קהלא קדישא, ווען דאָס גייט זיין דאס ערשטע מאל ווען מ'גייט האָבן די זכי' אַז דער רב שליט"א וועט ווײלן דא אין שטאָט אויף די לעכטיגע יום משתה ושמחה יו"ט פּורים הבעל"ט, און וועט פּראַוועז און אָפּרעכטן די עבודת היום ברוב עם הדרת מלך, אינאיינעם מיט די גאַנצע קהלה, אנשים, נשים, וטף, וואָס דער ציבור לעכצט און גרייט זיך בהכנה דרבה דאס מיטצולעבן און מיטהאַלטן די געהויבענע מאורעות, וזכרם לא יסוף מזרעם.

ס'גיט זיך אַ דערמאַן וואָס אנשי שלומינו פלעגן מיטהאלטן פון דערווייטנס בשנים קדמוניות, הערנדיג אין לויף פון די יאָרן וואָס קהלתינו הקדושה בירושלים עיה"ק האָבן מיטגעלעבט ווען דער רב שליט"א האָט געווײלט דאָרט במשך ימי הפּורים. די געהויבענע זכרונות

## געניטער סדר 'זמני משלוח מנות' פון המוני תושבי העיר אַריינצוגיין פערזענליך ביי הגה"צ דער רב שליט"א ווערן אַצינד אויסגעאַרבעט

### ספּעציעלער דגוש ווערט אַריינגעלייגט אַז יעדער תושב וחבר הקהלה קען פערזענליך אריינגיין מיט די קינדער לברך ולהתברך

ווי באַריכטעט פאַרגאַנגענע וואָך פון די הויכפּונקטן פונעם טאג וועט מען האָבן די זכי' נשגבה צו קענען אַריינגיין פערזענליך ביי הגה"צ דער רב שליט"א, יעדער ראש בית אב באַזונדער, צו מקיים זיין די מצוה פון משלוח מנות דורכאויס די שעות היום, און קענען נהנה זיין מאורו הבהיר אין אַזוינע הייליגע גרויסע זמנים, און שעפּן די השפּעות פונעם יום טוב פאר זיך און פאר די קינדער לקיים את הימים האלה, צו איבערגעבן משלוח מנות און זיך וואונטשן אַ פרייליכן לעכטיגן תמיד וברכות לרוב.

פון די סאמע פּריאָריטעטן ביי די עסקני 'נאמני הקהלה' איז צו פאַרזיכערן אַ סדר הראוי אהערצושטעלן אַ געניטער פּאַסיגע מהלך פאר די זמני קבלת קהל אין לויף פון טאָג. צו ערשט וועט ווערן געגעבן די געלעגנהייט מיט באַזונדערע זמנים פאר די פּארי הקהלה, די חשוב'ע עלטערע דור וואָס באשיינען כבוד קהלתינו הק', און באַזונדער אויך פאר נגידים ונדיבים בעם וחברי זהב, וואָס וועלן האָבן די באַשטימטע זמנים דעזיגנירט פאר זיי.

דערנאָך וועט זיין זמנים פאר כל הקהל הקודש, וואָס וועלן אויסניצן די זעלטענע געלעגענהייט פון אריינגיין צום רב שליט"א פּערזענליך בעצם יום הפּורים. וואס פאר א גרויסע ציבור וועט דאס זיין אן ערשטמאליגער געלעגנהייט אַריינצוגיין לברך ולהתברך, זינט דער רב שליט"א איז נתמנה געווארן דורך כ"ק רבינו שליט"א לעמוד בראש העדה הקדושה, אשר יצא לפניהם ואשר יבוא לפניהם.

ס'ווערן אין די יעצטיגע טעג אויסגעאַרבעט די גענויע 'טראַפיק דעטאַלן' אַרום די שטוב פונעם רב שליט"א, ווען די ערוואַרטונג איז אַז טויזנטער אנ"ש ראשי בית אב אינאיינעם מיט די קינדער וועלן אויסנוצן די געלעגנהייט אריינצוגיין אל חדר הפרטי במעון פונעם רב שליט"א, אין אַזאַ גרויסן זמן בעצם יום הפּורים. מ'זיצט אַצינד מיט די ווילעדזש באַאַמטע און מסדרים פון די טראַפיק, צו אויסאַרבעטן אַ געניטער מהלך אַז ס'זאָל נישט צוקומען צו אַ גרידלאַק, נאָר אַלעס זאל זיין אויסגערעכנט לשביעת רצון כל תושבי העיר.

און התרגשות ביי כל אנ"ש פון ירושלים עיה"ק קען נישט אַרויסגיין פון קאָפּ די געוואַלדיגע מאָמענטן וואָס מ'האָט געפּראַוועט אינאיינעם בראשות דער רב שליט"א, סיי במשך פון די גאַנצע פרייליכע יו"ט, איבערהויפּט ביים פייערליכן סעודת משתה היין וואָס איז אַ שם דבר אומעטום, די אומבאַשרייבליכע שעות ארוכות וואָס דער רב שליט"א רעכט אָפּ די עבודת היום און גיט צו הערן געוואַלדיגע דברי תורה ויראה, וואָס איז במשך פון די יאָרן פאַרשפּרייט געוואָרן אין די גאַנצע וועלט די בחינות און תורות, דברי חיזוק און הדרכה וואָס קומט אַרויס מפּי ממלל רברבן אין אַזאַ צייט ווען ס'איז מער אַ בחינה פון יצא סוד. איז צוליב דעם דער שמחה וחדוה עילאה גאָר גרויס ביי טויזנטער תושבי העיר אַז בעז"ה היי-יאָר וועט קרית יואל האבן די זכי' דאס מיטצולעבן, און וועט בלי ספק איינגעקריצט ווערן אַלס איינע פון די שענסטע זמנים במשך דעם גאנצן יאר בעז"ה.

שטייענדיג בלויז עטליכע טעג אָפּגערוקט ווען דער יו"ט פּורים קומט צוגיין, טוען די עסקני הקהלה אַראַנדזשירן די לעצטע צוגרייטונגען און אויסאַרבעטן יעדן דעטאַל, צו פארזיכערן בעז"ה אז דער גאנצער יו"ט מבואו ועד צאתו, זאָל אריבערגיין מיט א הונדערט פּראָצענטיגע הצלחה מרובה, מיט די מאַקסימאַלסטע כבוד הציבור כראוי, אזוי ווי דער ציבור האַלט מיט במשך אַלע צייטן און ימים טובים בראשות פון רב שליט"א, וואס גייט ב"ה אַריבער מיט גרויס הצלחה לשביעת רצון אלפי אנ"ש חברי הקהלה ותושבי העיר.

די 'נאמני הקהלה' אינאיינעם מיט די נאמני בית הרב שליט"א אַרבעטן האנט ביי האנט מיט די געטרייע הנהלת הקהלה, צו אויסאַרבעטן אַלע לאָגיסטישע און פּראַקטישע פּרטים וסדר היום פון דעם געהויבענעם טאג, און די היינטיגע וואך ווערט אָפיציעל געמאָלדן די פּרטים און זמנים וואָס זענען שוין לעת עתה באַשטעטיגט געוואָרן, סיי איבער די באַשטעטיגטע זמנים איבער 'זמני משלוח מנות', און 'סעודת משתה ושמחה', וואס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין די לעצטערע טעג צו קענען אַרויסקומען צום ציבור געוונג באַצייטנס, צו אויסשטעלן ריכטיגע די סדר היום מיט די משפּחה, צו קענען מיטהאַלטן די געהויבענע זמנים בצוותא חדא כל קהלא קדישא בראשות הגה"צ דער רב שליט"א.

**והיהודים אשר בקרית יואל נקהלו ועשה אתו יום משתה ושמחה! והעיר קרית יואל צהלה ושמחה!**

# שפּאַנונג און אַרויסקוק צו הייליגע מאָמענטן בעצם יום הפּורים ביי "מעמד משתה ושמחה" וואס אַנטשפּרעכט אַ זעלטענע איבערלעבעניש פאַר קרית יואל

בהכנה דרבה און מיט פייערליכע אַרויסקוק גרייטן זיך המוני אנ"ש, וכל תושבי העיר קרית יואל, ווען מ'גייט מיטלעבן געהויבענע פייערליכע שעות ארוכות פון איין קייט פון התעלות והתרוממות, ווען הגה"צ דער רב שליט"א וועט אָפּרעכטן די הייליגע מאָמענטן דער פייערליכער "מעמד משתה ושמחה" בצאתו מן הקודש, אין די אָוונט שעות יום פנה צל תומר ביי די שענסטע זמן פון יו"ט פּורים וואָס ציעט זיך אַריין ביז שפּעט אויפדערנאכט כנהוג מקדמת דנא ביי רבותינו הקדושים זי"ע, וואָס דער געהויבענער מעמד און סעודת היום אַנטשפּרעכט צו זיין אַן איבערלעבעניש וואָס דער שטאָט האָט נאכנישט מיטגעלעבט, אַזוינע שעות של תענוג רוחני והתעלות ודביקות, באַגלייט מיט פייערליכע ריקודין עילאין בשמחה ודביקות, להודות ולהלל על נסיך ונפלאותיך בימים ההם ובזמן הזה.

דער גרויסער בית המדרש וועט בעז"ה אויסגעשטעלט ווערן מיט'ן מאַקסימום פּלאַץ פאַר די בעה"ב חשובים ופארי הקהלה, אברכים יקרים, און הונדערטער בחורי חמד תלמידי ישיבות הקדושות, וועלכע וועלן זיך מיטפרייען און מיטלעבן די געהויבענע צייטן דורכאויס די לאַנגע שעות פון פּורים שפּעט נאָכמיטאָג ביז אַריין במוצאי יום הגדול, וואָס וועט געפּראַוועט ווערן בצוותא חדא מיט'ן כח הרבים ברוב עם הדרת מלך.

מטעם די הנהלת הקהלה ווערט איבערגעגעבן די דעטאַלן און זמנים וואָס מ'האָט אויסגעאַרבעט אין די לעצטערע טעג, וואָס וועט בעז"ה זיין צו די הנאה פון כל יחיד ויחיד במשך די גאַנצע צייט פונעם סעודת משתה ושמחה.

דער געהויבענער מעמד וועט זיך אָנהייבן אום 7:30 נאָכמיטאָג בעז"ה, (ס'איז ראַטזאַם צו קומען אָפּגעדאַווענט תפלת מנחה). דער היכל הביהמ"ד וועט זיין אויסגעשטעלט פון ברעג צו ברעג מיט הונדערטער זיץ-פּלעצער פאר די פארי הקהלה, בעלי בתים, און אברכים היקרים. אויף די צוויי זייטן פון דרום און צפון וועלן זיך ציען פּאַרענטשעס פאר די טייערע בחורי חמד תלמידי ישיבות הקדושות וועלכע וועלן נאָך אַן אָנגעפילטער טאָג פון אויסניצן לעסוק במצוות היום וועלן זיי קומען מיטהאַלטן די זעלטענע מאורע נשגבה, בצוותא חדא כל אנ"ש זקנים עם נערים.

במשך פונעם מעמד וועט סערווירט ווערן טעימה און קאַלטע משקאות, אַזוי אויך וועט זיין אַ דעזיגנירטע אָרט וואו ס'וועט זיין צוגעשטעלט פאַר'ן ברייטן ציבור די טעימה און משקאות במשך אַלע שעות פונעם געהויבענעם מעמד.

די 'משוררי הקהלה' וועלן אָנפירן מיט די ניגוני שמחה ודביקות אין לויף פונעם מעמד. ס'וועלן געזינגען ווערן ניגוני דביקות והתעוררות אין אָנהייב פונעם מעמד, וואָס וועט ווערן נאָכגעפאָלגט מיט פייערליכע טענץ, אָנגעכאַפּט זייט ביי זייט זקנים עם נערים, בריקודין עלאין בצהלה ושמחה וועט מען זיך פרייען און טאַנצן בהאי יומא דקגרים, לקיים עליהם להיות עושים את יום ארבעה עשר בכל שנה ושנה.

באַזונדער איז דער התרגשות און אַרויסקוק מיטצוהאַלטן די פייערדיגע דברי תורה ויראה וואָס מ'וועט זוכה זיין צו הערן אין אַזאַ געהויבענע און זעלטענע זמן, וואָס הגה"צ דער רב שלט"אַ וועט עטליכע מאָל במשך פונעם מעמד משמיע זיין בפני קהל ועדה, מיט הייליגע בחינות און רמזים מפּי רבותיה"ק זי"ע, און דברי חיזוק והדרכה וואָס מ'קען מיטנעמען מיט זיך אויפ'ן גאַנצן יאָר, באַגלייט מיט די לעכטיגע השפּעות וואָס דער יו"ט גיסט אַריין אין יעדן איד.

אין די יעצטיגע טעג ווערן אויסגעאַרבעט אַלע לעצט-מינוטיגע דעטאַלן דורך די געטרייע 'נאמני הקהלה' אַהערצושטעלן דעם בית המדרש הגדול מיט אַלע נויטיגע איינריכטונגען צו אַקאָמאַדירן דעם גאַנצן ציבור בכבוד הראוי, און צושטעלן די מאַקסימום כבוד הציבור כראוי וכיאות, למען כבוד ותפארת קהלתינו הק'.

**והימים האלה נזכרים ונעשים!**

## ספּעציעלע כוחות ווערן אַריינגעלייגט אויסצושטעלן פּלעצער פאַר די עזרת נשים צו אַקאָמאַדירן די נשים צדקניות וואָס ווילן נישט אַרויסלאָזן מיטצוהאַלטן אַזאַ געהויבענער זמן

מטעם הנהלת הקהלה ווערט איבערגעגעבן אַז די עקזיסטירנדער עזרת נשים אויפ'ן אויבערשטן שטאָק וועט ווערן צוגערישט מיט די מאַקסימום פּלאַץ צו פאַרזיכערן בעז"ה אַז די נשים צדקניות וועלן קענען אַלעס מיטהאַלטן מיט אַ רואיגקייט. ס'וועט ווערן צוגעגרייט אלעס אויפ'ן בעסטן אופן שייך בעז"ה, צו געבן די פאסיגע געלעגנהייט פאר די הונדערטער נשים צדקניות, וואס קוקן אזוי ארויס צו זיין א חלק פון אזא זעלטענע דערהויבענע מאורע בתוככי קהלתינו הקדושה.

אין א שריט וואס וועט היבש פארלייכטערן די פלאץ ביי די עזרת נשים, ווערט איבערגעגעבן, אז בעז"ה ווערן אריינגעלייגט ספּעציעלע באַזונדערע כוחות אהערצורישן אַ 'צייטווייליגער עזרת נשים' אויף 'מעריב זייט' פון היכל בית המדרש הגדול, וואו ס'וועט זיין מחיצות ביי די אַריינגאַנג פון די אַלטע בית הוראה, וואָס וועט צוברענגען פרישע פּלעצער און אַ רחבות ביי די עזרת נשים צו קענען מיטהאַלטן און מיטלעבן די זעלטענע מעמד ברנה וצהלה. (זעט גענויער אויסטעל ביי די מאפּע).

אזוי ארום האפט מען בעז"ה צו געבן די פאסיגע געלעגנהייט פאר די חשוב'ע נשים צדקניות צו האבן די זכי' צו זיין א טייל פון כל קהלא קדישא ברוב עם הדרת מלך, צו מיטלעבן די פייערליכע מאמענטן ביים מעמד הגדול משתה ושמחה וואס אנטשפרעכט בעז"ה א זעלטנהייט פון א מעמד בתוככי הקהלה וואס קיינער וועט נישט וועלן ארויסלאזן, און מקבל זיין די השפעות לרוב וואס אזא יו"ט שיינט אריין אין יעדנ'ס הארץ, וזכרם לא יסוף מזרעם.

**אף הם היו באותו הנס!**

חבר אני לכל אשר יראוך:

# בלויז געציילטע טעג פארבליבן צום שליסונג פון "דיום קאמפיין תשפ"ד" וואס האט שוין אקטיוויזירט טויזנטער מעמבערס גענצליך אויסגעצאלט

## דיום קאמפיין שליסונג:

## קומענדיגן זונטאג ויקרא, ז' אדר הבעל"ט

### טויזנטער אויסגעצאלטע מעמבערס וועלן ערהאלטן "הבדלות" ביום הקהלה ז' אדר פון די געטרייע משמשי הקהלה

קומט אריבער צו אייער משמש און נעמט אייער הבדלה



### שטארקע ארויסקוק צו צענטראלע גורלות:

**1**

### פראכטפולע מיללער שטריימל





**2**

### פרייע פסח הוצאות פעקעדזש



אויסנאמליכער רוף פון הנהלת הקהלה:

# אויב האט איר נאכנישט אויסגעצאלט אייער דיוס, ביטע קומט אונז יעצט אנטקעגן און זייט ממלא אייער התחייבות!

צאלט יעצט אייער באלאנס, אל תפרוש מן הציבור!

**אומבאשרייבליכע ווארימקייט פון טויזענטער חברי הקהלה וואס האט ארויסגעשפראצט אין די טעג פון קאמפיין באגיסן חברי הנהלת הקהלה מיט הויפּענעם חיזוק**

זה נהנה וזה נהנה:

## טויזענטער חברי הקהלה געניסן שוין פון רייכע דיסקאונטס און בענעפיטן ביי העכער 40 געשעפטן אין יעצטיגן ערב יו"ט סעזאן מיט די נייע "תשפ"ד מעמבער קארטלעך"



4 סארטן קארטלעך ספעציעל ערצייגט צום היי יעריגן קאמפיין




ערשטמאליגע "אשת חבר" קארטל מיט ספעציעלע באזונדערע בענעפיטן אויפגענומען מיט הנאה ביי הונדערטער חברי זהב וכסף

תורה הוא ולשל"ם אני צריך:

## באגריסענדע מערהייט "חברי ולומדי הכולל" צאלן 'רעגולער' דמי חבר פרייז אקעגן צו קומען געטרייע הנהלת הקהלה

באזונדערע 'מעגל השנה גורל' און 'רייכע בענעפיטן' פראקלאמירט פאר לומדי הכולל וואס צאלן אויס רעגולער דמי חבר פרייז

**קיינער בלייבט נישט אינדרויסן, יעדער צאלט אויס זיין טייל, יעצט!**

בס"ד

# הזמנה נכבדה

מתכבדים אנו בזה להזמין את מעלת כבוד ידידינו אנשי שלומינו חברי קהלתינו הקדושה קהל יטב לב קרית יואל דפה מאנטשעסטער יצ"ו

לבא
להשתתף
בגוף וברוח נדיבה אצל

## מסיבה נהדרה

# בונים מאַנטשעסטער

שהננו עורכים בפקודת הקודש מנהיג עדתינו
כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

## ביום ב' פרשת ויקרא

משעה 8:30

בבית הרה"ח ר' **יוסף פנחס סטרולאָוויטש** שליט"א
154 Acres Rd

## להחזקת פעולות נצורות של 'התאחדות אברכים'

שע"י קהלתינו הק'
קהל יטב לב מאַנטשעסטער יצ"ו

המתנוסס לשם ולתפארת תחת דגלו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אשר הוא העמדתם להרבות תורה ויראה, הן בשיעורי תורה,
כולל ערב, כינוסים, תפארת בחורים, ועוד ועוד

והיות שכל זה עולה להוצאות רב ואין הקומץ משביע

**נא לבא לעזרת אחינו בשרינו למען הצלתם והעמדתם ביסודות איתנים**

אנא השתתפו בגוף ובנפש וברוח נדיבה! למען החזקת פעולות כבירים בתורה
ועבודה בתוככי אנשי שלומינו בעיר מאַנטשעסטער!

בזכות החזקת התורה תתברכו בכל ברכות האמורות בתורה ולא ימוש התורה מפינו ומפי זרעינו מעתה ועד עולם

**משה פריעדמאן** • **יוסף פנחס סטרולאוויטש** • **משה יצחק לעבערעכט**

משב"ק

ובניו וחתניו
יואל - יעקב מאיר - אברהם שלמה - מענדל הערש
ראזענבערג - נפתלי אלימלך ווייס - שמואל יואל ראאב -
שלמה לייב עלענבויגן - ישראל אהרן אייזדארפער -
יחזקאל פאשקעס - יוסף לייב פערלשטיין

ג"א מצטרפים שנבוא בעז"ה מהתם להכא למענינו ולמען עתיד דורותינו

**חיים ווייס** • **יחיאל מיכל הלוי שנעק** • **נחום דאנציגער**

ראה"ק • ראש המפעל • גבאי

פה מאנטשעסטער

YALCO Marketing | 718.675.6084

CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL

קה״ל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל

5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699

נתייסדה ע״י מרן רבינו הקוה״ט זי״ע • בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

בית המדרש הגדול | ביהמ״ד בית כהנא | בית המדרש ישמח משה | ביהמ״ד בית מרדכי לייב | ביהמ״ד בית יקותיאל | ביהמ״ד בית יעקב נחמי׳ | בית המדרש בית מאיר | בית המדרש בית יעקב | בית המדרש טיב לבב | ביהמ״ד מעריוואלד ס. | ביהמ״ד ווינטשעסטער | ביהמ״ד החדש איילענד ווייא

בס״ד

# ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר

בתלי״ת הננו בזה להודיע, לכל חברי קהלתינו הק׳, אשר בעהשי״ת

## ביום הפורים הבעל״ט

יקהלו המוני אנשי שלומינו לשוש ולשמוח אצל

# מעמד משתה ושמחה

במקהלות עם רב זקנים עם נערים, בקול רנה וצהלה מחולות וריקודים

## בראשות הגה״צ אב״ד ור״מ שליט״א

אשר ישמיע במשך המעמד דברי תורה ויראה בתוקף קדושת היום

## בשעה 7:30 אחצ״ה

## בהיכל בית המדרש הגדול

אף הן היו באותו הנס

**העזרת נשים יהי׳ פתוחה וגם בסניף החדש צד צפון**
**יהי׳ מקום מיוחד למען העזרת נשים**

יתר הפרטים ושאר זמני היום יתפרסמו בעז״ה

בכבוד רב

**הנהלת הקהלה**

משה קבל תורה מסיני, ומסר"ה לידושע, וידושע לזקנים, וזקנים לנביאים, ונביאים מסר"ה לאנשי כנסת הגדולה:

# שטורעמישע אַנטדעקונגען און היסטאָרישע דאָקומענטאַציעס פּרעזענטירט דורך 'מסורה' ערוואַרטעט ביים יהדות החרדית

## זעלטענע קלאָרע אַריינבליק אין דער גאַנצער מהלך פון אבותינו ורבותינו הק' אַנבאַלאַנגט חינוך הבנים והבנות על אדמת אמעריקע בימים ההם ובזמן הזה

**זאת המסור"ה לא תהא מוחלפת:**

וועד 'מסורה' האָט אין די לעצטע חדשים אינוועסטירט הונדערטער שעות פון פאָרש אַרבעט, ביז'ן אַראָפּפאָרן צו די רעגירונג רעגירונג ביבליאָטעקן אין אָלבאַני, נאָכצוגיין קראַנט ביז'ן גרונד די ריכטיגע פאַקטן איבער אלע 'עדיוקעישאָן געזעצן' במשך די לעצטע עטליכע הונדערט יאָר אויפ'ן אַמעריקאַנעם באָדן

**בדרך המסור"ה לנו:**

שלומי אמוני ישראל וועלן זיך באַקענען מיט היסטארישע קאפּיטלען, אין דעם הערצאָאישן געפּעכט צו צעמענטירן דעם ערליכן חינוך אין די פאַראייניגטע שטאַטן, אין דער תקופה ווען אמעריקע איז געווען א תל עולם און אן עולם התוהו פאר דעם חיים רוחניות, מיט אן איבערזיכט אַרום די לעגאלע גראַנגל געפירט דורך אנדערע מוסדות אין די בראשית יארן פאר אן ערליכן חינוך על אדמת אַמעריקע

ניו יאָרק. - מיט אַ שטייגנדע ערוואַרטונג און נאָכפראַגע טוט דאָס יהדות החרדית ערוואַרטן די אינהאַלטסרייכע און אינפאָרמאַטיווע בראָשורן, אַהערגעשטעלט דורך די ניי- געגרינדעטע 'וועד מסורה', וואָס וועט צום ערשטן מאָל אויפוויקלען אויף אַ קלאָרן און דעטאַלירטן פאַרנעם, די קורות ימי הדורות אַנבאַלאַנגט דער חינוך הדורות, בדרכו פון דעם רועה הנאמן, מרן רבינו הק' מסאַטמאַר זי"ע וכל קדושיו עמו, וואָס דינט אונז ווי אַ לייכטורעם און אַ וועגווייזער, ולאורו נסע ונלך.

### 'מסורה' – אונזער גאַראַנטיע אין דעם מבול פון נסיונות הזמן

דאָס נחיצות פון אַזאַ הייליגן מפעל ווי 'מסורה' איז געקומען צום אויבערפלאַך שטייענדיג אין אַ תקופה ווען די מרשיעי ברית האבן זיך ליידער געהויבן דאס קאפּ, על עמך יערמו סוד, מיטן ציל צו אריינדרינגען אין דעם אידישן סדר החינוך וועלכע איז געווארן אוועק געשטעלט דורך רבותינו הק' ובראשם מרן רבינו זי"ע.

ס'איז שוין לאַנגע יאָרן וואָס די שליחי עמך בית ישראל, די שתדלני הכלל בהדרכת הקודש פון די מנהיגי העדה וגדולי הרבנים שליט"א, זענען עוסק במסירת נפש צו באַקעמפן די ביטערע גזירה אויף אַלע פראָנטן, ווען דער גאַנצער מהלך המלחמה ווערט געפירט לויט דעם דרך העסקנות פון דעם פריערדיגן דור, וויאַזוי ס'איז אַראָפּגעשטעלט געוואָרן ויסודתו בהררי קודש דורך מרן רבינו הק' זי"ע, מיט אַ תפלה מעומק הלב אַז שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו והקב"ה יצילנו מידם.

אין אַזאַ גורל'דיגע תקופה איז ווירקליך פאַרבליבן די איינציגסטע עצה, צו איינפאַך נאָכגיין די פיס טריט, די עקבי הצאן פון די פריערדיגע גדולי ישראל אשר מפיהם אנו חיים, וועלכע האָבן בדם לבבם אַראָפּגעשטעלט דעם קראַנטן און ריכטיגן מהלך וויאַזוי צו איבערקומען אַלע גזירות המלכות, וואָס זייער הייליגער מהלך איז אונזער איינציגסטע גאַראַנטיע צו אַדורכשווימען די מים הזידונים אין דעם אריכות הגלות.

### דעם רבי'נס הייליגע מסורה; והוא שעמדה לאבותינו ולנו

שטייענדיג אין ברען פון די אָנגריפן פון די מרשיעי ברית און אינמיטן דער שווערער געראַנגל דורך די שליחי הכלל, די מנהלי המוסדות הק', וועלכע קעמפן מיט אַזויפיל הארעוואַניע און מיט אַזויפיל ריזיגע קאסטן קעגן די מזימות הרשע, איז



דעריבער אַ דבר בעתו צו איבער'חזר'ן דעם הייליגן דרך השתדלנות המסורה לנו מדור ודור, און גלייכצייטיג זיך באַקענען מיט דעם ריינעם מהלך פון חינוך וואָס דער רעיא מהימנא קדישא, מרן רבינו הק' זי"ע האָט קובע געווען פאר זיינע מוסדות הק' עד ביאת הגואל.

מיט אַ בליק אויף צוריק בלייבט דער מענטשליכער מח ערשטוינט און געפּלעפט ווען מען באַטראַכט די הימלישע חכמה אלוקות און סייעתא דשמיא וואָס האָט באַגלייט דעם הייליגן רבי'ן זי"ע, וואָס זייענדיג דער גרויסער גברא דמרא סייעא, האָט ער מכריע געווען בשעתו די קלאָרע הוראות אַנבאַלאַנגט דעם סדר הלימודים, אפילו ווען אַנדערע ערליכע אידן, וועלכע האָבן דאָ געוואוינט פון פריער האָבן אים געבעטן צו עפענען מוסדות לויט זייער פאַרשטאַנד און מהלך, אָבער בלויז שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט וויאַזוי עיניו הק' שפּיר חזו,

ווען מען באַטראַכט די היסטאָריע פון דעם חינוך הדורות על אדמת אַמעריקע קען אפילו אַ בלינדער זען און זיך איבערצייגן די הימלישע סייעתא דשמיא און פקחות וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט ווען 'דרך מרן רביה"ק זי"ע' האט געזיגט, הרבי מסאטמאר צודק!

אייגנטליך איז נישט אריבער קיין לאנגע תקופה, זינט דאָס התייסדות פון דאָס קליינע הייפעלע סאטמארער מוסדות אויף בעדפארד עוו. ווען אַלע האָבן פאַקטיש איינגעזען די ווייטגרייכנדע אויגן פון דעם רועה הנאמן וואָס אַדאַנק זיינע הוראות והדרכות, זענען די הייליגע מוסדות באַשיצט געוואָרן אַז די רעגירונג זאל נישט קענען אריין דרינגען מיט קיין לימודי תועבה ומינות ה"י, ווי עס וועט ברייט אויסגעשמועסט ווערן צווישן די בלעטער פון דער 'מסורה' אויסגאַבע.

## 'מסורה' אין די פּאָסט קעסטלעך פון יהדות הצרופה

אָט דערפאַר איז עס אַ געוואַלדיגע שמחה און ערוואַרטונג ביים יהדות החרדית, ווען אַ קבוצה פון בעלי בתים נכבדים, אנשי שם, אין שפּיץ פון רבנים ודיינים מפורסמים שליט"א האָבן זיך גענומען די מיה צו אויסקלאָרן און מברר זיין די פּשוט'ע פאַקטן און דאָס ברענגען פאַר'ן ציבור כשלחן הערוך ומוכן לפניהם.

אין לויף פון די לעצטע חדשים האָט דער וועד 'מסורה' אינוועסטירט אומגעהויערע אינטערוועניץ, צייט און שעות, צו נאָכגיין און אַראָפּשטעלן דאָס מציאות הדברים דורכאויס די היסטאָריע פון דעם חינוך אין אַמעריקע, וואו מען האָט נישט געלאָזט קיין שטיינדל אומבאַרירט צו טרעפן די אָריגינעלע דאָקומענטן, אַזש ביז'ן אָפּרייזן מיט אַ טירחא דגופא צו די רעגירונג הויפּטקוואַרטירן קיין אָלבאַני, וואו מען האָט דורכגענישטערט די אַרכיוון און אַנטדעקט פילע אינפאָרמאַטיווע דעטאַלן און פאַקטאָרן, וועלכע וועלן אויפגעוויקלט ווערן אין די קומענדיגע אויסגאַבעס דורך 'מסורה'.

לויט ווי עס ווערט איבערגעגעבן וועט 'מסורה' אָנהויבן בעז"ה ערשיינען אויף אַ קביעות'דיגן פאָרמאַט, מדי חודש בחדשו, מיט אַ סעריע פון דעטאַלירטע אַרטיקלען איבער אַ רייע טעמעס, אַלעס אַרום די ברענענדיגע נושאים פון דעם חינוך און איבער די דרכי השתדלות פון גדולי ישראל במשך הדורות, אַלעס באַגלייט מיט קראַנטע היסטאָרישע פאַקטן, וואָס וועט אי"ה אָנקומען צו די פאסט קעסטלעך פון אלפי יהדות החרדית, לידע את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון.

**יש אם למסור"ה! והימים האלו נזכרים ונעשים בכל דור ודור!**

# וואס 'וואלט' דער רבי זי"ע געטון אין אזא פאל?!

שלומי אמוני ישראל, תלמידי מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע, האלטן אַלעמאָל פאר די אויגן דעם הייליגן, קריטיש וויכטיגן, און שטאַנדהאַפטיגן כלל: "וואס וואלט דער רבי זי"ע געטון אויף אזא פאל?". מיט אָט דעם בליק און מיט אָט די הבחנה ווערן געמאכט די החלטות, און בלויז דאס איז דער וועגווייזער פאר די ערליכע מנהיגים, די עיני העדה און מורי הוראה, וזאת נחמתי בעניי צו וויסן את הדרך אשר ילכו בה.

די איינציגע גאַראַנטיע 'לבל ניטע ימין ושמאל' אין אלע שטורמישע תקופות, איז אונז אַלעמאָל פאַרבליבן אַ מעסטער און אַ וועג, דאס וואס מרן רביה"ק זי"ע האט אונז געלערנט; דער 'צאי לך בעקבי הצאן'! צו נאכפארשן און נאכגיין דעם אויסגעטרעטענעם וועג, דער 'דרך הכבושה' וואס די פריערדיגע צדיקים; די געטרייע פאסטוכער האבן אונז אויסגעטרעטן, וואָס דינט אלס נר לרגלינו צו באלייכטן אונזערע טריטן אין די טונקעלע גלות יארן.

'לולי תורתך שעשועי', ווען מיר זאלן מיט אונזער קטנות הדעת אליין באשליסן וואספארא דרך צו נעמען אין עניני יהדות, ובפרט ביי אזעלכע ענינים וועלכע רירן אן דעם שווארץ אפעל פון אויג, אן דעם הדרכה און קלארע יסודות וואס מרן רביה"ק האט אראפגעשטעלט אויף יעדן תג ותג. דאן 'אז אבדתי בעניי'!

אָט דער הייליגער גייסט וואס מרן רביה"ק האט איינגעפלאנצט אין אונז, דאָס ווערט כסדר גע'חזר'ט ביי תלמידי מרן רביה"ק זי"ע. און מען זעט ווירקליך ווי דער רבי זי"ע לעבט! זיינע פסקים, זיינע שאיפות און אלע זיינע הייליגע מפעלים וואקסט און בליהט שטייענדיג ביי כמעט א חצי יובל זינט יענעם ביטערן טאג כ"ו אב ווען נחשכו המאורות.

היינט קוקענדיג אויף צוריק איז דאך קענטיג בחוש דעם 'רוח הקודש שהופיע בבית מדרשו', ווען אזויפיל הוראות און קלארע הדרכות וואס מרן רביה"ק זי"ע האט אויסגעשמועסט און דאס ברייט מסביר געווען, וואס האט דאן אויסגעזען אלס זעלבסטפארשטענליך, אבער זיינע הייליגע שמועסן און הוראות ברורות באגלייטן אונז ביז'ן היינטיגן טאג אויף יעדן אספעקט און געביט. אנדעם זענען מיר ווי פארלוירענע שאף.

## אזהו חכם הרואה את הנולד כבר

אויב איז דאס אלעס געזאגט געווארן ווען מען דארף 'משער' זיין און זיך 'פארשטעלן' וואס 'וואלט' מרן רביה"ק זי"ע געטון אין אזא פאַל, איז דאך 'על אחת כמה וכמה' ווען מען דארף באהאנדלען די האקעלע נושא פון חינוך




הבנים והבנות אויף וואס מרן רביה"ק זי"ע האט אונז נישט איבערגעלאזט בלאָנדזשן, נאָר ער האָט אונז יא אראפגעשטעלט און אנגעוויזן די יסודות ברורות אויף יעדן געביט, סיי בכמות, און סיי באיכות, וואס איז מיט א בהירות געווארן אדורכגעטון ביים לייגן די סאמע גרינדן פון אידישקייט אויפן הארטן אמעריקאנעם באדן.

די שאלה און די אינטערעסע פון ערליכע אידן איז נישט וואס 'וואלט' מרן רביה"ק זי"ע געטון אין אזא פאל. די פראגע איז קלאר און צום פּינטל: וואס 'האט' דער רבי זי"ע געטון אין אזא פאַל?! ווען בלויז זיינע הדרכות און העכערע הוראות דינט אלס אורים ותומים און קלארע קאמפאס ווייטער אנצוהאלטן דעם דרך 'המסורה' לנו ולבל ניטע ממנו ימין ושמאל.

כל מה שאירע ליעקב אירע ליוסף! אלעס וואס איז נוגע פאַר אונז, אין די יעצטיגע שווערע צייטן בעיקבתא דמשיחא, קענען מיר וויסן בלויז דורך זיך אריינטון אין זיך מעמיק זיין אין די העכערע הייליגע הנהגה און יסודות, בלויז דורך אויפוויקלען און זיך נאנט באקענען מיט די קורות הדורות מימים ההם, וואָס דורכדעם קענען מיר זייער לייכט פאַרשטיין דעם אויספיר לזמן הזה. ומינה לא נזיע! כי בנפשינו הדבר.

דאָס איז ווירקליך פאַרוואָס סאַטמאַרער חסידים קוקן אַזוי אַרויס אויף די ערשיינונג פון די חודש'ליכע "מסורה" קונטרסים, וואָס וועט זיין באַגלייט מיט די אָריגינעלע דאָקומענטאַציעס, בריוו, עדות'שאַפן און זכרונות, וואָס איז דאך אַזוי שטאַרק נוגע הלכה למעשה, זיך צו באקענען און אפלערנען דעם הייליגן דעת תורה פון דעם צדיק הדורות, צו באַפעסטיגן דעם דרך האמת און צו באלייכטן די אויגן פון ערליכע אידן וואָס קלאַמערן זיך אויף זיינע הוראות בקודש און ווילן אויספאָלגן זיינע הייליגע דרכים ושיטתו הקדושה.

'מסורה' איז דא צו ברענגען צו אלפי תלמידי וחיסידי סאַטמאַר קלאָרע און קראַנטע ידיעות איבער יעדן אַספּעקט פון די ענינים העומדים על הפרק. אַריינגערעכנט אַלע אינפאָרמאַציע איבער דאָס געזעץ, הוראות הקודש, עדיוקעישאן דעפארטמענט, געריכטן אין יענע היסטארישע תקופות, א.א.וו. וואָס דאָס אַלעס צוזאַמען פאָרמירט און שטעלט קלאָר אז אונזער פראגע איז נישט: "וואס 'וואלט' מרן רביה"ק זי"ע געטון אין אזא פאל?!" נאר די פראגע ביי סאַטמאַרער תלמידים איז לויטער קלאָר:

**"וואס 'האט' דער רבי זי"ע געטון אין אזא פאל?!"**

**ערוואַרטעט אין די פּאסט קעסטלעך אין די קומענדיגע טעג פאר אלפי תלמידי וחסידי סאַטמאַר, ההולכים לאורו הק'**

# פלייצנדע פרייד-כוואַליעס צום אנהייבן פאַקטישע אויפבוי פון 2 פראַכטיגע "בנֹיני ישיבה קטנה" אויף גיגאַנטישן "קרית הישיבות-נחלת אברהם"

## העפטיגע קאַנסטרוקציע אַריין אין פולשטענדיגן קראַפט תיכף ומיד נאָכ'ן ערהאַלטן ענדגילטיגע "בילדינג פערמיטן" פונעם "טאַון אָוו ניו ווינדסאַר"

אוֹרָה, וְשִׂמְחָה, וְשָׂשׂוֹן, וִיקָר:

### מולטי מיליאָן-דאָלערדיגער פראָיעקט אויפ'ן וועג צו ערצייגן צוויי אויג-פאַרכאַפנדע שפּאָגל-נייע בנינים, 15,000 סקווער-פיס איטליכער, אַהערשטעלנדיג קאָלעקטיוו אַ

# 30,000 מאַיעסטעטישע סקווער-פיס ישיבות אימפעריע

אין צוגאָב צו עקזיסטירנדן בנין אלידו וואָס באַשטייט 20,000 סקווער פיס

**אַ ס"ה פון 50,000 סקווער פיס אויפ'ן קרית הישיבות, אַנטשפרעכנדיג מולטי ריזן ישיבות-געביידעס-קאָמפּלעקס!**

וְאֵת יְקָר תִּפְאֶרֶת גְּדוּלָּתוֹ:

**צוויי מאַיעסטעטישע "בניני אלידו" וועלן אַקאָמאָדירן צוויי באַזונדערע סניפי הישיבות מיט'ן שענסטן כבוד התורה להגדילה ולהאדירה מיד ולדורות**

קרית יואל רבתי. – דער "מרבין בשמחה" אין קרית יואל ווערט באַקרוינט מיט אַ פילפאַכיגן באַדייט בחודש אדר תשפ"ד, ווען מיט אַ באַגייסטערטע איבערראשונג, טוען אלפי תושבי העיר אויפנעמען די פריידיגע בשורה מרנינה אז מ'איז נישט בלויז "מרבין בשמחה" – מ'איז "מרבין בהרחבת גבולי הקדושה"! אַ פרישער פראָיעקט אדיר, אין קרית יואל'ער בניית בנינים פייפליין, איז אַריין אין פאַקטישער אויפבוי

בסייעתא דשמיא!

מוסדות קרית יואל איז בסייעתא דשמיא אַריינגעשפרינגען מיט אַלע כוחות אינעם "אז החלו לבנותו" פאַזע, מיט'ן אנהייבן די פאַקטישע ארבעט אויפצובויען דעם גיגאַנטישן נייעם ריזן ישיבות-קאמפלעקס אויפ'ן "קרית הישיבות" אין ניו ווינדסאַר, צו קענען קוואַרטירן נאָך צוויי סניפי "ישיבות קטנות", אין אייגענע מלכות'דיגע בנינים, אַלס

פערמאַנענטע אכסני' של תורה – מיד ולדורות.

### בַּיּוֹם הַהוּא, שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב: די שמחה ביים אָפקויפן דעם גיגאַנטישן קרית הישיבות

מיט קנאַפע דריי יאָר צוריק האָט דער אפקויף פון דעם נייעם

שטחים-קאמפלעקס אין שכינות'דיגן ניו ווינדסאַר בשעתו געבראכן א היסטאָרישן פרעצעדענט, זייענדיג די סאַמע גרעסטע פראָפערטי וואס ק"ק ומוסדות סאטמאר האָט סיי ווען אין די לעצטערע צענדליגער יארן געקויפט אין קרית יואל וגלילותי', גאַנצע 22 אַקער-לאַנד – אַן אומגעהויערע גרויסקייט!!

עס געדענקט זיך נאך ביי יעדן ווי ס'וואלט געווען בלויז מיט עטליכע

חדשים צוריק, ווען דער היסטארישער אפקויף האט דעמאנסטרירט א פרעצעדענטלאָזע דערגרייכונג ווען פילאַנטראָפּישע מאַגנאַטן פון סאַטמאַר קרית יואל האבן אראפגעלייגט די "גאַנצע סומע פון קרוב צו 3 מיליאָן דאָלער" ביים קלאָוזינג, און מיט דעם אריינגעברענגט דעם ריזן שטח מיט איין עקזיסטירנדיגער בנין אונטער די אייגנטומערשאַפט פון קרית יואל'ער מוסדות גענצליך אָן קיין שום מאָרגעדזש!

# וְאֶת-יְקָר, תִּפְאֶרֶת גְּדוּלָּתוֹ: די נייע גאָלדענע עפּאָכע אין "קרית הישיבות - נחלת אברהם"

דער גאנצער ריזיג-גרויסער שטח וואס איז דעמאלט מיט אן אויסטערלישע און אפענע סייעתא דשמיא אריין אונטער דאס בעלות פון "מוסדות קרית יואל" איז ווי א פולשטענדיגע שטאָט פאַר זיך, אַ מאַסיווער קאָמפּלעקס פון ריזיגע ליידיגע שטחים, צו קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה אויף אַן אויסערגעוועהנליכן פאַרנעם, ממש ווי מ'האָט עס פון הימל צוגעגרייט און פאַרגעברייט צום באַנוץ פון די הייליגע מוסדות.

פון די ערשטע מינוט איז שוין דאָרט געזעסן אויף דעם שטח א הערליכע ריזן געביידע פון 20,000 סקווער-פיס מיט אלע נויטיגע אינסטולאַציעס און צוגעהערן, ווי דער "הנה בית המן נתתי לאסתר", דער כונן עולם מראש האָט צוגעגרייט אַ מלוכה פון פאַראויס אַז די הייליגע מוסדות ותלמידי' זאָלן דאָס קענען איבערנעמען ללמוד וללמד לשמור ולעשות, אַלס סדנא דארעא מיט די הייליגע שטאָט קרית יואל ומבצר מוסדותי'.

אָט דעם בנין האט מען פאַקטיש דאַן בשעתו הערליך איבערגעבויעט, בנדבת לבו פונעם גרויסן נדיב, און אין א בליץ-קורצע צייט עס אהערגעשטעלט אלס בנין מפואר ונהדר, וואו שוין צוויי יאר הילכט דארט א קול תורה אדיר וחזק, מיט א הצלחה נפלאה עד אין שיעור וערך.

אין גאנץ קרית יואל קלינגט די הערליכע גריסן פון די אויסטערלישע הצלחה פון דער אָפּטיילונג, וואו די טייערע בחורי חמד תלמידי ישיבה קטנה, הערוועון אויף די תורה הקדושה, עס דינערן דארטן די הייסע קאכעדיגע תפילות פון די תלמידים היקרים, בחורי ישראל שטייגן שוין דארט אויפן הייליגן לעכטיגן אויסגעטראטענעם דרך פונעם מייסד עיר הקודש מרן רביה"ק זי"ע, אין א רואיגע געשמאקע אטמאספערע, ריין און לויטער, אַוועק פון דער רוישיגער שטאָט, ממש מעין עולם הבא – א ברכה פאר די בחורי חמד און זייער חינוך הטהור!

## יַחְפֹּץ לַעֲשׂוֹת יְקָר יוֹתֵר: איין בנין איז נישט גענוג! מ'גייט בויען נאָך צוויייי!!!

אבער, מ'האָט – ווי אלעמאל אין מוסדות קרית יואל – זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם וואָס מ'האָט שוין עררייכט. מען האט זיך פאר קיין רגע נישט אפגעשטעלט, מען איז נישט געווארן באפרידיגט אז מען א ריזן שטח מיט איין הערליכער בנין מפואר, די הנהלת המוסדות איז נישט געזעסן קיין איין איינציגן טאָג מיט צוזאמגעלייגטע הענט.

מ'האָט דאָ געהאַט אַ לאַנג-טערמיניגע וויזיע פאַר די אויגן, און צו 'דעם' האָט מען געוואָלט צוקומען, און צו דעם היכפּונקט האָט מען די גאַנצע צייט געשטרעבט.

מ'האט אינוועסטירט כוחות עצומות, געלט, בליה, שווייס, זיצנדיג מיט עסקנים און נגידים, מיט אַ ריי ברייטע און קלארע פלענער פאַר'ן "מאַקסימום באַנוץ" פון דעם שטח, וואָס קען ערהאלטן פיל מער ווי בלויז איין בנין.

אוצרות מיט געלט, שתדלנות, יגיעה, איז אריין אין די לעצטע צוויי יאָר, קענען ערהאלטן לעגאלע אפּראוועלס און פערמיטן צו קענען אויפשטעלן נאך צוויי ריזיגע מלכות'דיגע בנינים פאַר'ן מבצר הישיבות דקרית יואל.





בנינים פאר א ישיבה קטנה קען דאך נישט פלאַצירט ווערן סיי וואו און סיי וויאזוי, עס מוז זיין קוואַרטירט, אויפגעבויעט און וועקגעשטעלט, בהשכל ובדעת, מיט פאַרשידענע פאַרלאַנגען וואָס פעלן



זיך אויס לטובתם ולמען הצלחתם, בכלל ובפרט.

יעדע פּלאַן, וכל נקודה ונקודה, האָט מען דורכגערעדט מיט די מנהלים רוחניים און כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וואָס עינו ולבו כל הימים אין די הייליגע מוסדות אין קרית יואל, ווען דער דעת תורה איז דער לעצטער באַשלוס על כל הנעשה.

מיט באַשיינפּערליכער סייעתא דשמיא, מיט דעם הייליגן כח און זכות פון מייסד הקדוש, כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, האט מען ב"ה – נאך לאַנגע פּאַרצויגענע חדשים וואס די געטרייע חברי הנהלת המוסדות ועסקנים חשובים פון "ועד קרן הבנין להקים" אין שפּיץ פונעם מוסדות אדמיניסטראַטאר הרה"ח ר' משה אלי' עסטרייכער הי"ו זענען געווען פאַרמישט אין העפטיגע אינטערוועוענצן און אינטענסיווע פאַרהאַנדלונגען מיט די לעגאלע אינסטאַנצן – ענדליך ענדליך ערהאַלטן אלע נויטיגע אפראוועלס און פערמיטן צו קענען אויפבויען צוויי ריזיגע פּרעכטיגע בנינים אדירים, צוויי מלכות'דיגע "בניני אליהו" פאַר צוויי באַזונדערע סניפי הישיבות מיטן שענסטן כבוד התורה להגדילה ולהאדירה.

## בִּרְחוֹב הָעִיר, וְקָרְאוּ לְפָנָיו, כָּכָה יֵעָשֶׂה: אַזוי בויעט סאַטמאַר קרית יואל!!!

דעם פארלאפענעם ערב סוכות איז ערהאלטן געווארן די "זאונינג" פּערמיטן, נאך א לאנגע פארצויגענע פראצעדור, וואס איז געווען דער שטארקסטער לעגאלער דורכברוך צו עפענען דעם וועג פאר'ן בעפארשטייענדן אויפבוי.

ווי די "זאונינג" איז געווארן דורכגעפירט, איז מען געגאנגען צום נעקסטן שטאפל פון פיילן די "בילדינג פּלענס", צו קענען ערהאלטן די ערלויבעניש אויף די פּלענס גופא צו ווערן באשטעטיגט אויפצובויען די סטרוקטורן. דאס האט גענומען נאָך עטליכע חדשים פון ביוראָקראַטישע פּראָצעדורן, ביז געציילטע וואָכן צוריק, ווען מ'האט דאס אויך ערהאַלטן בסייעתא דשמיא.





ממש תיכף ומיד נאכן ערהאַלטן די נויטיגע פאַפירן פון די לעגאַלע איסטאַנצן, בליץ שנעל, אָן ווארטן קיין איבריגע מינוט, האט מען זאָפארטיג זיך גענומען צו דער אַרבעט, והתחילו לבנות לה' אלקי ישראל!!!

אין א באַלדיגע גאַלאָפּ האבן עטליכע טראַקטאָרן געאַנקערט אויפ'ן ריזן שטח און זיך גענומען צו דער עבודת הבני' מיט'ן פולסטן טעמפּאָ! מען האט אנגעהויבן – אין ערשטן שטאַפל – מיט'ן אויסהאַקן און אוועקטראָגן די פילע ביימער וואס זענען געשטאַנען אויף דער פּראָפּערטי, ווען די ברייטע גאָפּלען האבן אויפגעאַקערט דעם ריזיגער ענדלאָזער שטח צו קענען אנהייבן די מלאכת הבני'.

אצינד רוקט מען זיך פאראויס ווייטער מיט'ן אויפגראָבן די שטחים וואו מ'וועט אי"ה אויפבויען די בנינים, צו קענען גיסן די מאַסיווע פונדאַמענטן, און דאן זיך נעמען ארויפציען די געביידעס אין א בליץ שנעלקייט.

ווי די פּלענס ציגן, האנדעלט זיך פון "צוויי באזונדערע בנינים אדירים וואס ווערן געבויעט אויפאיינמאל", 15,000 סקווער-פיס איטליכער, וואס דאס וועט ערצייגן נייע מאַיעסטעטישע 30,000 סקווער-פיס פון בלויז "קרית יואל ישיבות אימפּעריע", און אין צוגאָב צום עקזיסטירנדן בנין אליהו פון 20,000 סקווער פיס.

קאָלעקטיוו ציילט זיך דא א דראמאטישע סך הכל פון 50,000 סקווער פיס אויפן קרית הישיבות, אַנטשפּרעכנדיג א מולטי ריזן ישיבות-געביידעס-קאָמפּלעקס פאר די עיר רבתי עם קרית יואל ואלפי תושבי', וואָס זייערע קינדער, זייערע בחורי חמד, וועלן דאָ נתחנך ווערן בדרך התורה והיראה, כי כן צוה המלך, מאן מלכי רבנן, רבינו הקדוש והטהור זי"ע.

## שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן לַאֲנַ"שׁ: ווען מ'זעט אומאויפהערליכע פּראָגרעס איז די שמחה אין לשער!

אַ פריידיגער "שהחיינו" רייסט זיך ארויס פון די הערצער, זעענדיג די בילדער וואָס דערציילן לעבעדיג, אז דא האנדעלט זיך שוין נישט פון קיין פּלענער – נאָר דאָ האַלט מען שוין פעסט אינמיטן די בוי אַרבעט, אויף אלע פראָנטן.

מען ארבעט, מען בויעט, מען האקט ביימער, מ'גראבט פרישע יסודות פארן עתיד הדורות, עס קומט אַרויף אַ ריכטיגער "בית המלכות", אַ מאַיעסטעטישער פּראַכט לתפארת העיר קרית יואל ומוסדותי'!!

כי עין בעין יראו, מ'זעט מיט די אויגן ווי דער כח הקדושה והאמת בעיר עוז לנו צעבליעט זיך אזוי וואונדערליך, אויף אזא אויסערגעוועגליכן פארנעם, און ס'ווערן אראפּגעשטעלט יסודות איתנים ונאמנים פאר'ן ווייטערדיגן שטאַנדהאַפטיגן און פעלזן-פעסטן וואוקס פון די מוסדות, פון די ישיבה, פון די דורות, וואָס באַדייט די וואוקס פון דער גאַנצער ערליכער עדה הקדושה אין קרית יואל!

דערצו ווען דאס קומט אלס נאך א בליאַטשקענדע דיאַמאַנט אין גאָלדענעם קייט פון אַזויפיל פּאָזיטיווע געשעענישן צו הייבן די מוסדות בכמות ובאיכות אין יעדן געביט, צו סטאַביליזירן און פארפעסטיגן דעם עצם קום המוסדות, איז דאָך די שמחה נאך פילפאַכיג מער!

מ'קווועלט דאָס מיטצוהאַלטן, און מ'איז דאַנקבאַר די מסירת-נפש'דיגע עומדים בראש פון די מוסדות הק', וועלכע רוען נישט, זיי זענען זיך מקריב חלבם ודמם, צו שטיין ביים רודער פון די הייליגע אימפּעריע און ערמעגליכן איר ווייטערדיגע בלי' און וואוקס, און מ'איז מתפלל מעומק הלב אז דער זכות פונעם צדיק הדורות וואָס האָט בדם לבבו געגרינדעט די שטאָט מיט אירע מוסדות הק', יעזור ויגן ויושיע צו קענען ווייטער פּאָרזעצן מחיל אל חיל, ביתר שאת וביתר עז, ביז מ'וועט שין זוכה זיין צום בנין בית מקדשינו ותפארתינו, ומלכינו בראשינו בב"א.

**וְהָעִיר קִרְיַת יוֹאֵל צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה! מ'זעט פאַר די אויגן! דעם פּרעכטיגן הוה, דעם גאָלדענעם עתיד, און דאָס האַרץ זינגט: אשרינו מה טוב חלקינו!**

# קרית יואל אונטער קאָנסטרוקציע

רעדנדיג פון די שוין היינט וועלט באקאַנטע "קרית יואל'ער הרחבת גבולי הקדושה" לאזט זיך פשוט נישט גלייבן וואס עס טוט זיך אלס אפּ ווען מ'רעדט פון הרחבת הגבולים אין די הייליגע קרית יואל'ער מוסדות.

אינעם קרית הישיבות בויעט זיך צוויי פּרעכטיגע באַזונדערע אימפּעריעס, די ארבעט מאַרשירט פאָראויס, מען גראָבט שוין די יסודות אויף אַ ריזן שטח וואס מיט קנאַפּע עטליכע וואכן צוריק איז דארט געווען א פוסטער פעלד מיט גראָז און ביימער, מען אַרבעט אָן אָפּשטעל.

אבער אין קרית יואל בויעט מען נישט מיט בלויז איין טראקטאָר...

אין פאַקט, יעצט שרייבנדיג די שורות, זענען עטליכע באזונדערע גאסן ארום אונזער הייליגע שטאט באלאַגערט מיט פעסטע אָנגייענדע קאנסטרוקציע סייטס פאר די דראַמאַטישע שטייגענדע בליה און וואוקס פון אונזערע טייערע קינדער צווישן די ווענט פון די מוסדות הקדושים.

כאַפּנדיג א בליק ביים פּראַכטפולער גיגאַנטישער "בנין בית רחל החדש" שטראלן די אויגן אָבזערווירנדיג וויאזוי די טאג-טעגליכע קאָנסטרוקציע אפּעראציע רוהט נישט פאר קיין רגע, עס שטייט נישט ליידיג קיין איין מינוט, יעדן איינציגן טאג, טאג איין טאג אויס, געפינען זיך אויפ'ן שטח עטליכע באזונדערע קאמפּאניס וועלכע ארבעטן אומאויפהערליך צו פאראויסרוקן די בוי ארבעט אויפ'ן שנעלסטן פארנעם וואס נאר שייך.

ווידער ווען מ'קומט אן צום לארקין גאס אנטפּלעקט זיך דאס זעלביגער בילד, מען בויעט און מען בויעט, עס רוקט זיך ארויף א שטאק נאך א שטאק, נאך א כתה און נאך צימער, דער פּראכטפולער "בנין ישראל דוב" רוקט זיך פאראויס מיט יעדן פארבייגייענדן טאג, עס בויעט זיך נאך א רינגעלע און נאך א רינגעלע, עס לאזט זיך פּשטוט נישט גלייבן, עס וואקסן בנינים אדירים ומפוארים, פּרעכטיגע בנינים פארן שטאלץ און עתיד פונעם הייליגן ירושה וואס קרית יואל פארמאגט

קרית יואל שטייט געפלעפּט. מען מאַרשירט פאָראויס אין הרחבת גבולי הקדושה אן קיין גרעניץ; דאָ גראָבט מען, דאָ בויעט מען, דאָ הייבט מען, אזוי שטארק, אזוי מאַכטפּול, און אַלעס דורכגעטראַכט, פּלאַנמעסיג, פעלזן-פעסט, שטאַרק אויפגעבויעט פאַר'ן יסוד ועתיד – ס'איז דאָך ממש "הקול נשמע 'בכל' גבוליך הרחיבי מקום אהלך" במלוא מובן המילה!

**עֲלֵיהֶם וְעַל זַרְעָם לִהְיוֹת בּוֹנִים!**



# תורה'דיגע מאַניפעסטאַציע ביי מעמד "סיום הש"ס רבתי" אינאיינעם מיט שמחת "הכנסת ספר תורה" דורך גליקליכע לומדי חבורת "ללמוד"

**לכו"ע בשבת נתנה תורה! פייערליכער שמחת הכנסת ספר תורה געפּראַוועט געוואָרן בעצם יום השב"ק; שוין צווייטע ספר תורה וואָס ווערט געשריבן דורך בני החבורה**

**נאָך אַכצן יאָר פון לערנען מסכתות הש"ס האָבן די נאָענט צו הונדערט בני החבורה זוכה געווען לסיים כל הש"ס, פּאָרגעלערנט דורך הרב מרדכי הערש שפּיצער שליט"א, ראש החבורה**

**פּרעכטיגער מעמד בהשתתפות כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספּינקא שליט"א מיט פייערדיגע דרשות בנועם מתיקות התורה הקדושה דערהייבט אלעמען מיט אַ טיפע הודאה על העבר ובקשה על העתיד לילך מחיל אל חיל**

קרית יואל. – "שישו ושמחו בשמחת התורה" איז געווען דער אויסדרוק פון די פרייליכע שטראַלנדע חתני התורה, די נאָענט צו הונדערט חברים אין דער "חבורת ללמוד", בנשיאות כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספּינקא שליט"א, וואָס האָבן זוכה געווען די פאַרלאָפענע וואָך צו פּראַווען זייער אייגענע 'יומא טבא לרבנן', ביי דער מלכות'דיגער מעמד "סיום הש"ס רבתי", ווען נאָך לאַנגע יאָרן פון לערנען מסכתות הש"ס האָט מען ב"ה מברך געווען על המוגמר און מסיים געווען גאַנץ ש"ס בידיעה ברורה! אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו!

די נאָבעלע חבורת 'ללמוד', איז וואויל באַרימט אַלס אַ פנת יקרת אין דער שטאָט קרית יואל, זייענדיג פקיע שמיה ווען עס קומען טעגליך די פילע חברי חבורה וועלכע רייסט זיך אוועק נאך א טאג ארבעטן און האַלטן זיך צוזאַמען מיט לימוד התורה וואו מען לערנט אינאיינעם איין מסכת נאך די אנדערע, אין שפּיץ פונעם באַגאַבטן ראש החבורה, הרה"ג רבי מרדכי הערש שפּיצער שליט"א, ראש ישיבת תורת צבי ספּינקא, וועלכער לערנט פאָר די טעגליכע שיעורים מיט געשמאק און טעם, און באַגלייט די בני החבורה צו שטייגן אינאיינעם בסולם העולה בית קל.

אַצינד האָט די שמחת התורה דערגרייכט צו הימלישע שטאַפּלען, ווען די נאָענט צו הונדערט משתתפי החבורה, האָבן ב"ה זוכה געווען ברוב עמל ויגיעה פון אַכצן יאָר, צו אַזאַ מאָמענט פון סיום כל הש"ס כולו, ואשרי עין ראתה קהל קדושים רוגשים! די לומדי תורתיך, די בני חבורתא קדישתא הדין, וועלכע האָבן אַזויפיל תורה איינגעזאַפּט, אזא קשר אמיץ ואמיתי אָנגעקניפּט מיט די תורה הקדושה, מה טוב חלקם וחבלם!

שטייענדיג ביי אַזאַ פריידיגע און היסטאָרישע מאָמענט איז דאָס אָפּגעראָכטן געוואָרן מיט אַ דאָפּלטע מאורע נשגבה לכבודה של תורה, אינאיינעם מיט אַ שמחת הכנסת ספר תורה פאר אַ נייע ספר תורה וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך די בני החבורה. - אייגנטליך איז דאָס שוין די צווייטע מאָל וואָס די חברים פון חבורת 'ללמוד' שרייבן אינאיינעם אַ ספר תורה. דאָסמאָל איז די ספר תורה אָנגעהויבן שרייבן ביי די אומפאַרגעסליכע ביטערע 'קאָוויד' תקופה ווען מען האָט זיך צוזאַמגענומען מיט'ן כח הרבים צו פאַרמערן זכותים מיט אן אהבת חברים, כאיש אחד בלב אחד.

## מעמדי כתיבת ספר תורה

די גרויסע שמחה האָט זיך שוין אָנגעהויבן מיטוואָך פרשת ויקהל אָוונט, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער געהויבענער מעמד כתיבת האותיות פאר די חברי החבורה בביתו נאוה פון דעם ספּינקער רבי שליט"א אין וויליאַמסבורג, נאָכגעפאָלגט מיט אַ מעמד לחיים ודברי ברכה ושירה וזמרה.

אויף צומאָרגנס, דאָנערשטאָג ויקהל, איז געווען 'כתיבת אותיות' פאַר'ן ציבור תושבי קרית יואל, אין שטוב פון הר"ר יואל לעווי הי"ו, ממסיימי החבורה.

## דער מעמד הנהדר "חגיגת ספר תורה" בעצם יום השב"ק

לרגל די שמחה הגדולה איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שאַטער רחבת ידים אויף די 'טעיטש' גאַס, און שבת אינדערפרי, באַלד נאָך תפלת שחרית און בעפאָר קריאת התורה, איז דער גאַנצער ציבור מתפללים אַריבער לקראת דער ספר תורה, צו דעם שטוב פון מו"ה שלום אליעזר בערגער הי"ו.

די ספר תורה איז אַרויסגעפירט געוואָרן בקול רנה ותודה והמון חוגג, דורך הרה"ג יעקב אלימלך שפּיצער שליט"א, מען האָט ספּאָנטאַניש אויסגעבראָכן אין פרייליכע טענץ, און באַגלייט די נייע תורה בתופים ובמחולות מיט אויפגעהייטערטע געפילן, צום גרויסן שאַטער, וואָס איז געווען פול געפּאַקט מיט תושבי העיר וועלכע האָבן אַ לענגערע צייט זיך מיטגעפריידט און זיך משמח זיין מיט לעבעדיגע טענץ לכבודה של תורה. ובאו כולם בברית יחד- עליונים ששו ותחתונים עלזו!

נאָך די ריקודין של שמחה איז דער ציבור אַריין אין בית המדרש וואו ס'איז פאָרגעזאָגט געוואָרן מיט אַ געוואַלדיגע התעוררות די פּסוקי תהלים, און און טאַקע גלייך האָט מען באנייעט דעם נייעם ספר, ביי דער קריאת התורה ביום השב"ק, מיט'ן ליינען די פּרשת השבוע און דערנאָך פּרשת שקלים, וואו ס'האט זיך אנגעזען א געוואלדיגע ערנסטקייט די גאנצע צייט, צו געבן דעם ריכטיגן כבוד פארן נייעם ספר.

נאָך תפלת המוספין איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אַ ברייטהארציגער קידושא רבא לרגל שמחת התורה ולהתענג בתענוגים לכבוד השבת, מיט דברי תורה און זמירות שב"ק, צוגעשטעלט אויף אַ רחבות'דיגן פאַרנעם, שישו ושמחו בשמחת התורה כי הוא לנו עוז ואורה!



## במוצאי יום מנוחה; פייערליכע חגיגת סיום הש"ס לגמרה של תורה

מוצאי שב"ק איז געפּראַוועט געוואָרן ברוב עם הדרת מלך דער גרויסער חגיגה פון "סיום הש"ס" און "סעודת הכנסת ספר תורה", אין די פּרעכטיגע זאלן פון "גינת קליין", וואָס איז הערליך צוגעגרייט געוואָרן מיט רייך-געדעקטע טישן, אַז דער מעמד זאָל טראָגן מיט זיך אַ מלכות'דיגן פּראכט לכבודם פון די טייערע יונגעלייט וועלכע זענען עוסק על המחי' ועל הכלכלה, אָבער זענען אָנגעבינדן בקשר אמיץ מיט די תורה הקדושה; זיי לערנען און ענדיגן יעדן חודש אַזויפיל בלעטער גמרא מיט אַ געשמאַק און חדוותא דשמעתתא, באַגלייט פון אַזאַ פעסטן מסגרת וואָס איז מתנוסס לתפארה לשם ולתפארת.

אַ באַזונדערע פּראַכט האָט צוגעגעבן די שיינע מחזות ווען דער זאל איז געווען באַזעצט מיט די פּילצאָליגע שטאָלצע עלטערן פון די בני החבורה, עטרת זקנים בנים, וועלכע זענען זיך געקומען מיטפרייען בשמחת צאצאיהם, מיט אַ געוואַלדיגע נחת דקדושה במדה גדושה.

אַזוי אויך איז געווען קענטיג די באַשטימטע פּלעצער פאר די רבנן ותלמידיהון, די פרחי כהונה, בחורי חמד פון תלמידי ישיבת תורת צבי ספּינקא, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט מיט זייער איידעלע באַנעמונג, זייענדיג אויך אַ טייל פון דער שמחה פון דעם באַליבטן ראש ישיבה שליט"א.

בשיר וקול תור"ה האָבן מהנה געווען די היימישע בעלי השיר בכלי שירה, אין שפּיץ פון ר' אברהם מרדכי שוואַרץ הי"ו, וועלכע האָבן לענגאויס די נאַכט אַריינגעברענגט אַ געשמאַקע לעבהאַפטיגע אַטמאָספערע, הזורעים בדמעה ברינ"ה יקצורו, מיט אַ רינה של תורה ותודה, ווי ס'פּאַסט זיך פאַר אַזאַ מעמד נהדר לכבודה של תורה.

מטעם די חבורה איז אַהערגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע געניטע סדר אויך פאר די תינוקות של בית רבן, די יונגערע קינדער פון די גליקליכע מסיימים, וואָס זענען געוואָרן באַגלייט דורך חשוב'ע מלמדים וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט די צאן קדשים מיט באַזונדערע פּראָגראַמען להחיות בהם נפש כל חי.

## דרשות נפלאות להחיות בהם נפש חי

אָלס יושב ראש האָט געדינט דער באַגאַבטער לשון לימודים, הרב יואל שטויבער שליט"א, אליינס אַ גליקליכער מסיים הש"ס. וועלכער האָט מיט אַ געשמאַק איינגעלייטעט דעם מעמד מיט קולע אל השערה'דיגע געדאנקען, ארויסגעשעפּט ממעיני הש"ס וספרי קודש, וואס האבן געהאלטן געשפּאנט אלע פארזאמלטע, און מבריח געווען אין זאַל מקצה אל הקצה.

אַ הויכפּונקט פון דער מאורע נשגבה איז געווען די גייסטרייכע דרשה נפלאה פון דעם חשוב'ער חבר החבורה, הרב חיים דוד מאַנדל הי"ו, וועלכער האָט בשם אַלעמען אַרויסגעברענגט די הכרת הטוב צום ראש החבורה וואָס גיט זיך אַוועק אַלע יאָרן פאר די בני החבורה. ער האָט באַזונדער אַרויסגעברענגט די פילע זייטיגע פעולות וואס שפּילט זיקאפ אינערהאלב די רייען פון די נאבעלע חבורה, צום ביישפּיל דאס ארויסהעלפן נאָכ'ן האָבן אַ קינד מיט נאַכטמאָל וכדו', די ברייטע הילף בעפאָר יום טוב, קמחא דפּסחא, א.א.וו.

מען האָט דערנאָך געהערט די וואַרימע ווערטער פון הרה"ג ר' יעקב אלימלך שפּיצער שליט"א פאטער פונעם ראש החבורה, וועלכער האָט בנועם אמריו ארומגערעדט איבער דעם מורא'דיגן חשיבות פון לערנען בחבורה און דער גרויסער חיוב פון קביעת עתים לתורה, וואָס איז מגין ומציל בזה ובבא.

דאַן האָט אויפגעטרעטן דער פּטרון החבורה, הרבני הנגיד מו"ה מאיר יעקב אינדיג הי"ו, וועלכער האָט אַרויסגעהויבן די זכי' וואָס משמיא קזכו לי' צו שטיין צוהילף פון דער הייליגער חבורה, וואָס פירט זיך אַזוי נאָבל בראשות ידידו כרע כאח לו, דער ראש החבורה שליט"א, דערמאַנענדיג לשבח די עסקני החבורה וואָס זענען עוסק בלי ליאות להגדיל תורה ולהאדירה, און באַזונדער זיין ידידות מיט'ן ראש החבורה שליט"א, כרע כאח, וואָס ב"ה אַז מ'איז זוכה צו אזא געהויבענעם מאמענט.

## ערשיינונג פון כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א

מיט אַ הדרת קודש האָט אצינד דער ציבור הלומדים אנטפאנגען דעם מנהיג הקהלה, כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ד'ספינקא שליט"א, וועלכער איז געקומען צו פאָרן כדי צו באַשיינען די מאורע הנשגבה לכבודה של תורה. דער רבי שליט"א וועלכער טוט באגלייטן די חבורה שוין זינט איר גרינדונג, און אינטרעסירט זיך כסדר פערזענליך איבער יעדן חבר החבורה, איז אצינד אויך געקומען זיך מיטפרייען און מפאר זיין בראש הקהל הקודש ביי די געלעגנהייט. הזורעים בדמעה ברנה יקצורו.

בעפאָר מען איז צוגעטרעטן צום קלימאַקס פון דעם הייליגן מעמד, דער הדרן און דער סיום הש"ס, האָט מען מיטגעהאַלטן אַ גייסטרייכע און הערליך מוזיקאַלישע פּרעזענטאַציע פאָרגעשטעלט דורך דעם באַרימטן מטיב נגן, הר"ר אברהם מרדכי שוואַרץ הי"ו, מיט אינהאַלטסרייכע דברי חרוזים וועלכע האָבן געשילדערט די געהויבענע געפילן פון אַזאַ מאָמענט.

מיט אַן אומבאַגרייפליכע שמחת התורה האָט מען אַצינד געהאַט די זכי' צו דערגרייכן דעם אַזוי לאַנג - ערוואַרטעטן מינוט ווען דער איבערגעגעבענער ראש החבורה, הרב מרדכי הערש שפּיצער שליט"א, האָט מיט אַ געוואַלדיגע התרגשות געזאָגט ברבים דעם 'הדרן' און מסיים געווען גאַנץ ש"ס בחדוה עילאה, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט מיט אמירת קדיש דורך דעם פּטרון החבורה, הרבני מו"ה מאיר יעקב אינדיג הי"ו אינאיינעם מיט אַנדערע חברי החבורה לע"נ הוריהם.

ווי נאָר מ'האָט געענדיגט דעם "סיום והתחלה", האָט די שמחה געגרייכט די העכסטע שטופּעס. אָנגעהיצט און אָנגעגליעט מיט התרוממות הנפש, האבן אַלע לומדים ומסיימים זיך אינאיינעם ארויסגעלאזט אין פייערליכע ריקודין של מצוה לכבודה ולשמחתה של תורה, מיט הייליגע הרגשים פון דאַנק און לויב צו השי"ת על כל הטוב והחסד שהחיינו לזמן הזה, און מיט א הייסע תפלה אויף ווייטער!

## אשרי העם הם לומדך! ברכת כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א

אַ שטילקייט האָט באַהערשט דעם זאַל, ווען דער ספּינקער רבי שליט"א האָט געטרונקן לחיים און אָנגעוואונטשן ברכות לרוב. מיט אַ געוואַלדיגע קענטיגע הרגש האָט דער רבי אַרויסגעברענגט זיין שמחה זיצנדיג אינאיינעם מיט אידן בעלי בתים, אינגעלייט וואָס זענען אַגאַנצן טאָג עוסק על המחי' ועל הכלכלה, אָבער רייסן זיך אַוועק יעדע נאַכט צו קומען אין ביהמ"ד לערנען די הייליגע גמרא מיט אַ תורה דרבים, וואָס די חשיבות דערפון אין הימל איז אין לשער.

כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספּינקא שליט"א האָט אויסגעפירט מיט וואַרימע ברכות אז מ'זאל זוכה זיין צו גיין מחיל אל חיל, אָנצוהויבן און מסיים זיין נאָכאַמאָל ש"ס, און דער זכות התורה זאל מגין זיין אויף יעדן איינעם להתברך בכל משאלות לבבם לטובה.

## פרישע הויכפונקט: רירנדע און האַרציגע דרשה פונעם ראש החבורה

דאַן האָט געגרייכט אַ פרישער הויכפּונקט, ווען מ'האָט געהאַט די געלעגנהייט צו הערן די רירנדע און האַרציגע דרשה דורך דעם באַליבטן ראש החבורה, הרב מרדכי הערש שפּיצער שליט"א, וועלכער האט מיט זיין לשון לימודים, מתוק מדבש ונופת צופים, און מיט אַ קול חנוק מדמעות געעפענט אַלע רגשי הלב אַז נישט בלויז יעצט ביים סיום איז עס א שמחת התורה, נאר בעצם יעדן איינציגן טאג, ווען מ'זעט ווי אידן זיצן און האָרעווען מיט אַ קביעות, איז דאס אליין די גרעסטע שמחה!

הרה"ג דער ראש החבורה האָט טרעפליך באַטאָנט אויך די חשיבות פון די חשוב'ע נשים צדקניות, די עקרת הבית, וועלכע העלפן די מענער אַוועקגיין פון שטוב צום טעגליכן שיעור און געבן אויף פון זייער אייגענע באַקוועמליכקייט בלויז אַז דער מאַן זאָל קענען קענען זיצן און לערנען יעדן אָוונט, ונשים במאי זכיין, ובדין הוא שיטלו שכרם!

ווי באַלזאַם אויף די הערצער איז געווען די וואַרעמע דברי חיזוק וואָס דער ראש החבורה שליט"א האָט געגאָסן, נאָכזאָגנדיג מפּי ספרים וסופרים מעוצם זכות קביעת עתים לתורה, אַריינבלאָזנדיג אַ התחזקות אין די הערצער יעצט ווען מ'גרייט זיך פאָרצוזעצן ווייטער צו אָנהויבן ווידעראַמאָל דעם לימוד ש"ס, ביתר שאת וביתר עז.

אַ שיינע מאָמענט פון הכרת הטוב איז געווען בעפאָר ברכת המזון ווען די מרביצי תורה אינערהאַלב ישיבת תורת צבי ספּינקא האָבן איבערגעגעבן אַ מנחת מזכרת פאר הרה"ג רבי מרדכי הערש שליט"א העומד בראש הישיבה, אויסצודרוקן דאָס דאַנקבאַרקייט און הכרת הטוב פאר אַלע זיינע געבענטשטע לייסטונגען, בהאי שעתא דקא גרם.

נאָך ברכת המזון האָט דער גאַנצער ציבור ספּאָנטאַניש זיך אַ הייב געגעבן מיט פייערדיגע ריקודים של שמחה, ווען דער גאנצער זאַל איז איינגעהילט אין איין געהויבענעם טאנץ, כאיש ובלב אחד לאביהם שבשמים, און מ'דאַנקט דעם רבוש"ע בתוך רבים אויף די "שמחת התורה".

אַלע בני החבורה האָבן דאַן געהאַט די געלעגנהייט צו אַריבערגיין בפרטיות דעם ספּינקער רבי שליט"א, וועלכער האָט געטיילט קנאָבל כנהוג און ער האָט וואַרעם אָנגעוואונטשן יעדן פּערזענליך אַז "כשם שסיימת, כך תזכה להתחיל ולסיים" מיט הרחבת הדעת און נחת דקדושה.

ס'איז שוין געווען אין די שפּעטע שעות פון מוצש"ק ווען דער מעמד איז געקומען צו אַן ענדע, אָבער ס'האָט זיך נישט געשפּירט קיין מידקייט; נאָר פאַרקערט, א פרישע גייסט, ורוח נכון נתחדש בקרבם, א פייער פון חיות וחשקות התורה, וואָס האָט זיך פריש צעפלאַמט אין די הערצער באותו הלילה און וועט אי"ה ווייטער פלאַקערן מיט א פעלזן-פעסטן קביעות, במסגרת "חבורת ללמוד", מיט אַזאַ מעכטיגן כח התורה וועט זיך באַשיינפערליך אָפּטייטשן דער "יגדיל תורה ויאדיר".

**אשרי עין ראתה כל אלה – וקול התור"ה נשמע בעירנו!**



אֲבִי יְתוֹמִים בִּמְעוֹן קָדְשׁוֹ

# ריינדער שמחת שבע ברכות אָפּגעראָכטן אויף אַ פּריוואַטן פאַרנעם פאַררופן פּערזענליך דורך כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א פאַר אַלע יתומים פון די קהלה און מוסדות איבער גרעיטאָר ניו יאָרק

## זעלטענע מחזה הוד ווען דער מנהיג העדה הקדושה פאַרברענגט מיט אַ פאָטערליכקייט מיט זיינע תלמידים הקרוים בנים, איבערלאָזנדיג הויפנעם השפעות און חיזוק וואָס זיי נעמען מיט כל אורך ימיהם

### יעדעם קינד ערהאַלט פּערזענליכע כוס של ברכה מידיו הטהורות פון רבי'ן שליט"א באַגלייט מיט 'הונדעטער באַנקנאָט'

**במחול לצדיקים לאָזט זיך דער רבי שליט"א אַרויס אין אַ פּערזענליכן ריקוד מיט יעדעם קינד באַזונדער, אַריינבלאָזנדיג אויסטערלישע שמחה פון אַזאַ זעלטענע זכי' נשגבה**

ניו יאָרק. - אשר בך ירוחם יתום! ווערטער זענען צו אָרים ווען ס'קומט אַראָפּצוגעבן די הרגשים און רוישנדע געפילן וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביים זעלטן-ריינדער שמחת השבע ברכות, וואָס דער מנהיג העדה כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט אָפּגעראָכטן פאר אַלע לעכטיגע יתומים פון גרעיטאָר ניו יאָרק פון ק"ק סאַטמאַר, לרגל השמחה במעונו נאָכ'ן חתונה מאַכן אַן אייניקל בשעטו"מ, וועלכע איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אויף אַ ספּעציעלן פּריוואַטן פאַרנעם צו אַריינעמען די טייערע קינדערליך אין זיין פּערזענליכע שמחה סביב לשלחנו, און נהנה זיין מאורו הבהיר וואָס האָט איבערגעלאָזט אומבאַשרייבליכע חיזוק והתחזקות וואָס וועט זיי באַגלייטן כל אורך ימיהם.

דער געהויבענער שמחת השבע ברכות איז פאָרגעקומען פאַרגאַנגענע וואָך דינסטאָג נאַכט פשרת ויקהל אין די זאַלן פון כתר צבי אין וויליאַמסבורג, לרגל השמחה במעון הקודש ווען עס איז געגאַנגען אונטער דער חופּה בשעטו"מ הכלה בתש"ק שתחי', טאָכטער פון חדב"ן הרה"צ ר' אלעזר טייטלבוים שליט"א ראה"כ סניף קליימער בן הגה"צ אבד"ק בית אהרן שליט"א, עב"ג החתן פרע"ח הרב אברהם יצחק שליט"א בן הגה"צ רבי יוסף קאהן שליט"א ר"מ ישיבת עטרת אברהם, בן הגה"צ ראש ישיבת תולדות אהרן שליט"א חתן כ"ק אדמו"ר משכנות הרועים שליט"א, וואָס איז פאָרגעקומען מיטוואָך אַ וואָך בעפאָר.

דער האַרציגער און ריינדער שבע ברכות האָט כ"ק מרן רבינו שליט"א פּערזענליך פאַררופן, און האָט איינגעלאַדנט אַלע טייערע יתומים וואָס האָבן ליידער נישט קיין טאַטע אָדער מאַמע, און זענען זיך חוסה תחת צילא קדישא פונעם רועה נאמן דער רבי שליט"א וועלכער זאָרגט זיך כסדר פאר זיי, און איז עושה בפעולות רבות זיי צו מחזק זיין און דערהייבן בכל עת מצוא.

אַ זעלטן איידל און האַרציג בילד האָט זיך אַנטפּלעקט פאר די אויגן אַריינקומענדיג אין זאַל, ווען עס זיצן איבער הונדערט יתומים פון אַ ריי שטעט לענגאויס ניו יאָרק רבתי, חשוב'ע קינדערליך און בחורים וועלכע לערנען אין די מוסדות הקדושים תורה ויראה דרב"י בנשיאות דער מנהיג העדה כ"ק מרן רבינו שליט"א, אַלע איינס ביי איינס לויטערע און טייערע קינדערלעך וואָס זענען אָנגעוויזן אויף געוואַלדיגע חיזוק זיי צו באַגלייטן בכל יום ויום.

דאָס זעלבסט אַז דער רועה נאמן לעדתו האָט זיי פּערזענליך אויסגעקליבן צו פאַרברענגען די שמחה'דיגע שעות בצילא קדישא, סביב לשלחנו מיט אַזאַ געשמאַק מיט אהבה וחיבה יתירה וואָס דער רבי שליט"א האָט אַרויסגעוויזן די גאַנצע צייט, דאָס אַליין האָט שוין אַריינגעבלאָזן הויפנעס חיזוק און באַגאַדזשן פון דערהויבנקייט וואָס וועט ביי זיי פאַרבלייבן אַ גאַנץ לעבן, מיטלעבנדיג די לעכטיגע שעה'ן ווען זיי האָבן געשפּירט אַז דער רבי שליט"א איז זיך משתשע מיט זיי פּערזענליך, און זיי זענען עומד על לבו הטהור אויף אַזאַ פּערזענליכע און ספּעציעלן פאַרנעם, דאָס האָט אַריינגעבלאָזן טללי אורה און חיזוק אויף אַ געוואַלדיגן פאַרנעם.

דער מחותן כ"ק מרן רבינו שליט"א איז ערשינען אין זאַל אום 8:30 און האָט באַגריסט אַלע לעכטיגע קינדער תלמידיו הקרוים בנים בצהלת ומאור פּניו, און האָט זיך תיכף אַוועקגעזעצט און זיך געוואַשן לרגל השמחה הגדולה במעון הקודש.

די געלאַדנטע קינדער און בחורים האבך זיך געוואַשן און זיך אַוועקגעזעצט צו פּראַכטפול-צוגעגרייטע טישן וואָס איז געווען הערליך צוגערישט לכבודם, און זיי האָבן פאַרברענגט לאַנגע שעות בשבת אחים גם יחד, און הנאה געהאַט פון די רייכע סדר היום לענגאויס דער שמחה.

דער יושב ראש פונעם אָוונט איז געווען הר"ר אליעזר ראָטה שליט"א וועלכער האָט מייסטערהאַפּטיג אנגעפירט מיט'ן גאַנצן רייכן סדר המעמד. צו ערשט האָט ער באַגריסט אַלע פאַרזאַמלטע און מיט פּאַסיגע ווערטער האָט ער איינגעלייטעט דער געהויבענער שמחה, וואָס דאָס באַדייט פאַר כ"ק מרן רבינו שליט"א וואָס האָט פאַררופן אַזאַ אייגנאַרטיגער שבע ברכות, וואָס די אַלע קינדער און בחורים ליגן על לבו הטהור און דער רבי שליט"א זאָרגט זיך כסדר פאר זיי און טוט למענם לחזקם ולאמצם.








דערביי האָט דער יושב ראש אויפגערופן דער מחותן אבי הכלה, חתנא דבי נשיאה הרה"צ רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א, וועלכער האָט געעפענט דעם מעמד און מיט וואַרימע ווערטער שטאַרק אַרומגערעדט איבער די געוואַלדיגע כוחות וואָס די יתומים האָבן, וואָס זיי קענען מיט דעם אויפטון אַ געוואַלד אין יעדן היניזיכט בעבודות השם, בין אדם לחבירו, און ספּעציעל צו אויסבעטן פאר זיך און פאר אַנדערע אידן בעת צר.

אין אַ רירנדער מאָמענט האָט מען פאָרגעשטעלט גאָר האַרציגע חרוזים וואָס איז ספּעציעל פאַרפאַסט געוואָרן לכבוד דער היינט נאַכטיגער מעמד, דורך דער טאַלאַנטפולער משמח הר"ר ר' וועלוול פעלדמאַן הי"ו. די חרוזים זענען געווען צאַמגעפלאָכטן מיט דברי אמונה און בטחון, וואָס האָט שטאַרק באַנומען אַלע פאַרזאַמלטע.

דערנאָך האָט מען געהאַט די זכי' צו הערן די האַרציגע דברות קודש מפּי מנהיג העדה רועה נאמן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וואָס האָט מיט אַ זעלטענע וואַרעמקייט אַרומגערעדט מלבו הטהור צו די טייערע קינדערליך תלמידיו הקרוים בנים. נאָכ'ן אַרומרעדן איבער דער שמחה און דער זכות וואָס מ'האָט צו קענען צאַמברענגען די אַלע חשוב'ע קינדער און בחורים תחת קורת גג אחד צו פאַרברענגען אינאיינעם און זיך מחזק זיין בדברי אמונה ובטחון, האָט דער רבי שליט"א גאָר רירנד מאריך געווען מיט דברי חיזוק והדרכה פאר אַלע יתומים, און אַרויסגעהויבן ווי ווייט הקב"ה דער אבי היתומים דערבאַרעמט זיך אויף יעדן יתומ'ל און זיכער איז אַלעס לטובה ואס מיר פאַרשטייען נישט זיינע דרכים, און ער קוקט אַרויס אַז יעדעס קינד זאָל זיין בשמחה נישט קיין חילוק אין וועלכן אומשטענדן.

מיט גאָר האַרציגע ווערטער האָט זיך דער רבי שליט"א אויסגעשמועסט און זיך אַראָפּגעלאָזט מן ההר אל העם צו די טייערע קינדער וואָס זענען מונח על לבו הטהור, און האָט אין זיי אַריינגעבלאָזן הויפנעס פון חיזוק און הדרכה וואָס זיי זאָלן מיטנעמען מיט זיך, און האָט אַריינגעגעבן פיל מוט און רוח החיים בדברי נחמה וויאַזוי מ'זאָל זילך אומגיין אין אַלע אומשטענדן און זיך שטאַרקן טראָץ די אַלע שווערע מצבים וואָס מ'גייט אַריבער.

ביים מעמד האָט יעדעס קינד באַזונדער געהאַט די זכי' אַריבערצוגיין בפני מאור פניו פון רבינו שליט"א און וואונטשן אַ פערזענליכע מזל טוב פאַר'ן גרויסן בעל שמחה, און דער רבי שליט"א האָט בצהלת פּניו צוריקגעוואונטשן יעדן באַזונדער.

אין העכסט-זכי'דיגער מאָמענט האָט יעדעס קינד באַזונדער באַקומען אין האַנט אַריין אַ כוס של ברכה פון מרן רבינו שליט"א, און דערביי איז מיטגעקומען אַ 'הונדערטער באַנקנאָט' וואָס איז ספּעציעל געשאָנקען געוואָרן צו פאַרטיילן פאר אַלע קינדער דורך הטפסר המרומם מגדולי בעלי צדקה בדורינו הר"ר יואל לאָנדאָ שליט"א.

צום ענדע פונעם רייכן מעמד האט מען געהערט דברי בדחנות לכבוד שמחת חתן וכלה דורכ'ן באַקאַנטן משמח הר"ר וועלוול פעלדמאן הי"ו וואָס האט ארויפגעברענגט א ברייטע שמייכל אויף אלע פאַרזאַמלטע און אַריינגעבלאָזן שמחת החיים אין אַלעמענ'ס הערצער.

נאָכדעם האָט מען צוגעטרעטן צו ברכת המזון. מיט די ברכות שבע ברכות זענען מכובד געווארן די עסקנים פון די מוסד 'אור חדש' וואָס זענען אַ גאַנץ יאָר עוסק צו טון פּעולות און מחזק זיין די יתומים, און מיט ברכה אחריתא איז מכבוד געווארן העסקן החשוב הר"ר יצחק אייזיק וואלטער הי"ו מגדולי עסקני קהל ומוסדות סאַטמאַר קרית יואל, וועלכער האט צושטאַנד געברענגט די זעלטן רייכע נאַכט און האָט אַראַנדזשירט אַלע נויטיגע דעטאַלן לכבוד הנאספים.

נאָכ'ן בענטשן האט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין פרייליכע טענץ במחול לצדיקים, און דערביי האָט האָט מען געהאַט די זעלטענע זכי' נשגבה ווען כרחם אב האָט דער מנהיג העדה מרן רבינו שליט"א גענומען יעדעס קינד באַזונדער און געטאַנצן מיט אים אַ לענגערע צייט, וואָס דער משמעות דערפון איז געווען עד להפליא צו מחזק זיין און אַריינבלאָזן הויפנעס חיזוק און השפעות אין זייער הערצער, מיטלעבנדיג אַזעלכע געהויבענע מאָמענטן וואָס נישט יעדער איז זוכה דערצו.

נאָך די ריקודים האט יעדעס קינד ערהאַלטן אַ גאָר נוצבאַרע און הערליכע מתנה, אַ רייכע אויסגעשניצטע 'מצה טאַש' נדבת הרבני הנגיד מוה"ר יעקב הכהן ראטה נ"י פון "מפואר", וואָס זיי גייען דאָס ניצן בעז"ה אין עטליכע וואָכן אַרום ווען זיי זעצן זיך צום סדר טיש, און וועלן האָבן דעם מזכרת פון דעם געהויבענעם נאַכט וואָס האָט אַריינגעגעבן הויפנעס חיזוק און שמחת החיים.

שווער זענען געווען די געפילן ווען די קינדער האָבן זיך געזעגנט פון מרן רבינו שליט"א און האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל אין די שפּעטע נאַכט שעות, ווען זייערע הערצער זענען געהויבן געוואָרן מעלות רמות, אָנגעהויפנט און אָנגעפילט מיט באַגאַדזשן פון חיזוק והתרוממות, באַגלייט מיט הויפנעס השפּעות וואָס זיי נעמען מיט זיך, צו קענען ווייטער אָנגיין מיט אַ שמחת החיים כל אורך ימיהם.

# הגה"צ רבי שמעון יצחק שלעזינגער שליט"א חבר הביד"צ עדה החרדית ומרבני קהל אנשי ירושלים צוגאַסט אין שטאָט

קרית יואל. - מיט פּאַסיגע כבוד התורה האבן תושבי העיר אויפגענומען דעם חשוב'ן גאַסט מארה"ק הגה"צ רבי שמעון יצחק שלעזינגער שליט"א חבר הביד"צ ומרבני קהל אנשי ירושלים בעיה"ק ירושלים, וועלכער ווײלט אין די טעג צוגאַסט אין שטאט.

דער חשוב'ער גאַסט שליט"א דינט אַלס חבר הביד"צ הגדול שבירושלים, און איז זייער באַרימט אין דער אַלגעמיינער גאַס אַלס באַרימטער רב און פוסק אין אַלע היניזיכטן.

במשך פון לאַנגע יאָרן וואָס דער חשוב'ער גאַסט שליט"א איז פון די אָנפירער און מנהיגים אין די הייליגע קהלה קהל אנשי ירושלים וועלכע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אָנצוהאַלטן די שאַרפע ליניעס אָפּצוהיטן דעם הייליגן חומה זיך נישט מתחבר צו זיין צו די רשעים און אָנהאַלטן שטרענג דעם חינוך הטהור ע"ד ישראל סבא.

די אכסניא של תורה אינדערוואָכן איז אין שטוב פון הרה"ח ר' מרדכי שבתי ווערצבערגער הי"ו אין שכונת וואודבורי-ווילאַס, און די אכסניא אום שב"ק וועט זיין אין שטוב פון ידידו רבות בשנים הרב הערש לייב לאַנדאָ שליט"א אויף ישראל זופּניק דרייוו.

*

היינטיגן דינסטאָג איז דער רב שליט"א געווען אין וויליאַמסבורג וואו ער האָט אָפּגעשטאַט אַ באזוך ביי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א. עס איז פאַרפירט געוואָרן אַ שיינעם שמועס, און דער רבי שליט"א האָט זיך אינטערעסירט אויפ'ן מצב פונעם יהדות החרדית בארה"ק וועלכע שטייען אויס שווערע מערכות.

דער רבי שליט"א האָט מאציל געווען מברכותיו אז דער רב זאָל ווייטער האָבן הצלחה אין דעם הייליגן פּאָסטן בכחם ובזכותם פון די גדולי עולם די אבות המייסדים פון די עדה החרדית נבג"מ.

# ערהאבענער שמחת שבע ברכות און מסיבת התחזקות פאר רבני 'סאטמאר כשרות' אפגעראכטן געווארן דורך כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**שבע ברכות ומסיבת התחזקות אפגעראכטן געווארן בביתו נאוה קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ספעציעל פאר רבני ומשגיחי וועד הכשרות און וועד השחיטה, אינאיינעם מיט ענגע צאל הנהלת הקהילה והמוסדות**

וויליאמסבורג - אלס טייל פון די לעכטיגע ימי השמחה בחצרות קדשינו, ביי די שמחת נישואין פון הכלה בת הגה"צ רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א, איז די לעצטע שבע ברכות, מיטוואך נאכמיטאג אפגעראכטן געווארן דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א ספעציעל פאר די רבנים שליט"א און די געטרייע משגיחים, חברי מערכת 'סאטמאר כשרות' דקהל יטב לב ד'סאטמאר, לכבודו פונעם חשוב'ן מחותן הגה"צ רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א וועלכער שטייט שוין בראש פון די ווייטגרייכנדע פעולות לטובה זינט דער גרינדונג פונעם מערכת הכשרות.

דער רבי שליט"א האט ספעציעל פאררופן דעם שבע ברכות, אז אין צוגאב צו די געהויבענע שמחה זאל עס דינען אלס א מעמד התחזקות און הכרת הטוב פאר די שווערע ארבעט וואס דער וועד הכשרות און וועד השחיטה לייגן אריין יומם ולילה אן קיין אפשטעל מאכנדיג זיכער אז די כשרות סטאנדארט איז אויפ'ן העכסטן שטאפל וואס שייך און ווערט נישט פארנאכלעסיגט אפילו א טראפ, נאכדעם וואס ווי באקאנט איז כשרות המאכלים ספעציעל נאענט ללבו הטהור פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, און ווי באקאנט האט רביה"ק זי"ע געזאגט אז דער אורזאך פארוואס אידישקייט האט זיך נישט געהאלטן אין אמעריקע בימים ההם, איז געווען צוליב דער שוואכער מצב אין כשרות המאכלים, און דער רבי שליט"א איז טאקע עומד על המשמר און איז נאענט פארמישט אין אלע פעולות קדושות פון די וועד הכשרות, און אזוי אויך פאדערט ער כסדר אויף ברבים איבער עניני כשרות המאכלים.

## וכש"ר הדבר לפני המלך

דער שבע ברכות איז אפגעראכטן געווארן הערליך און ערהאבן בביתו נאוה קודש פון רבי'ן שליט"א אויף א פריוואטן פארנעם, מיט די באטייליגונג פון די צענדליגער משגיחים פון די וועד הכשרות און וועד השחיטה, אינאיינעם מיט אן ענגע צאל פון די ראשי הקהילה והמוסדות וועלכע שטייען צו הילף פאר די וועד הכשרות און וועד השחיטה דורכאויס דעם יאר צו קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש. דער רייכער מסיבת שבע ברכות האט געדינט ווי א קוואל פון חיזוק פאר די געטרייע משגיחים העוסקים במלאכת הקודש מיט א זעלטענע געטריישאפט.

עס האבן זיך אנגעזעצן ביים שבע ברכות, די געטרייע משגיחים פון די בתי שחיטה וואו מען שעכט און מען מאכט כשר די פלייש וואס ווערט פארקויפט אין די סאטמארער פלייש געשעפטן אין אלע געגנטער, ווי אויך די משגיחים פון די מצה בעקערייען פון וויליאמסבורג און קרית יואל, די משגיחים וועלכע פארפיגן אויף די צענדליגער קיכן פון די סאטמארער מוסדות פון וויליאמסבורג, בארא פארק און קרית יואל, די משגיחים וועלכע גייען טעגליך ארום אין אלע סאטמארער זאלן אין ניו יארק, די משגיחים וועלכע זענען פאראנטווארטליך אויף די סאטמארער מקוה שטיבלעך אין אלע היימישע געגנטער, און אויף די געשעפטן און פראדוקטן אין קרית יואל וועלכע טראגן מיט שטאלץ דעם סאטמארן זיגל, און נאך עטליכע עוסקים במלאכת הקודש פון פארשידענע פארצווייגטע פראיעקטן אינערהאלב די וועד הכשרות און וועד השחיטה.

אויסערדעם האבן זיך דארט באטייליגט די ראשי הקהילה והמוסדות, די הנהלה פון די מצה בעקעריי און סאטמאר פלייש געשעפט, די הנהלה פון די סאטמארער שמחה זאלן און אזוי אויך פון די סאטמארער קעמפס "מחנה רב טוב", וועלכע ארבעטן דורכאויס דעם גאנצן יאר האנט ביי האנט מיט די וועד הכשרות צו פארזיכערן אז די כשרות איז אויפ'ן העכסטן סטאנדארט.

דער מעמד איז געעפנט געווארן דורך הר"ר יואל ראזענבערגער שליט"א נכד כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכער האט געדינט אלס יושב ראש ביים שבע ברכות, און האט מיט טרעפליכע ווערטער ארויסגעברענגט די פעולות חובקות זרועות עולם וואס ווערט דורכגעפירט דורך די וועד הכשרות. דער יושב ראש האט ספעציעל ארויסגעברענגט די אויסטערלישע ארבעט וואס די חשוב'ע רבנים שליט"א - וועלכע האבן זיך באטייליגט ביים שבע ברכות - לייגן אריין טאג טעגליך, צווישן זיי הגה"צ דומ"ץ קיט"ל בארא פארק שליט"א, הגה"צ דומ"ץ קרית יואל שליט"א און הגה"צ דומ"ץ ביהמ"ד הגדול וומס"ב שליט"א, און אזוי אויך הרה"ג רבי יואל הכהן כ"ץ שליט"א דומ"ץ בקהלתינו הק' וועלכער לייגט אריין אן אויסטערלישע עבודת הקודש אין אלע וועד הכשרות אקטיוויטעטן אין וויליאמסבורג.

דאן האט דער יושב ראש מיט קורצע ווערטער באגריסט אלע חשוב'ע משגיחים און באטייליגטע, צווישן זיי האבן זיך געציילט הר"ר מאיר ראטענבערג שליט"א און הר"ר אלטר ווייס שליט"א - די געטרייע ראשי המשגיחים פון די וועד השחיטה וועלכע געבן זיך אפ שוין לאנגע יארן מיט מסירות נפש ממש מיט די מהודר'דיגע סאטמארער פלייש, הר"ר יואל וואלטער שליט"א





וועלכער שטייט מיט א געטריישאפט שוין לאנגע יארן אין שפיץ פון די וועד הכשרות אפטיילונג פון קרית יואל, און הר"ר אלכסנדר חיים פאנעט שליט"א מראשי מערכת הכשרות פון התאחדות הרבנים, וועלכער ארבעט שטענדיג האנט ביי האנט אינאיינעם מיט די וועד הכשרות.

## פס"ח דברך יאיר

דערנאך האט אויפגעטרעטן מוה"ר אלטר ברוך עקשטיין הי"ו דער עומד בראש פון די סאטמארער מצה בעקעריי אין וויליאמסבורג וועלכער פירט מיט א געניטשאפט די מאסיווע אפעראציע פון צושטעלן מצות פאר אזויפיל טויזנטער אידן בליעה"ר, און ארבעט א גאנץ יאר האנט ביי האנט מיט די וועד הכשרות לויט די הוראות פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, צו פארבעסערן און אויפהייבן דעם כשרות אין די מצה בעקעריי צו די העכסטע שטאפלען.

ווי באקאנט איז כ"ק מרן רבינו שליט"א גאר נאענט פארמישט אין די מצה בעקעריי און איז פערזענליך באהאוונט אין אלע אספעקטן פון צושטעלן די מהודר'דיגע מצות פאר די טויזנטער סאטמארער אידן. דער רבי שליט"א באזוכט כסדר אין בעקעריי וואו ער קוקט זיך אום אויף די עבודת הקודש און און עוסק כסדר ארויפצוברענגען די סטאנדארטן צום העכסטן שטאפל וואס נאר מעגליך.

ר' אלטר ברוך הי"ו האט אויף זיין שטייגער גאר שיין ארויסגעברענגט די עבודת הקודש וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א לייגט אריין אינעם מצה בעקעריי און ווי שטארק די ארבעטער קוקן ארויס אויף די באזוכן, און זיי שעפן הויפנעס חיזוק פון יעדע באזוך פון רבי'ן שליט"א אין בעקעריי. ער האט אויך דערמאנט הגה"צ דער רענדיקער רב שליט"א וועלכער איז עומד על הפקודים אויף די השגחה אין בעקעריי מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט און געטריישאפט, און אזוי אויך דער חשוב'ער דיין הרה"ג רבי יואל הכהן כ"ץ שליט"א מרבני וועד הכשרות וועלכער קומט כסדר באזוכן אין בעקעריי. ביי די רייכע דרשה האט ר' אלטר ברוך אויך מרבה געווען בשבח פונעם מחותן הגה"צ רבי אלעזר שליט"א און ארויסגעברענגט וויפיל כוחות דער מחותן שליט"א לייגט אריין אין די בעקעריי און העלפט ארויס אויף טריט און שריט מיט אלעס וואס פעלט זיך נאר אויס.

## קול חוצב להבות אש

דערנאך האט אויפגעטרעטן הגה"צ דומ"ץ ב"פ שליט"א, וועלכער האט פאר א לענגערע ווײַלע ארומגערעדט איבער די געוואלדיגע זכיה וואס די געטרייע משגיחים פארמאגן, אז זיי קענען זיין מזכי הרבים און עוסק זיין אין אזא מלאכת הקודש, און גלייכצייטיג האט דער דיין שליט"א ארויסגעברענגט פילע נקודות אין וואס מען דארף נזהר זיין ווען מען געפינט זיך אויף אזא פאזיציע, און אז מען דארף זיך האלטן שטארק און פעסט און נישט נאכלאזן קיין זיז כל שהוא, טראץ די שוועריגקייטן וואס קענען צומאל מיטקומען ווען מען איז עוסק אין די עבודת הקודש פון כשרות המאכלים.

ספעציעל האט דער דיין ארויסגעברענגט ווי שטארק מען דארף נזהר זיין און שטיין על המשמר אויף וואס מען פארקויפט אין די סאטמארער בתי מדרשים און מקוה שטיבלעך, צוליב וואס עס טראגט אפיציעל דעם חותם פון די סאטמארער קהלה הק', און עס דארף טאקע ארויסגעברענגט ווערן די נאענטע צוזאמענארבעט וואס די וועד הכשרות האט מיט אלע געטרייע שמשים הי"ו, ווען מען ארבעט כסדר אינאיינעם זיכער צו מאכן אז די מקוה שטיבלעך ווערן ארויפגעברענגט צום העכסטן שטאפל אין כשרות, און אז עס ווערן דארט פארקויפט נאר זאכן וואס פארמאגן א פארלעסליכן השגחה - ווי עס פאסט פאר א סאטמארער בית המדרש.

דער דיין שליט"א האט שטארק באטאנט אז טראץ די שוועריקייטן וואס מאכן זיך צומאל אין דעם פעלד פון כשרות, דארף מען אבער וויסן אז אונזער היימישער ציבור קוקט גאר שטארק ארויס דערויף און וויל אז דאס כשרות זאל באמת זיין אויפ'ן העכסטן סטאנדארט, ווי עס פאסט טאקע פאר אזא חשוב'ער און ערליכער ציבור ווי אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר. די גאר שטארקע און קלארע ווערטער פונעם חשוב'ן דיין שליט"א האבן אריינגעבלאזן די ריכטיגע חיזוק און הדרכה פאר די געטרייע משגיחים אז זיי זאלן קענען ווייטער פארזעצן מיט זייער עבודת הקודש.

## ברכות הקודש

נאך די פייערדיגע דרשה פונעם דיין שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט דברי בדחנות מוה"ר יוסף חיים ראטענשטרייך און משמח געווען חתן וכלה פאר א לענגערע ווײַלע. בעפאר'ן בענטשן האט מען געהאט די זכיה אז כ"ק מרן רבינו שליט"א האט משמיע געווען דברי חיזוק וברכה פאר אלע געטרייע משגיחים, זיי אנוואונטשנדיג אסאך הצלחה אין די עבודת הקודש.

מען האט געבענטשט און מיט די אמירת שבע ברכות האט דער רבי שליט"א מכבד געווען די חשוב'ע רבנים פון די וועד הכשרות און די וועד השחיטה. דערנאך האבן אלע משגיחים געהאט א געלעגנהייט דורכצוגיין און געבן לחיים פאר'ן רבי'ן שליט"א וועלכער האט זיך נאכגעפרעגט ביי יעדן באזונדער אין וועלכן אפטיילונג ער איז איינגעשטעלט און איבער זיין עבודת הקודש, און בצהלת פניו אנגעוואונטשן פאר יעדן איינעם. נאכדעם האט זיך דער רבי שליט"א ארויסגעלאזט אין א טאנץ מיט'ן חתן און די מחותנים, אינאיינעם מיט די רבני וועד הכשרות. ביים שלוס פון דעם רייכן און הערליכן שמחת שבע ברכות און מסיבת התחזקות, האבן אלע באטייליגטע ערהאלטן א מתנה למזכרת, דעם ספר "ברך משה" על המועדים ארויסגעגעבן דורך הגה"צ דער זענטער רב שליט"א.

דער לעכטיגער און דערהויבענער שבע ברכות האט געדינט ווי א פאסיגער סיום צו די הערליכע ימי השמחה בחצרות קדשינו, און די געטרייע משגיחים העוסקים במלאכת הקודש זענען אהיימגעגאנגען נאך שעות של קורת רוח ותענוג רוחני מיט הויפנעס חיזוק און שטארקייט צו קענען אנגיין ווייטער מיט די עבודת הקודש ביתר שאת וביתר עוז.



בפקודת הקודש כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א:

# קרית יואל גרייט זיך צו פונדאַמענטירן 'התאחדות אברכים' שע"י קהל יטב לב מאַנטשעסטער, ביים מסיבה נהדרה 'בונים מאַנטשעסטער'

## דעם מאָנטאָג ויקרא בבית הרה"ח ר' יוסף פנחס סטרולאָוויטש הי"ו

### עקזיסטענץ און מקור חיידם פון אחינו בשרינו בתוככי ק"ק סאַטמאַר מאַנטשעסטער מוז צוקומען צו אונז צו פינאַנצירן אַלע רוחניות'דיגע פעולות למען העמדת הקהלה על תילה בנוי'

קרית יואל. - מיט גרויס התרגשות גרייטן זיך אנשי שלומינו תושבי עיר קרית יואל, בפקודת הקודש מנהיג עדתינו כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א, צו אַנטקעגנקומען אחינו בשרינו אנשי שלומינו פון קהל יטב סאַטמאַר מאַנטשעסטער יצ"ו, וועלכע שטרעקן אויס זייערע הענט צוצוקומען צו די הילף פון אנ"ש מעבר לים, צו פינאַנצירן די אַלע רוחניות'גדיגע פעולות וואָס ווערן אָנגעפירט דורך מפעל 'התאחדות אברכים', וואָס האַלט צוזאַם די גאַנצע קהילה און איז דער רוח ומקור חיים פון יעדן יחיד אינערהאַלב די קהלה און איז דער עקזיסטענץ וואָס האַלט אונטער די גאַנצע קיום פון סאַטמאַר מאַנטשעסטער.

קהלתינו הקדושה אין מאַנטשעסטער איז אַ הייליג צווייגלע פון די אַלוועלטליכע ק"ק סאטמאר, תחת דגלו ונשיאתו פון כ"ק אדמו"ר עט"ר שליט"א, וועלכע ווערן אויפגעצויגן בתוך מים הזידונים, אין אַ געמישטע שטאט, אָבער האַלטן זיך שטאַרק מיט די אויסגעטרעטענע דרך וואָס מיר האָבן געלערנט בבית מדרשו של רביה"ק זי"ע, מיט די קלאָרע ירושה גענוי ווי די אַלע אלפי רבבות למידי וחסידי סאַטמאַר איבער דער גאָרער וועלט.

סאַטמאַר מאַנטשעסטער ציילט זיך אַריבער 200 היימישע משפחות, כולם אהובים וברורים, חשובע משפחות וועלכע ווערן אויפגעצויגן ערליך און אָפגעהיטן. דאָס איז אַ שטאָלץ פאר תלמידי וחסידי סאַטמאַר, פאַרמאָגנדיג אַזאַ ערליכע ווינקל ווייט אַריבער אין מאַנטשעסטער.

געוני ווי איבעראָל דרייט זיך אַריבער אין די קהלה, אומאָפשטעלבאַרע קייטן פון תורה ותפלה וואָס הילכן אַרויס פון די בתי מדרשים דקהל יטב לב, וועלכע ווערן געפירט דורכ'ן חשוב'ן רב הקהלה הגה"צ אבד"ק שליט"א, וואָס גיט זיך איבער בלב ונפש פאר די הצלחה פון די קהלה, בכלליות אז די קהלה זאל נתרומם ווערן לשם ולתפארת. ובפרטיות פאר די אינגעלייט, מיט שיעורים בהלכה, בעניני בנין הבית וכדו' און פילע אַנדערע ענינים.

ווי יעדער פאַרשטייט אַז זייענדיג אַ קלענערע קהלה, וואוינענדיג אין אַזאַ געמישטע שטאט, פעלט זיך פילפאַכיג אויס מעכטיגע רוחניות'דיגע פעולות, אונטערצוהאַלטן די גאַנצע עקזיסטענץ פון די חברי הקהלה דאָס זאָל זיי צוזאַמהאַלטן, אויפבויען זייער רוחניות, און אריינשיינען תורה ועבודה, אין זייער גאַנצע מהלך החיים.

אָט פאַרדעם איז אַזוי וויכטיג פאַר זייער פולקאָמער עקזיסטענץ די 'התאחדות אברכים' וואָס טוט צוזאַמהאַלטן, און אויסהאַלטן יעדן יחיד'ס רוחניות, וואָס בעצם אָן די אַלע פעולות האָבן זיי גאָרנישט מיט וואָס זיך אָנצוכאַפּן. 'התאחדות אברכים דקהל יטב לב מאַנטשעסטער' איז דער רוקן-ביין און די זוילן פון אונזערע ברידער אין מאַנטשעסטער.

'התאחדות אברכים' איז בעצם דער שטערקסטע יסוד וואָס רביה"ק זי"ע מייסד הקהלה האָט פאַרלאַנגט צו זיין אין יעדע קהלה. אָבער אין מאנטשעסטער איז 'התאחדות אברכים' דער אבן יסוד פאר די גאַנצע עקזיסטענץ פון די קהלה.

### צווישן אַלע פעולות יסודות וואָס 'התאחדות אברכים מאַנטשעסטער' נעמט אַריין, ציילט זיך ווי פאָלגענד:

'מפעל מרבה תורה' - די יסוד און רוקנביין פון אַלע לימודים פאר חברותות און חבורות אינערהאַלב קהלתינו הקדושה. 'חבורת זכרו' - אין דער הייליגער חבורה זענען אָנגעשלאָסן רוב רובם אנ"ש אַלס לומדים אין ש"ס און הלכה וואָס דערהייבט די גאַנצע קהלה.

'כולל ערב' - מיט די הילף פון אנ"ש תושבי אַמעריקע האָט מען געעפענט א כולל ערב וואס נעמט אריין אין זיך חבורת זכרו פאר די וואס לערנען די לימוד פון לומדי ש"ס זכרו, און חבורה כלליות ללמוד מה שלבם חפץ. אין מאַנטשעסטער איז דאס דער יסוד פאר די קהלה. דורך קומען לערנען ביינאכט אין ביהמ"ד ווערט די קהלה צוזאמגעהאלטן מיט תורה ועבודה. נאר אזוי קען מען אָנגיין שטאַרק אין אַ געמישטע שטאט.

'כולל בוקר' - דורכאויס די יארן האט מען מסיים געווען כמה מסכתות ש"ס, לעצטנס האט זיך פארשווערט די עול הכספי, ס'איז צוגעקומען אז ס'איז נאר דאָ פלאץ פאר א מספר מצומצם פון אינגעלייט. מ'קוקט ארויס אויף עסקני התאחדות אברכים

Catering
DEPARTMENT
For all your Catering/Events, big or small, call us:
845-782-2900 Ext 150
Events@satmarmeatkj.com
INCLUDING
• Tables
• Chairs
• Tablecloths
• Set up
• Waiter
• Hot food
Sesame chicken, Grilled chicken strips, Overnight kugel, Kishka in gravy
• Gefilta fish platter
• Bilkalach
• Cake
• Fruits
• Chocolate & Nuts
• Chips
• Soda + water
• Beer
• Paper goods
Special Package
Only! $1,499

צו אויפהייבן די קול תורה אין די פארטאגס שעה'ן בבית מדרשינו.

'שיעורים קבועים' - בתוככי הקהלה קומען פאר שיעורים ברבים טאָג-טעגליך, יום ראשון, ליל ששי, שב"ק, מוצ"ש, מועדים וזמנים, אין גמרא און הלכה. אויך איז אהערגעשטעלט א חברה משניות צו לערנען יעדן טאג משניות על הסדר. דאָס אַלעס ברענגט אַריין אַ רוח התורה והלכה אין די גאַנצע קהלה.

'שובבי"ם' - ליל ששי אין די הייליגע שובבים נעכט איז אַהערגעשטעלט א סדר הלימודים זיך צו דערהייבן אין די הייליגע שובבים טעג, באַגלייט מיט פּראָגראַמען און מתנות פאר די וואס קומען אין די פריע פארטאגס שעה'ן צו לערנען.

'חברותות' - סדרי החברותות נעמט אריין צו אויפנעמען מסדרי חברותות, צו קענען צושטעלן חברותות פאר יעדן יחיד כפי רצונו, אין אלע צייטן פון טאג און בפרט פאר קביעות עתים לעת ערב.

'חבורת ירושת הצדיק' - לימוד ויואל משה דורך חבורת ירושת הצדיק. עקסטער לערנט מען לאור המצב ספה"ק על הגאולה ועל התמורה אריינצוברענגען ריכטיגע אמונה מדברי מרן רבינו הקוה"ט זי"ע.

'מפעל שלום אהלך' - צוזאַמצונעמען די אינגעלייט מיט שיעורי הלכה בעניני בנין הבית לבנות בית נאמן בישראל, באַגלייט מיט שעורי הלכה, השקפה, והדרכה.

'מעמדים וכינוסים' - מעמדים, סיומי מסכת, כ"א כסלו, חנוכה, אזוי אויך יעדע ראש חודש קומען פאר כינוסים פאר אינגעלייט לחזק ולהתחזק. בפרט קומט פאר יערליך שבת התאחדות מיט שטארקע בעלי דרשנים וואס דאס איז פון די וויכטיגסטע זאכן צו צוזאמהאלטן די קהלה בכלל און די אינגעלייט בפרט.

'תפארת הבחורים' - תפארת הבחורים זיך אפצוגעבן מיט די בחורים וואס דערווייל איז נישט דא קיין סאַטמאַרער ישיבה קטנה. מ'שטעלט צו פאר די בחורים כינוסים און סדרי לימודים, בימי בין הזמנים, חול המועד, אזוי אויך א גאנץ יאָר, כסדר'דיגע פּראָגראַמען ווי עקסטערע סדרי לימוד און בחינות און בפרט לימוד ספה"ק ויואל משה, אלעס כדי צוזאַמצוהאַלטן די בחורים פון קהלתינו הק' מיט די ריכטיגע השקפה הטהורה.

## זייט ס'זענען נתרבה געוואָרן די פּעולות אונטער "התאחדות אברכים" איז די קהלה נתרומם געוואָרן עשר רמות!

יעדער יחיד איז אַרומגענומען מיט שיעורים, חברותות, דרשות, חבורות, צו יעדע צייט. דאָס האָט גענצליך איבערגעדרייט די גאַנצע קיום הקהלה און דאָס אַרויפגעברענגט אויף די העכסטע שטאַפּלען.

ס'איז דאָ אַן אָבער דערצו. זיי פלאָגן זיך זייער. די פעולות קען נישט פינאַנצירט ווערן בלויז דורך זיי. זיי מוזן צוקומען צו אונז, זייערע ברידער מעבר לים.

לאור זאת האָט כ"ק מרן רבינו שליט"א געשריבן אַ ספּעציעלן מכתב קודש, ווי ער שרייבט מיט קלאָרע און האַרציגע ווערטער צו אנשי שלומינו, צו אַנטקעגנקומען די געטרייע גבאים וראשי המפעל וועלכע לייגן זיך אַריין לבם ונפשם אויפצוהייבן כל קהלא קדישא אין מאַנטשעסטער מיט אַזויפיל פעולות גדולות ונצורות פאר זייער רוחניות, אָבער זיי קענען זיך נישט דעקן אַליין, דעריבער מוזן זיי צוקומען צו אחינו בשרינו אנ"ש החונים על דגל קהל יטב לב.

בפקודת הקודש האָבן זיך שעפערישע עסקנים אַריינגעוואָרפן למען העמדת התאחדות אברכים מאַנטשעסטער על תילה בנוי', און אַראַנדזשירן דעם גאָר וויכטיגן מסיבה נהדרה דעם קומענדיגן מאָנטאָג ויקרא, וועלכע וועט זיין בעז"ה דער מאַכטפולן רוקן-ביין און הייליגער באַזע וואָס וועלן צייגן מיט די שענסטע קאָלירן וואָס דאָס מיינט אַרויסצוהעלפן אונזערע לעכטיגע ברידער מעבר לים, וועלכע רופן פשוט מ'זאָל זיי העלפן אויף זייער 'מקור חיים'! זייער לעבנסוויכטיגע קיום וואָס נאָר מיט די אלע פּעולות קענען זיי בעז"ה ווייטער מגדל זיין דורות נאנמים לד' ולתורתו, כפי המקובל לנו מדור דור.

בעז"ה וועלן אַרויסקומען צום מסיבה אַ בכבוד'יגער משלחת פון קהל יטב לב מאַנטשעסטער, ה"ה הרה"ח ר' חיים ווייס שליט"א ראה"ק דקהלתינו, הרה"ג ר' יחיאל מיכל הלוי שנעק שליט"א ראש המפעל התאחדות אברכים, מו"ה ר' נחום דאַנציגער הי"ו גבאי המפעל, וועלכע וועלן אָנוואַרעמען דעם ציבור און אסנעמען די וואַרעמהאַרציגע נדבות לב.

ס'איז קלאָר און יעדער באַגרייפט עס אַז אָן די אַלע פּעולות האָבן זיי גאָרנישט. ס'איז נישט קיין קהלה אויב די רוחניות איז נישט אַוועקגעשטעלט! קרית יואל וועט אויסשטרעקן אַ האַנט פאר בני קהלתינו אין מאַנטשעסטער, און זיי געבן מאַכטפולע שטיצע אַז זייער גאַנצע עקזיסטענץ זאָל ווערן פולקאָם באַפעסטיגט!

לאָמיר געדענקען. דאָס איז פאר זיי לעבנסוויכטיג. מיר וועלן זיי גיבן לעבן. ווייל דאָס איז פאר אונזערע לעכטיגע ברידער קהל יטב לב סאַטמאַר מאַנטשעסטער!

**קהל יטב לב סאַטמאַר קרית יואל ווייסט גוט וויאַזוי צו בויען אַ קהלה! אָט וועלן מיר עס אַרויסצייגן מיט אונזערע שענסטע קאָלירן ביים מסיבה נהדרה 'בונים מאַנטשעסטער'!**

**קומענדיגן מאָנטאָג ויקרא - מסיבה נהדרה - בונים מאַנטשעסטער!**



ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאוד מאוד!

# בלומינג גראָוו ווייבערירט מיט קאָנסטרוקציע טראָקס לענגאויס די פילצאָליגע דירות פראָיעקטן איבער דער שטאָט

## ווילעדיש באַאמטע באַגריסט פאר די הערליכע אויפבליה און אין דער זעלבער צייט אָנהאַלטן די רואיגע כאַראַקטער און באַשיידענע סטאַנדאַרטן צו אַלעמענס צופרידנהייט

בלומינג גראוו קרית יואל. - די גריסן פליסן, איבעראל הערט מען דערפון שמועסן, א מהפיכה במלוא מובן! די פריידיגע באַריכטן פארלאפענע וואך צווישן די וואכנשריפט שפּאַלטנס האט געברענגט פיל א העכערן אפרוף ווי ערווארטעט, עס האט געעפענט א נייער בליק מיט אַ פרישן פרעספּעקטיוו! דער ציבור איז געווארן באוואוסטזיניג אז בלומינג גראוו בליעט! טראָץ וואס מ'זעט טאַקע נישט קיין וואָלקנקראַצער, בויעט זיך פאַקטיש הערליכע רחבות'דיגע הייזער איינס נאכ'ן אַנדערן, ווען אויף יעדע גאס זעט מען שוין עטליכע הייזער אין אקטיווע פאזעס און נאָך עטליכע וועלכע זענען שוין גרייט צו ווערן איינגעוואָרפן, אין די פלאנירונג שטאפּלען.

און דער חידוש איז טאקע אט דאָס: מען בויעט מיט א רחבות! די זייגער האט מען פאראויסגערוקט א שעה, אבער קרית יואל האט מען צוריקגערוקט מיט א שיינע פאר צענדליגער יאָרן...! ס'בויעט זיך פרישע 'סאטמאר דרייוו' סארט גאַסן! הערליכע הייזער וועלכע זענען אויך שיין צום אויג, נישט בלויז אויף סקיצעס, נאר אויך ווען מען זעט עס









לעבעדיג אין פאקט.

## בלומינג גראָוו בבנינה - לשם ולתפארת!

עס לאָזט זיך אויף אַן אמת נישט גלייבן, און ס'איז זייער שווער צו שילדערן אָדער ערקלערן פאר אידן וועלכע האָבן דאָס נישט מיטגעהאַלטן, דעם לאַנגען וועג וואָס בלומינג גראָוו איז אַריבער אויף טריט און שריט, ביז מען האָט ב"ה דערגרייכט דעם געוואַלדיגן מאָמענט פון הרחבת גבולי הקדושה אויף אַזאַ אומגלויבליכן פאַרנעם.

"נודה לך ונספר תהלתך, על ניסיך שבכל יום עמנו ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת", ווי קען מען אפילו גענוג דאַנקן השי"ת אויף די הימלישע הצלחה און סייעתא דשמיא וואָס באַגלייט דעם הייליגן געגנט ערב בוקר וצהרים, אויף אַ טאָג טעגליכן פאַרנעם, ווען במשך די גאַנצע צייט זעט מען באַשיינפערליך ווי אַ העכערע האַנט באַגלייט, צו פאַרזיכערן דעם גאָלדענעם צוקונפט פון טויזנטער אידישע משפחות. להחיות לכם לפליטה גדולה.

די אָרטיגע איינוואוינער זענען אַלע עדות כמה הרפתקאות דעדו עלן, וויפיל מען איז דאָרט אַריבער פון אַלע אַספעקטן, מבית ומבחוץ, אין וויפיל שטרויכלונגען און שוועריגקייטן מען האָט זיך אָנגעשטויסן, אָבער ווי וואונדערליך אַז עס אַז בכל עת תמיד, ביי יעדע געלעגנהייט און ביי יעדע געשעעניש האָט איינמאָל און נאָכאַמאָל אַרויסגעשיינט די הערליכע סייעתא דשמיא און הצלחה משמי מעל וואָס האָט באַגלייט און געטראָגן ווייטער די בליענדע געגנט, וואָס איז ב"ה הולך וגדול עד כי גדול מאוד.

## בכוחו ובזכותו של אותו זקן מרן רבינו הק' זי"ע

אייגנטליך איז טאַקע די הצלחה פון בלומינג גראָוו אַ שטראַל פון ליכטיגקייט, אַן אָפענע הארה פון דעם אַלמעכטיגן יד ה' אין דעם גרויסן הסתר פנים פון עקבתא דמשיחא, ווייל דאָס ווייזט אַז אַלעס וואָס מען האָט ב"ה דערגרייכט ביז אַהער האָט גאָרנישט מיט קיין מענטשליכע כוחות, ס'איז בלויז די אָפענע השגחה פון הימל וואָס האָט באַשטימט אַז דאָ זאל נקבע ווערן אַ רואיגע הייליגע צענטער פאר אידן, אַ מקום מושב מיט אַזויפיל מעלות, וואו אידישע קינדערלעך זאָלן קענען וואוינען און מגדל זיין ליכטיגע אידישע שטיבער מיט אַ ישוב הדעת ומנוחת הנפש, ביז משיח'ס טאָג במהרה.

















והאמת ניתן להאמר, אַז דאָס הערט מען כסדר פון די פרישע איינוואוינער, וועלכע ציען זיך אַריין קיין בלומינג גראוו, און וואונדערן זיך אָפן: "ואמרת בלבבך מי יולד לי את אלה", וויאַזוי האָט דאָס פּאַסירט? די געשיכטע פון בלומינג גראוו איז עפּעס וואָס וועט נאָך לאַנגע יאָרן שטודירט ווערן דורך אָבזערווירער און היסטאָריקער, וויאַזוי עס איז צושטאַנד געקומען אַזא סאָרט וואונדערליכע מציאות פון אַזאַ שפלות צו אַזאַ פראכט, מבירא עמיקתא לאיגרא רמא, און אַלעס אין אַזאַ קורצע צייט, אויף אַזאַ הערליכן פאַרנעם, לא יאומן כי יסופר.

פון די שענסטע און הערליכסטע פאַקטאָרן פון דעם היסטאָרישן אַנטוויקלונג בקורות ימי קרית יואל איז בלי ספק דער הייליגער כח התורה וואס טוט באַגלייטן בלומינג גראָוו, מיט אַן ערנסטע, רוחניות'דיגע און רבני'שע הנהגת העיר, דורך די חשוב'ע רבנים, דיינים, מורי הוראות, וועלכע פאַרפיגן איבער די צרכי הישוב מיט'ן פולסטן אחריות.

דאס דערקענט זיך כסדר ביי די אסיפות הרבנים ווען אלע רבני העיר שליט"א זיצן אינאיינעם און זענען דן בכובד ראש לענגערע שעות את המעשה אשר יעשון, מיט אַ רבני'שע און רוחניות'דיגע אחריות און אויטאָריטעט למען עתיד העיר, ולמען הרחבת גבולי הקדושה, בעצה ותושי', בהדרכה ובברכה, דורכאויס די גאנצע צייט זינט דעם אנהויב ביז'ן היינטיגן טאג, על כל פרט צעד ושעל. והיינו דאהני' לן אז מען האט ב"ה דערגרייכט עד הלום, מיט אזא געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא.

## וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם

געוויס איז גלייכצייטיג פאַרהאַן דער חיוב פון הכרת הטוב, להביע רננות בעד מפעלם, פון די אַלע טייערע אידן, די געטרייע און הערן׳אָישע ראשי העיר, די ווילעדזש באאמטע און עסקנים פון דער געגנט וועלכע האבן אריינגעלייגט אומערמידליכע כוחות צו דעוועלאפּען דעם געגענט צו יעדנס בענעפיט; סיי ס'זאל געבויעט ווערן פרישע דירות און צו די זעלבע צייט אנצוהאלטן די הערליכע ווילעדזש רואיגע נאטורליכע כאראקטער צו קענען לעבן במנוחה ובהשקט, צו גאט און צו לייט.

הוד והדר פעלם וצדקתם עומדת לעד! קרית יואל איז מלא הכרת הטוב פאַר די אַלע טייערע עסקנים, כל אחד בשמו הטוב יבורך, וועלכע זענען גלייכע חלקים אין דער קאָלעקטיווער בילד פון דער שיינענדיגער הצלחה וואָס איז קענטיג אין יעדן ווינקל, כה יתן ה' וכה יוסיף.

## אַ שפּאַציר צווישן די גאַסן מיט אירע פרישע דעוועלאָפּמענטס

פּאָרט, וואוסנדיג דעם כלל אַז וויפיל מען ליינט האָט דאָס נישט דעם אַפעקט ווי ווען מ'זעט דאָס מיט די אייגענע אויגן, האָט דעריבער די 'וואָכנשריפט' שטאַב זיך ארויסגעלאזט פארלאפענעם אנהייב וואך צו כאַפּן אַ נאָנטן בליק און אויסקעמען די בלומינג גראוווער גאַסן, זיך צו באגעגענען מיט דעם הערליכן מציאות און מיט די פריידיגע אנטוויקלונגען און פאַרשטענדליך שעפּן נחת דקדושה פון פרי עמלינו, ווען מען זעט אז די אלע יארן הארעוואניע האט ב"ה געפירט צו אזא הערליכע הרחבת גבולי העיר וואס מען וואלט זיך נישט געקענט חלומ'ן.

די רייזע האט זיך עטוואס פארצויגן לענגער, ווען פארנט איז מען מער פון איינמאל עטוואָס בלאָקירט געוואָרן דורך אַ פּאַמעליך - פּאָרענדע טראקטאר אדער טראק אנגעהויפנט מיט מאַטעריאַל, וואס איז געווארן א נייע ערשיינונג די לעצטערע חדשים איבער די ווילעדזש גאַסן, זינט די וואונדערליכע אויפבליה.

זיך ארומקוקנדיג זעט מען אויף אַלע זייטן פארצוימטע שטחים, אויף טייל גאַסן באגעגענט מען אינדזשענירן מעסטן; אויף אַן אַנדערע גאס שטייט א טראקטאר און גראבט מיט אַפּעטיט; ארויפציר ציהט זיך ארויף א סטרוקטור; און א גאס ווייטער שטייט 3 געביידעס איינס נעבן אנדערן מיט א בלומינג גראווער גאוה דקדושה... אריין אינעם דעד-ענד טאנצט ארויס א פארטיגע געביידע נארוואס פארענדיגט וואס רופט ארויס דעם 'אין עוד מלבדו', און א גאס ווייטער שטייט שוין א 'מאווינג טראק' מיט א פרישע משפחה וואס שליסט זיך אן אלס גליקליכע תושבי בלומינג גראוו און באשטעטיגט אז דעם אויבערשטנ'ס פלענער קען קיינער נישט בייקומען.

דער עצם עקזיסטענץ פון בלומינג גראוו איז אייגנטליך צושטאַנד געקומען בלויז און אויסשליסליך דורכ'ן קוראַזש פון יחידים; הויז נאָך הויז, יחיד נאָך יחיד. פּונקט אויף דעם זעלבן מהלך ווערט יעצט דורכגעפירט די אויסברייטערונג פון בלומינג גראוו אַלס אַן עיר ואם בישראל, מיט די אויפבוי פון נאָך אַ הויז און נאָך אַ הויז, נאָך אַ יחיד און נאָך אַ יחיד, משפּחה ומשפחה, וואָס וועלן אינאיינעם פאָרמירן און צעמענטירן אַ גליקליכן עתיד.

דא רעדט זיך נישט פון קיין פלענער, נאר זאַכן וואָס זענען ב"ה גלוי לעין כל, יעדער באלעבט דאס און דאס







האט ווייטגרייכענדע אפעקטן אויף די גאנצע מציאות פון בלומינג גראָוו, וואס שפאנט אין נייע ריכטונגען. אין צוגאב צו גרויסע גיגאנטישע דירות פראיעקטן וואס ווערט אָט געבויעט דורך דעוועלאָפּער מימין ומשמאל, אויסגעשפרייט לענגאויס די מיילן - לאנגע ווילעדזש גרעניצן, וואו עס בויעט זיך נייע גאסן מיט טויזנטער דירות, אויפצוציען דארט בתים נאמנים לה' אלקי ישראל.

## ועצת ה' היא תקום!

וויפיל שוועריקייטן, תלאות און שטיינער איז מען אַריבער דורכאויס דעם גאַנצן לאַנגען וועג; פון איבערצייגן משפחות זאלן מסכים זיין זיך אויפצוהייבן און אריבערקלייבן צו ניי קרית יואל, ביז די אויסטערלישע 'התחלות קשות' דורך פון די אלגעמיינע איינוואוינער וועלכע האבן געקוקט דערויף מיט א קרום אויג 'מיינענדיג' אז מ'זוכט זיי איבערצונעמען, שוין אָפּגערעדט פון די שוועריגקייטן במשרין ובעקיפין פון ארומיגע שכנים וועלכע האבן יעדער פאר א אנדערע סיבה געזען אין בלומינג גראוו א שטער פאר זייערע אינטערעסן.

ווען 'קרית יואל וואָכנשריפט' האָט במשך לאַנגע יאָרן געמוטיגט און אַרויסגעהויבן די רעוואָלוציע פון בלומינג גראָוו, האָבן ציניקער געשמייכלט, סקעפּטיקער האָבן געקווענקלט, גוטע פריינד האָבן געראָטן אַז ס'איז אַ שאָד די טינט און די פּאַפּיר...

ווייזט אָבער אויס אַז דער כחו וזכותו של אותו זקן, רבינו הק' זי"ע מייסד העיר, האָט איבערגעשטיגן די אַלע פאראויסשאצונגען, ועצת ה' היא תקום! דער נס האָט ב"ה פּאַסירט, ווי אַלע זענען עס היינט מודה בפּה מלא, דער הערליכער צוקונפט פון בלומינג גראוו איז היינט פאר יעדן קלאר, און די 'וואָכנשריפט' איז דאנקבאר דעם רבוש"ע אז מען האט געקענט האבן א חלק דערין, וזה חלקנו מכל עמלינו!

**ונבנתה עיר על תילה!**









# שטורמישע התרגשות ביי הונדערטער יוצאי ישיבת "נועם אלימלך ליזענסק" און מוקירי תורה צום דינער וכינוס התלמידים "בלבנו" לטובת הישיבה; כ"א אדר ב' הבעל"ט

**קומענדיגן זונטאג שמיני אינעם נאסטאלגישן ישיבה קאמפלעקס אין מאנסי | ווידער-פאראייניגונג פון קרוב צו טויזנט תלמידים פון במשך 35 יאר ערוועקט געפילן פון געגועים און השתוקקות צו די לעכטיגע טעג אין ישיבה | געהויבענע מעמדי תורה ותפלה וועט אפגעראכטן ווערן איידער'ן מעמד | ספעציעלער מעמד בקשת רחמים אינאיינעם מיט די בחורי הישיבה ביומא דהילולא קדישא פונעם רבן של ישראל, איש האלקים, בעל נועם אלימלך להושע בכל מילי דמיטב | צענדליגער עסקנים פון אלע יארגענג מיוצאי הישיבה איינגעשפאנט פאר די הצלחה פונעם היסטארישן כינוס | דינער אינפא-ליין: 845-818-2800**

## אידן בכל מקום שהם וועלן זיך מקשר זיין מיט'ן הייליגן רבי ר' אלימלך זצוקללה"ה דורכ'ן שטיצן די הייליגע ישיבה שנקראת על שמו הטהור

ניו יארק. - א כוואליע פון התרגשות, התרוממות און נאסטאלגיע נעמט ארום די קרוב צו טויזנט תלמידים יוצאי ישיבת "נועם אלימלך ליזענסק" פון די פארגאנגענע 35 יאר כולם שוין לטובה, וועלכע מאכן זיך גרייט נאכאמאל זיך צענויפצוטרעפן מיט זייערע אלטע חברים אונטער'ן זעלבן דאך וואס ליגט ביי יעדן אין זכרון און אין הארץ, און ווידעראמאל אריינאטעמען די הייליגע לופט פון ישיבת נועם אלימלך, אויפוועקן די טיפע, באהאלטענע געפילן און הרגשים צו דעם הייליגן מקום תורה, און אינאיינעם אוועקשטעלן א פעסטע יסוד אז די זעלבע ישיבה זאל ווייטער קענען אנהאלטן און מעמיד זיין תלמידים הגונים אויפ'ן זעלבן מהלך און דרך, לאורך ימים ושנים.

דער היסטארישער צוזאמקום, מעמד הדינער וכינוס התלמידים איז באשטימט געווארן אויף קומענדיגן כ"א אדר ב' הבעל"ט אינעם יומא דהילולא קדישא פונעם רבן של ישראל, קודש קדשים, איש אלקים רבי ר' אלימלך מליזענסק זצוקללה"ה, וואס דער זמן און דער מקום איז מסוגל זיך צו קענען מקשר זיין מיט'ן צדיק וקדוש און עס וועט נשפע ווערן ישועות ברוחניות ובגשמיות אויף אלע תלמידים, און אויף גאנץ כלל ישראל בכל מקום שהם, וועלכע וועלן זיך אויך אנשליסן און מחזיק זיין די הייליגע ישיבה וואס איז א כבוד און זכיה פאר'ן גאנצן יהדות החרדית.

### ישיבת "נועם אלימלך - ליזענסק" בעבר

"ישיבת נועם אלימלך ליזענסק" - א נאמען וואס שמ'ט איבער דעם גאנצן עולם הישיבות און ביי גאנץ כלל ישראל, און בפרט הערט עס זיך מיט אזא זיסקייט און ערוועקט טיפע נאסטאלגישע געפילן ביי יעדן איינעם וואס האט געהאט די זכיה צו זיין א תלמיד אין דער ישיבה און אריינגעאטעמט די ריינע לופט פון "ליזענסק".

ישיבת נועם אלימלך שטייט ביים אויבנאן פון די בארימסטע ישיבות אין ניו יארק אין די לעצטע צענדליגער יארן, ארויסגעבענדיג הונדערטער ערליכע תלמידים לשם ולתפארת, ערליכע, חסיד'ישע אינגעלייט, בעלי בתים ובני תורה, צווישן זיי פון די שענסטע מרביצי תורה, מורי הוראה, נדיבים בעם, עסקנים חשובים. יעדער תלמיד פון דער ישיבה פארמאגט א ספעציעלן חותם וואס דערקענט זיך אויף זיין אהבת התורה ויראת שמים, זיין קאך און פלאם פאר תורה וחסידות, און פשרה'לאזע געטריישאפט פאר אויטענטישע אידישקייט און השקפה טהורה.

די הייליגע ישיבה איז נתייסד געווארן דורך כ"ק אדמו"ר מליזענסק זי"ע חדב"ן כ"ק מרן אדמו"ר מטאהש זצוק"ל, וועלכער האט משפיע געווען מהודו פאר די בחורים, און די געהויבענע קבוצה מרביצי תורה, מנהלים, משגיחים ומשפיעים האט יעדער איבערגעלאזט זייער פערזענליכע השפעה און חותם אויף די תלמידי הישיבה.

ספעציעל איז די ישיבה געפארעמט געווארן דורכ'ן לאנגיעריגן און לעגענדארן מנהל, הר"ר משה ברוך ווייס ז"ל, וועלכער איז מיט זיין געניטע כח ההנהגה, פייערדיגן חסיד'ישן קאך, און געוואלדיגן פארשטאנד, געשטאנען בראש פון די ישיבה פאר לאנגע יארן און אראפגעשטעלט די יסודות און רוח הישיבה, וואס האלט אן ביזן היינטיגן טאג, דאס לערנען תורה בעיון און מיט א פעסטקייט משולב מיט'ן חסיד'ישן פלאם, און דאס ממאס זיין אין די פוסטע הבלי עולם הזה, גשמיות און פוץ, עד קצה האחרון.

קרוב צו טויזנט תלמידים דערקלערן זיך מיט שטאלץ און כבוד אלס א תלמיד פון ישיבת 'נועם אלימלך', וואס טייל פון זיי זענען שוין היינט זיידעס צו אייניקלעך, און זענען ווייטער ממשיך דעם ערליכן דרך און חסיד'ישע ווארימקייט פאר די דורות הבאים.

ביי אלע יוצאי תלמידי הישיבה ליגט נאך טיף איינגעקריצט אין דיביינער די לעכטיגע טעג, די זיסע נעכט, די פייערדיגע תפילות, די עמקות'דיגע שיעורים, די פלאקערדיגע שבתים, און דערהויבענע יומי דפגרא'ס. איי ווי געשמאק איז געווען צו ליגן אין א פעסטע סוגיא מיט עטליכע מהלכים אין די ראשונים ואחרונים! ווי דערהויבן זענען געווען די טעגליכע דאווענען'ס מיט א מתינות און העכערקייט אויסגעטון פון די גאנצע וועלט! ווי זיס זענען געווען די שבתים און יומי דפגרא'ס וואס מען האט אפגעראכטן אין א העכערן אטמאספערע, מיט א שמחה של מצוה, מיט בחור'ישע ענערגיע אונטער'ן שאטן פון געווייקטע חסיד'ישע רמי"ם, עובדי ה' און בעלי השקפה.

סיי-ווער עס האט נאר געהאט די זכיה דאס מיטצולעבן, וואלט געטון אלעס אויף דער וועלט אז די ישיבה זאל זיך ווייטער קענען פירן אויפ'ן זעלבן אופן, און ער זאל זוכה זיין דארט אריינצושיקן זיינע קינדער און אייניקלעך, אז זיי זאלן זאלן אויך האבן די מעגליכקייט און זכיה צו פארברענגען די בחור'ישע יארן אויפ'ן זעלבן געהויבענעם שטייגער ווי זיי געדענקען זיך פראווען זייערע בחור'ישע יארן.

### ישיבת "נועם אלימלך - ליזענסק" בהוה

ישיבת נועם אלימלך גייט ברוך ה' ווייטער אן מיט'ן פולסטן קראפט און הצלחה. עס וויל זיך שווער גלייבן אז אין די היינטיגע וועלט פונקציאנירט נאך די זעלבע ישיבה, מיט די זעלבע אויר, די זעלבע ערנסטקייט, העכערקייט, כאניאקישקייט, און אלעס וואס "ישיבת נועם אלימלך" האט געמיינט די לעצטע אריבער דרייסיג יאר, אלעס גייט נאך אן אויפ'ן זעלבן אופן מיט'ן פולן גלאנץ, כן יעזור ה' להלאה.

די ספעציעלע סייעתא דשמיא וואס באגלייט די ישיבה מיום הוסדה איז קאי וקיים, און כהיום יום זיצן הונדערטער בחורים און זענען עוסק בתורה, חסידות, יראת שמים און מדות טובות, אויסגעטון פון די גאנצע וועלט און אפגעזונדערט פון יעדן שמעק פון מאדערנקייט און היינטיגקייט, אונטער די הדרכה און הנהגה פון ערליכע, חסיד'ישע רמי"ם.

פון פרי פארטאגס ביז שפעט אויפדערנאכט זיצן די בחורים און הארעווען על התורה ועל העבודה. דאס לערנען איז מיט אן עמקות און עיון, און דאס דאווענען איז מיט א קאך און ברען. די שבתים ווערן געפראוועט מיט א געוואלדיגן דערהויבנקייט דורך חשוב'ע משפיעים, וואס וועט באגלייטן די תלמידים זייער גאנצע לעבן.

### מעמד "בלבנו" וכינוס התלמידים

כדי ווייטער צו קענען ממשיך זיין און אויפהאלטן דעם מבצר התורה והחסידות און כדי כדי דער פלאם פון ליזענסקער ישיבה זאל זיך נישט פארלעשן, און ווייטער ארויסגעבן די הערליכע, זיסע פירות פאר'ן צווייטן און בקרוב פאר'ן דריטן דור פון תלמידי הישיבה, ווערט אונטערגענומען דער יעצטיגער פייערדיגער מגבית "בלבנו" וואס צילט צו מאחד זיין אלע יוצאי תלמידי הישיבה, ווי אויך טאטעס, זיידעס און בכלל אידן וועלכע שעצן תורה וחסידות און ווילן האבן די זכיה אויפצוהאלטן אזא מקום תורה.

דער מעמד אדיר וועט אי"ה אפגעראכטן ווערן קומענדיגן זונטאג פר' שמיני כ"א אדר א' הבעל"ט, און וועט פארקומען טאקע אינעם לעגענדארן היכל הישיבה, וואו עס וועלן זיך ווידעראמאל פאראייניגן יוצאי הישיבה און אידן ווען עס ברענט אנצוהאלטן דעם פאקל פון תורה וחסידות, דער נר ישראל שלא תכבה, אז עס זאל נאך בלייבן אזא הייליגע ישיבה וואס זאל דעמאנסטרירן אז מען קען נאך היינט אנהאלטן דעם זעלבן אלטן כאניאקישן דרך, און עס זאל בעז"ה בלייבן הונדערט פראצענט אפגעהיטן פון אלע איבלען פון די היינטיגע גאס.

אין דעם גרויסן טאג וועלן זיך ווידעראמאל צוזאמטרעפן אלטע חברים וידידים פון לאנגע יארן צוריק, צווישן די זעלבע הייליגע ווענט וואס ליגט איינגעקריצט טיף אין אונזער הארץ. מען וועט זיך אויפפרישן די זכרונות און זיך עראינערן פון די לעכטיגע טעג וואס מיר האבן דארט מיטגעלעבט, און אינאיינעם אוועקשטעלן א יסוד פאר איר ווייטערדיגן הצלחה און קיום.

אין די זעלבע צייט וועלן אידן בכל מקומות השם זיך אנשליסן מיט הערליכע סכומים צו האבן א חלק אין דער הייליגער ישיבה, און זוכה צו זיין פון השפעות ממעל בזכות דעם הייליגן רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע ביומא דהילולא קדישא.

אין די יעצטיגע טעג זענען איינגעשפאנט געווארן צענדליגער פלאקערדיגע עסקנים וועלכע גרייטן צו אלע דעטאלן פאר'ן היסטארישן צוזאמקום, און פארבינדן זיך מיט אלע תלמידים היוצאים פון די פריערדיגע יארן. עס ווערט צוגעגרייט אן אויסנאם רייכע און עמאציאנאלע פראגראם און סדר הלילה, וואס וועט בארירן די הערצער פון אלע תלמידים און אויפפרישן לעכטיגע זכרונות וואס ליגט פארשטעקט אין די זכרונות קעמערלעך פון די תלמידים.

עס איז געעפנט געווארן א ספעציעלן קאמפיין אינפא-ליין וואו מ'קען הערן כסדר'דיגע באריכטן און מעלדונגען אין בעפארברייטונג פונעם היסטארישן מעמד. די נומער איז 845-818-2800.

**פתח להם נוע"ם ורצון!**

בס"ד

# כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א בקריאה נרגשת

למען
## התאחדות אברכים
שע"י קהל יטב לב
מאנטשעסטער יצ"ו

לרגל מסיבה נהדרה
'בונים מאַנטשעסטער'
ביום ב' ויקרא

Z. L. TEITELBAUM
GRAND RABBI OF SATMAR
550 BEDFORD AVENUE
BROOKLYN N.Y. 11249
(718) 384-0330

יקותיאל יהודה טייטלבוים
אבדק"ק סאטמאר
ברוקלין נ. י. יצ"ו

איקלע לאתרן הני חשובי מנהלי התאחדות אברכים בעיר
מאנטשעסטער ה"ה הרה"ג **יחיאל מיכל הלוי שנעק** שליט"א
ואתו עמו האברך החשוב הר"ר **נחום דאנציגער** הי"ו

**אשר עושים ומעשים להרבות תורה ויראה בקרב קהילתינו הקדושה קהל יטב לב דסאטמאר בעיר מאנטשעסטער יצ"ו**

שנתייסדה ומתנהגת עפ"י דרך מרן דו"ז רבינו הקדוש זי"ע, והוא תל תלפיות לכל אנ"ש לנהג ביתם בדרך התורה והמסורה ולגדל צאצאיהם עפ"י דרכי אבותינו ורבותינו.

ותהלה לקל בשנים האחרונים נתרבו כוחות הקדושה בכחו ובזכותו של אותו זקן מרן דו"ז רבינו הקדוש מייסד הקהלה, ונתרבו ספסלי בית המדרש באברכים יקרים ובעל בתים חשובים

**והנהלת "התאחדות האברכים" עומדים על משמרת הקודש להרבות פעלים לתורה ולתעודה**

הן בשיעורי תורה המתקיימת במשך השנה, וגם לרבות הכולל ערב אשר זה מקרוב פתחו את שעריו לתפארת הקהלה, וכמו"כ הכינוסים מזמן לזמן, ותפארת הבחורים, ועוד ועוד

על כל צעד ושעל עושים גדולים ונצורות למען הרבצת תורה ויראה בתוכני הקהלה הקדושה, ובו"ה שרואים פרי טוב בעמלם בהצלחה וסייעתא דשמיא מרובה לתפארת הקהלה והמוסדות.

**והיות שכל זה עולה להוצאות והון תועפות אשר על כן באתי בזה לעורר ולזרז את כל אנ"ש שכל אחד ואחד יטול חלק להיות נמנה על דבר מצוה**

# לבוא לקראתם ולעזור להם שיזכו להמשך בפעולותיהם הטובות

וברכתי צרופה לכל הנוטלים חלק בהחזקת הקהלה שזכות מרן דו"ז רבינו הקדוש ז"ל יגן עליהם להתברך בשפע רב חיי אריכי ומזוני רויחי מתוך נחת והרחבת הדעת, עדי נזכה לישועת כל ישראל ושמחתן בביאת גואל צרק בב"א

סאטמאר קרית יואל
פאר
סאטמאר מאנטשעסטער

קרית יואל פאר מאַנטשעסטער!

מסיבה נהדרה
בּוֹנִים מאַנטשעסטער

מאנטאג ויקרא
בבית הרה"ח ר' יוסף פנחס סטרולאוויטש הי"ו

YALCO Marketing | 718.675.6084

מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי

# נאָנט צו אַהאַלב מיליאָן דאָלער אויפגעטריבן ביי נאבעלע באַנקעט לטובת "מפעל שקל הטהור" אין שטוב פון הרה"ח ר' משה אלי' עסטרייכער הי"ו, מנכ"ל מוסדות סאַטמאַר קרית יואל

## דעם פאַרגאַנגענעם מוצאי שבת פרשת ויקהל-שקלים העעל"ט בהשתתפות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

קרית יואל. – ביי אַן איינדרוקספולע אסיפה וואָס איז פאָרגעקומען דעם פאַרגאַנגענעם מוצאי שבת לסדר "ויקהל משה את כל עדת" אין שטוב פון הרה"ח ר' משה אלי' עסטרייכער הי"ו, מנכ"ל מוסדות סאַטמאַר קרית יואל, ע"פ בקשת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לטובת "מפעל שקל הטהור", איז געשאַפן געוואָרן די פאַנטאַסטישע סומע פון קרוב צו אַ האַלב מיליאָן דאָלער!

די אסיפה איז אָפגעראָכטן געוואָרן פאַר ספּעציעלע קרואי מועד אנשי שם, נדיבים בעם תושבי העיר, צו נעמען אַ חלק אין די פעולות חובקות זרועות עולם, און ב"ה ישראל נתבעים ונותנים, אַז מען האָט זיך אָנגערופן מיט אַ וואַרעם האַרץ צו דער שיטה הקדושה.

עס האבן זיך באַטייליגט אַרום 40 קרואי מועד וועלכע זענען געקומען אויף די פערזענליכע בקשה פונעם חשוב'ן אדמיניסטראטאר וועלכער איז אהוב ונערץ ביי יעדן. עס איז געווען אַ גאָר דערהויבענער און גייסטרייכער מעמד, מיט די פערזענליכע השתתפות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וועלכער איז געקומען צו פאָרן ספּעציעל צו דעם אסיפה, אינאיינעם מיט בנו הגה"צ דער רב שליט"א.

במשך די שעות של קורת רוח איז אַרויסגעהויבן געוואָרן דער אומגלויבליכער פאַקט אַז די הייליגע קאַסע פון "שקל הטהור" פונקציאָנירט היינט צוטאָגס מיט אַזויפיל ווי פיר יערליכע חלוקות – שבט און ביומא דהילולא כ"ו אב פאַר די מוסדות חינוך הטהור, און תשרי און ניסן פאַר לומדי תורה בטהרה אברכי הכוללים על טהרת הקודש – וואס באטרעפן אלעס אינאיינעם דעם סכום אדיר פון 4 מיליאָן דאלער א יאָר!

די פאַרזאַמלטע קרואי מועד האָבן געשטוינט צו הערן וויאַזוי "שקל הטהור" פונקציאָנירט נישט מיט קיין אפיס אָדער סיי-וועלכע זייטיגע הוצאות, נאָר יעדע דאלער גייט גלייך צו די קאַסע פון די מוסדות על טהרת הקודש אין ארץ ישראל! ס'לאָזט זיך דאָך נישט שילדערן די אומגעהויערע חיזוק וואָס די מסירת נפש'דיגע גבורי כח העומדים בראש החינוך הטהור באקומען פון די חלוקות, וואוסענדיג אז עס איז דא דער מנהיג ישראל וראש גולת אריאל אין אמעריקע וועלכער זארגט זיך פאר זיי!

דורכאויס דעם אָוונט איז כ"ק מרן רבינו שליט"א געזעסן פון 1 1 ביז 1

ביינאַכט, בביתו פון הרה"ח ר' משה אלי' שליט"א, וואו ער האָט פערזענליך אויפגענומען די אלע נדיבים וועלכע האבן איינציגווייז איבערגעגעבן די נדבות און רבינו שליט"א האָט מאציל געווען ברכתו הטהורה פאר יעדן בפרטיות.

איידער דער רבי האט פארלאזט די אסיפה האט זיך ארויסגעשטעלט דאס אומערערווארטעטע, נעמליך אז עס איז אַריינגעקומען די אסטראנאמישע סומע פון קרוב צו א האלב מיליאן דאלער געשאפן דורך די קרית יואל'ער נדיבים בעם! דאָס זענען די זעלבע נדיבים וועלכע רייסן פון זיך שטיקער יעדן טאג פאר א צווייטער אָרגאַניזאַציע און מוסד, און בעיקר זענען זיי די עמודי התווך פון די אייגענע הייליגע מוסדות און קהילה, אָבער ווען עס קומט צו משאת נפשו פון מרן רביה"ק זי"ע צו שטיצן די מוסדות על טהרת הקודש, און ציינן פאר די מנהלי המוסדות אז זיי האבן א שטארקע רוקנביין מעבר לים, אחים לדעה וואס שעצן זייער עבודת הקודש, און שיקן באדייטנדע הילף מיט א ברייטהארציגע געלט שטיצע.

באַזונדער איז בשעת מעשה אַרויסגעהויבן געוואָרן דער כבוד האכסניא, בשבחו פון הרה"ח ר' משה אלי' שליט"א, אז כאָטש וואס עס קען זיך דוכטן אַז אַזאַ מסיבה קען שאָטן פאר די פאָנדרעיזינג פון די מוסדות הק', און ס'איז זייער זעלטן צו זען אַזאַ מציאות וויאַזוי אן אַדמיניסטראַטאָר וואָס טראָגט דעם שווערן עול פון מיליאָנען דאָלאַרן פאר אַזעלכע גרויסע מוסדות הק', זאל אַראַנדזשירן אַ מסיבה של מצוה פאר אַנדערע צדקה צוועקן, אָבער דאָס איז טאַקע דער מהות פון ר' משה אלי' שליט"א, וואָס קוקט נישט אויף גאָרנישט ווען עס האַנדלט זיך פון ממלא זיין רצון קדשו פון מרן רבינו הק' זי"ע, מיט אַזאַ געטריישאַפט, וברכת צדיק בודאי יחול על ראשו.

אויפ'ן וועג ארויס האָט דער רבי שליט"א טאַקע געגעבן זיין ברכת קודש פאַר הרה"ח ר' משה אלי' שליט"א וב"ב, אז אין זכות פון אַראַנדזשירן די מסיבה מיט אַזאַ הצלחה, זאל דאָס זיין דער צינור וואס זאל ממשיך זיין א געוואלדיגע הצלחה פון "בכל אשר היא עושה ה' מצליח בידו", ווייטער צו קענען עוסק זיין אין דער עבודת הקודש מיט הרחבת הדעת און ברכה ממעל.

**כָּל אִישׁ אֲשֶׁר נָדַב לִבָּם אֹתָם לְהָבִיא, הֵבִיאוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל נְדָבָה לַה'!**


# געווינער פון פאריגע וואך

## פרשת כי תשא:

NEW YORK *** 4995 EXCELSIOR
ר' שלום אלימלך פאלקאוויטש

NEW YORK *** 2255 EXCELSIOR
ר' יושע פריעדמאן

NEW YORK *** 8270 EXCELSIOR
זיך נאכנישט געמאלדן

NEW YORK *** 4912 EXCELSIOR
זיך נאכנישט געמאלדן

NEW YORK *** 4496 EXCELSIOR
משפי שטערן

ספאנסאר פון פרשת כי תשא:

CarSafe
845.512.5555

'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880

# קעיטרינג מעניא

## Main Dishes

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| SIDE OF SALMON | | | | $119.99 |
| BEEF KIELBASA | | | 9X13 | $85.00 |
| BEEF PEPPER STEAK | | | 9X13 | $100.00 |
| BEEF BONELESS SPARE RIB | | | 9X13 | $110.00 |
| BEEF STEAMED BRISKET (BBQ) | | | 9X13 | $105.00 |
| BEEF BRISKET ROLLUPS | | | 9X13 | $100.00 |
| BEEF SQ CUT FLANKEN (BONELESS) | | | 9X13 | $165.00 |
| MINI STUFFED CABBAGE BEEF | | | 9X13 | $70.00 |
| BEEF STEAMED PASTRAMI | | | 9X13 | $95.00 |
| CORNED BEEF ROLLUPS | | | 9X13 | $95.00 |
| BEEF HONEY MUSTERED BRISKET | | | 9X13 | $105.00 |
| BEEF CHUCK EYE | | | 9X13 | $95.00 |
| PULLED BEEF | | | 9X13 | $149.00 |
| BEEF FINGER MEAT | | | 9X13 | $145.00 |
| MEATBALLS BEEF | | | 9X13 | $70.00 |
| MEATBALLS CHICKEN | | | 9X13 | $65.00 |
| CHICKEN NUGGETS | | | 9X13 | $70.00 |
| GRILLED CH. STRIPS | | | 9X13 | $80.00 |
| HONEY MUSTARD NUGGETS | | | 9X13 | $75.00 |
| CHICKEN SCHWARMA | | | 9X13 | $85.00 |
| SESAME NUGGETS* | | | 9X13 | $70.00 |
| CHICKEN ROAST | | | 9X13 | $70.00 |
| BUFFALO WINGS | | | 9X13 | $45.00 |
| CRISP RICE CHICKEN FINGERS* | | | 9X13 | $75.00 |
| DARK SESAME NUGGETS* | | | 9X13 | $80.00 |
| GRILLED BABY CHICKEN | | | 9X13 | $80.00 |
| MINI STUFFED CABBAGE CHICKEN | | | 9X13 | $70.00 |
| SAUTEED CHICKEN LIVER | | | 9X13 | $75.00 |
| CHICKEN PEPPER STEAK | | | 9X13 | $70.00 |
| CHICKEN LOMAIN | | | 9X13 | $70.00 |
| CHICKEN & BROCCOLI | | | 9X13 | $75.00 |
| BEEF CHULENT | FSD | $120 | 9X13 | $50.00 |
| CHICKEN CHULENT | FSD | $120 | 9X13 | $50.00 |

## Side Dishes

| | | |
|---|---|---|
| BAKED RICE | 9X13 | $45.00 |
| FERFEL | 9X13 | $35.00 |
| GRILLED VEGETABLES | 9X13 | $55.00 |
| FRANKS & BLANKS | 9X13 | $55.00 |
| NOODLES &CABBAGE | 9X13 | $40.00 |
| NOODELS & CRUMBS | 9*13 | $35.00 |
| ORZO* | 9X13 | $40.00 |
| VEGETABLE LOMAIN | 9X13 | $50.00 |
| POTATO CHIPS | 9X13 | $30.00 |
| FRENCH FRIES* | 9X13 | $30.00 |
| MINI POTATO KNISHES | 9X13 | $45.00 |
| SHLISHKES | 9X13 | $40.00 |
| STIR FRY VEGETABLES | 9X13 | $50.00 |
| MINI VEG EGG ROLLS | 9X13 | $50.00 |
| CARMELIZED SWEET POTATO | 9X13 | $40.00 |
| MASHED POTATOS* | 9X13 | $35.00 |
| SESAME GREEN BEANS | 9X13 | $40.00 |
| BREADED EGGPLANT* | 9X13 | $45.00 |
| ROASTED POTATOES | 9X13 | $40.00 |

## Individual Main Dishes/Appetizers

Min 20

| | | |
|---|---|---|
| MINI DELI SANDWITCH* | 1 PC | $3.50 |
| MOCK LIVER BLINTZ | PIECE | $3.00 |
| VEGETABLE BLINTZ | PIECE | $3.00 |
| BAKED CHICKEN BOTTOMS | PIECE | $4.50 |
| CHICKEN CUTLETS Grilled / Breaded | PIECE | $6.00 |
| CHICKEN CAPONS Rice / Kishka | PIECE | $6.50 |
| DARK CHICKEN CUTLET Grilled / Breaded | PIECE | $7.00 |
| CHICKEN RIB STEAK Breaded | PIECE | $7.50 |
| BEEF MEDALION STEAK | SLICE | $13.00 |
| BEEF CHUCK EYE | SLICE | $16.00 |
| BEEF BRISKET | SLICE | $18.00 |
| BEEF CLUB STEAK | SLICE | $20.00 |

## Salads

| | | |
|---|---|---|
| BROCALI CRAISIN SALAD* | 9X13 | $75.00 |
| RED POTATO SALAD* | 9X13 | $40.00 |
| PASTA SALAD* | 9X13 | $40.00 |
| COLD CUT SALAD | 9X13 | $65.00 |
| COLE SLOW | LB | $5.99 |
| CUCOMBER SALAD | LB | $5.99 |
| SOUR PICKLES | LB | $3.99 |

## Kugel

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| DELI ROLL | | | ROLL | $55.00 |
| KISHKA | | | ROLL | $25.00 |
| APPLE KUGEL | | | 9X13 | $35.00 |
| GEFILTE FISH ROLL | | | 3 LB | $35.00 |
| KISHKA WITH GRAVEY | | | 9X13 | $30.00 |
| LUKSHEN KUGEL | RSTR | $60 | 9X13 | $40.00 |
| OVERNIGHT KUGEL | RSTR | $60 | 9X13 | $35.00 |
| POTATO KUGEL | RSTR | $60 | 9X13 | $35.00 |
| BEEF YAPCHIK | RSTR | $110 | 9X13 | $55.00 |
| YERUSHALMI KUGEL | RSTR | $60 | 9X13 | $40.00 |

*WE DO NOT RECOMMEND THIS ITEM FOR THIS YEAR PURIM.
FOR THIS YEAR PURIM WE DO NOT RECOMMEND THESE PRODUCTS.
PLEASE ASK US FOR THE BEST PICKS!

Satmar Catering DEPARTMENT

PLACE YOUR ORDER TODAY:
845.782.2900 #6

פריש, געשמאַק, דעליוועריט.

# נאָבעלער סיום מסכת ברכות והתחלת מסכת פסחים געפּראַוועט דורך חבורת 'התאחדות אברכים' יוצאי ישיבה גדולה שנת תשע"ז

דעם פאַרגאַנגענעם דאנערשטאָג ויקהל העעל"ט, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן בקול רנה ותודה אַ מעמד מרומם, סיום מסכת ברכות והתחלת מסכת פסחים, וואָס ווערט געלערנט יעדע נאַכט, דורך אַ חשוב'ע קבוצה פון אברכי הקהלה יוצאי ישיבה גדולה שנת תשע"ז, אין שפּיץ פון הר"ר יואל לעפקאָוויטש הי"ו ראש החבורה.

דער הערליכער מעמד איז צוגעשטעלט געוואָרן מיט פּראַכט און גלאַנץ כראוי לכבוד שמחת התורה, אינעם פּראכטפולן זאל אין מעלאָר האטעל. צו ערשט האט מען געלערנט אינאיינעם דער טעגליכער שיעור, און תיכף דערנאך האט מען זיך געוואַשן צו אַ רייכע סעודת מצוה.

געעפנט דעם מעמד האט דער חשוב'ער און באליבטער ראש החבורה הר"ר יואל לעפקאוויטש הי"ו, וועלכער האט באַצויבערט די פאַרזאַמלטע מיט טרעפליכע דברי נועם ואגדה, מתובל מיט פנינים יקרים וואָס האָט אויפגעפלאַמט די הערצער מיט דעם זכי' על העבר און די קבלה על העתיד, צו פאָרזעצן דעם שיינעם קביעות אויף דעם קומענדיגן מסכת, ביתר שאת וביתר עוז.

מיט'ן מאַכן דעם סיום ואמירת ההדרן איז נתכבד געוואָרן הרבני החשוב מגדולי עסקני קהלתינו הק', איש חיל ורב פּעלים, הר"ר חיים וויינבערגער הי"ו, פון די חשוב'ע בני החבורה, וועלכער האָט מנדב געווען די סעודת מצוה. ר' חיים האט איבערגעגעבן דאס מאכן דעם סיום פאר אחד המיוחד בחבורה הר"ר משה ארי' רובינשטיין הי"ו. און ספּאָנטאַניש האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין פייערדיגע ריקודים של שמחה, בתוף ובכינור, ששו ושמחו בשמחת התורה כי הוא לנו עוז ואורה.

דערנאך האט מען געהערט הארציגע ווערטער פון איינער פון די חשוב'ע בני החבורה, האברך היקר מו"ה ישראל אברהם סרוגא הי"ו, וועלכער האָט געשילדערט די אימפּאַקט פון אזא שיעור וואס איז באַשיינפּערליך פּועל אויף דעם גאַנצן לעבן פון א אינגערמאן וואס איז עוסק א גאנצן טאג על המחי' ועל הכלכלה, כה יתן ה' וכה יוסיף.

מען האָט אויך געהערט טרעפליכע ווערטער פון הרה"ח ישראל יצחק שטיינבערג הי"ו, דער שווער פון איינע פון די חשוב'ע חברי החבורה, וואָס האָט אַרויסגעברענגט דאָס התפּעלות וויאַזוי די טייערע אינגעלייט רייסן זיך אַוועק נאָך אַ שווערע טאָג אַרבעט מיט אַזאַ זעלטענע קביעות, טאָג נאָך טאָג, אָן קיין הפסק, צו עוסק זיין בתורה, און ווי שיין דאס איז ווען די גאנצע לופט אין שטוב דרייט זיך אלעס ארום דעם שיעור, און גארנישט קען נישט אפהאלטן פון אפילו נאר איין טאג פארפאסן דעם שיעור. וכשם שסיימו מסכתא זו כך יזכם השי"ת לגמור ולסיים די קומענדיגע מסכתות.

מיט ברכת המזון איז נתכבד געוואָרן הר"ר חיים וויינבערגער הי"ו און מען האָט זיך באַלד אַרויסגעלאָזט אין פרישע ריקודים של שמחה מיט אן אינערליכע חדות התורה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע ווײַלע, ווען פון דאָרט האָט מען זיך באַלד געזעצט צום שיעור אין בית המדרש, אָנצוהויבן מיט אַ התחדשות מסכת פסחים, ללמוד וללמד מחיל אל חיל!







# לעכטיגע צאן קדשים אין לאָנדאָן הערן הייליגע זכרונות פון מרן רבינו הק' זי"ע דורך הרה"ח רבי משה גפן שליט"א, משב"ק

לאָנדאָן - די הונדערטער תינוקות של בית רבן אין דער תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל ד'סאַטמאַר אין לאָנדאָן, האָבן די פאַרלאָפענע וואָך געהאַט אַ זעלטענע איבערלעבעניש, ווען מען האָט אַנטפאַנגען בין כותלי הת"ת האי איש חסיד המרומם, מו"ה משה גפן שליט"א, מפארי תושבי עירינו, אשר זכה ליצוק מים על ידי מרן רבינו הק זי"ע אלס געטרייער 'הויז בחור' בקודש פנימה.

הרה"ח ר' משה שליט"א האָט געווײלט אין לאָנדאָן לרגל די שמחה ביי אַ זון למז"ט, און די געלעגנהייט איז אויסגענוצט געוואָרן דורך די הנהלת המוסדות וועלכע האָבן אים איינגעלאַדנט צו אַריבערקומען אויפטרעטן פאר די לעכטיגע תלמידים מיט זכרונות מאוצרו הטוב.

זייענדיג איינער פון די געטרייע משמשים בקודש אין די לעצטערע יאָרן פון רבינו הק', וואָס האָט געהאַט די זכי' זייער געטריי צו באַדינען דעם רבי'ן זי"ע, איז עס געווען אַ זכי' נשגבה פאר די טייערע קינדער וועלכע האָבן געהאַט די געלעגנהייט די ערשטהאַנטיגע סיפּורי קודש וואָס ער האָט פּערזענליך בייגעוואוינט ביים רבי'ן זי"ע.

במשך אַ לענגערע צייט האָט הרה"ח ר' משה שליט"א דערציילט מיט אַ טעם זקנים פילע וואונדערליכע ענינים און עובדות וואָס ער האָט מיטגעלעבט ביים רבי'ן זי"ע, וואָס די קינדער האָבן געשלינגען מיט דאָרשט.

גאָר אַ התרגשות'דיגע מאָמענט איז געווען ווען ר' משה האָט אַרויסגענומען אַ 'חפץ של צדיק', אַ הייליגער גאַרטל וואָס ער האָט מיטגעברענגט, און אַלע קינדער זענען אַריבערגעגאַנגען אָנצוכאַפּן דעם אבנטו של כהן גדול און דערביי מתפּלל געווען אַ תפלה קצרה מיט אַ ריינע תמימות. ס'איז געווען רירנד צוצוקוקן ווי טייל קינדער זענען צוריקגעקומען נאָכאַמאָל און האָבן נאָך געוואָלט צולייגן אַ תפלה מיט דעם הייליגן חפץ אין דער האַנט.

דערנאָך האָט מען אַרויסבאַגלייט דעם חשוב'ן גאסט מיט כבוד והערצה און אים וואַרעם באַדאַנקט פאר זיין טירחא יתירה צו קומען פאַרציילן די תלמידים הקרויים בנים, וואָס האָבן שוין נישט געהאַט די זכי' צו זען השמש בגבורתו, זאָלן אויך פאַרשטיין און וויסן צדיק מה פעל.







בס"ד
וויכטיגע מעלדונג
SCHOOL BUS
EMESS
TRANSPORTATION LLC
Emes Transportation
PO BOX 555
Monsey NY 10952
845.426.7419
אזוי ווי די **מאנראו וואודבורי סקול דיסטריקט** האט שוין ארויסגעשיקט די נייע אפליקאציעס פאר דעם קומענדיגן סקול יאר ביטע זעהט עס צוריק- צושיקן ווי פריער זיך איינצושפארן עגמת נפש
(נאכן ארייינשיקן איז כדאי צו רופן זיכער מאכן אז זיי האבען עס באקומען)
פאר די וואס האבן אין פלאן זיך ארויסצוציען פון קרית יואל סקול דיסטריקט גרעניצן:
**פאלגענד זענען די רולס פון מאנראו וואודבורי צו ווערן אפראווד פאר טראנספארטאציע:**
אויב דינגט איר אדער קלאוזט איר אויף א הויז (למשל) 7/5/2024 דארפט איר זיך איינשרייבן בעפאר 8/5/2024 צו ווערן אפראווד פאר טראנספארטאציע ( אפילו אויב איר מופט אריין שפעטער)
(דאס איז 30 טאג פון די דאטום וואס שטייט אריינגעשריבן אינעם קאנטראקט)
מיר שטייען גרייט אייך צו העלפן מיט סיי וואס מעגליך
אמת טראנספארטאציע
SCHOOL BUS STOP AHEAD


Actual picture
Ready to move in!
בס"ד
ארומגענומען מיט
רואיגקייט
בתי מדרשים
מקוואות טהרה
כולל לאברכים וכולל להוראה
מהודר'דיגער עירוב
גראסערי
פיש און פלייש
דושועריקא / ווין
ביזנעס סענטער
שמחה זאלן
קיאסק
שאטל
חברה הצלה
Urgent care
פידיעטריק OB
שפיטעלער
וועד לענינים רוחניים

# א שטאט וואס רואיגקייט נעמט איין דעם גאנצן ארום

מיר שטייען אין א אינטערעסאנטע תקופה ביים היימישן ציבור, ווען אין די לעצטע עטליכע יאר איז אנטשטאנען א נייער מציאות, ווען יעדע שטיק צייט הערט מען פון נאך א פרישער ישוב וואס פארמירט זיך פאר ערליכע אידן סיי אין ניו יארק און ניו זשערסי' אומגעגנט, און אפי' אין אנדערע סטעיטס שאפן זיך ישובים וואו חסיד'ישע אידן ציען זיך אריבער און הייבן אן א ניי קאפיטל על אדמת אמעריקע.

יעדער ישוב האט זיינע מעלות און אפי' חסרונות, און יעדן ציט עפעס אנדערש לויט זיינע געברויכן און לויט זיין בליק אויף א זאך.

אויב יעדער ישוב ברענגט עפעס וואס דער אנדערער האט נישט, איז קרית זית רענן נישט אנדערש, און דער ישוב ברענגט עפעס וואס איז נישטא אין קיין שום אנדערער פלאץ און אויב זענען אירע מעלות עפעס וואס רעדט צו אייך, דאן אפשר איז דאס אייער חלום וואוינארט...

אטעמט רואיגקייט!

בלויז כאפן א בליק אין דעם נייעם ישוב ברענגט א אויסטערלישע רואיגקייט און הרחבת הדעת. דער ישוב וועלכע שטייט אויף דעם צווייטן העכסטן ארט אין גאנץ ניו זשערסי', גיבט פאר די איינוואוינער אן אויגפארכאפענדער אויסקוק אויפן גאנצן ארום פון הרים וגבעות וואס ענדיגן זיך נישט און ברענגט א קלארקייט אין מח, א הרחבת הדעת און א ישוב הדעת.

דער זעלטן ריינע לופט וואס שפירט זיך דארט אויף די העכערע בערג, וואס איז פון א לויטערע קוואליטעט, גיבט א געלעגנהייט צו כאפן א טיפן קריסטאל קלארן אטעם וואס האט נישט זיינס גלייכן אין די אנגעלייגטע שטעט און שטעטלעך.

אבער נישט נאר דער שיינקייט און די לופט איז וואס גיבט צו צום רואיגקייט אין זית רענן, נאר אויך דער מציאות פון זיך איינקויפן אן 'אייגענע פריוואטע הויז', וואס ענהאלט אזויפיל ווי דריי טויזענט סקווער פוס! בלויז פאר דעם פרייז פון 599K, דאס איז עפעס וואס ברענגט שוין איינמאל הרחבת הדעת און רואיגקייט.

די אייגענע פריוואטע הויז אן קיין שכינים פון אויבן און אונטן, אבער יא שכנים ביי די זייט צו קענען בארגן אויל און אייער. די קליינע געסלעך מיט דעד ענדס צו האלטן די געגנט רואיג, אלעס איז אויסגעשטעלט פאר 'רואיגקייט', און ווען מען איז רואיג איז אלעס גרינגער.

גלייבט אונז נישט! באשטעלט אן אפוינטמענט מיט אונזער שטאב, וועלכער וועט אייך ארומפירן די שטאט פון רואיגקייט.

**מיר וואונטשן אייך א געשמאקע און רואיגע איבערלעבעניש.**




רופט שוין צו פארזיכערן אייער אייגענע הויז:

**908.998.2442**

office@zayisranon.org | www.zayisranon.org

# די בעסטע ווייטאמין און
# prevention medication

## Start your day right

היינט איז א וועלט פון ווייטאמינען, יעדע פאר טעג הערט מען פון א נייע אויפקום אין דעם פעלד, אמאל איז דאס עפעס וואס העלפט פאר דעם קאנצעטרירען, אדער עפעס פארן מאגן, אמאל סתם צו שטארקן דעם immune system און אמאל קומט דאס אויפצוהייבן דעם מאראל צו גאר פאר self confidence. מיר האבן היינט פאר אייך פארצושלאגן א וויטאמין פון גאר אן אנדער סארט עס האט די בעסטע referrals!! פון די הייליגע תנאים ואמורים אליין.

הערט זיך איין איבער וואס איז די רעדע:

לאמיר לערנען א שטיקל גמרא אין מסכת בבא מציעא (קז.), די גמרא הייבט אן מיטן אויסשמועסן פשט אין דעם פסוק פון פרשת עקב (ז׳ ט״ו) ״והסיר ה׳ ממך כל ״חולי״ וועלכע זאך איז דאס וואס אלע קרענק זעענן אין דעם אנגעהאנגען און דאס וועט דער אויבערשטער אוועק נעמען כדי אזוי אפצוטוהן אלע קרענק פון אידישע קינדער.

5 שיטות ווערט אראפגעברעגט אויף דעם: **רב** זאגט דאס איז ׳עין הרע׳, **שמואל** זאגט דאס איז די נישט גוטע ווינטן וואס ברענגען מיט זיך כל מיני חולאים, **ר׳ חנינא** זאגט דאס איז די קאלטע ווינטן, **ר׳ יוסי בר חנינא** זאגט דאס איז די פילע אפפאל וואס בלייבט אין דעם מענטש, און **ר׳ אליעזר** זאגט אז דאס איז ווען די מרה שטארקט זיך אין דעם מענטש.

אויף די פינפטע שיטה ברענגט די גמרא א ראי׳ פון א ברייתא, די ברייתא איז מסביר פשט אין דעם פסוק פון פרשת משפטים (כ״ג כ״ה) ״ועבדתם את ה׳ אלוקיכם וברך את לחמך ואת מימך והסירותי ״מחלה״ מקרבך״ זאגט די ברייתא אז די מחלה מיינט דאס וואס די מרה צעשפילט זיך, און די ברייתא לייגט צו צוויי טעמים פארוואס ווערט אט די קרענק אנגערופן ׳מחלה׳ **1.** ווייל דאס מאכט קראנק דעם גאנצן קערפער. **צווייטנס** ווייל 83 קרענק זענען אין דעם אנגעהאנגען אזוי ווי די גמטריא פון דעם ווארט **מ40 ח8 ל 30 ה5.** אויף דעם ארויף פירט די ברייתא אויס אז **די סעודה פון פרישטאג וואס מען עס גלייך אינדערפרי איז זיי אלע מבטל.**

דערמאנענדיג דעם ענין פון **״פת שחרית״**, ברענגט די גמרא דערויף אט די וואונדערליכע ברייתא

**תנו רבנן:** די הייליגע תנאים האבן אונז געלערנט אין א ברייתא. דרייצן בענעפיטן זענען געזאגט געווארן אויף דאס עסן א סעודה פון ברויט אינדערפרי **״פת שחרית״.**

1. עס ראטעוועט פון די קעלט.
2. עס ראטעוועט פון די היצן.
3. עס היט אפ פון די שלעכטע ווינטן וואס קען שעדיגן דעם מענטש (וואס לויט שמואל איז דאס די אפטייטש פון ׳חולי׳ וואס דער פסוק זאגט).
4. עס היט אפ פון די מזיקים.

ווייטער רעכנט די ברייתא אויס נאך מעלות וואס קומט דורך די ישוב הדעת וואס דער מענטש האט ווען מען עסט פרישטאג אינדערפרי:

5. דאס מאכט קלוג דעם מענטש.
6. דורך דעם איז מען זוכה בדין אויב האט מען דעם טאג א דין תורה.
7. מען קען לערנען און פארשטיין גוט.
8. מען קען לערנען מיט אנדערע.
9. זיינע רייד ווערן געהערט צו די מענטשהייט.
10. זיין לערנען האלט זיך אין אים.
11. זיין לייב שוויצט נישט.
12. עס ברענגט שלום בית און שמירת עינים אויף די גאסן.
13. עס הרג׳עט די נישט גוטע ווערים פון די מאגן.

און עס זענען דא וואס זיי לייגן צו א **14**׳טע זאך אז עס איז מבטל די קנאה פון דעם מענטש און אנשטאט דעם ווערט ער אנגעפילט מיט ליבשאפט צו מענטשן.

*

צום שלוס ברענגט די גמרא א שמועס צווישן צוויי הייליגע אמוראים איבער דאס חשיבות פון אט די סעודה: **רבה** האט געפרעגט פון **רבא בר מרי** פון ווי נעמט זיך אט די צוויי פאלגענדע באקאנטע מימרות:

**א.** דאס וואס מענטשן זאגן אז אפילו זעכציג מענטשן וועלן לויפן וועלן זיי נישט גרייכן דער וואס האט געגעסן פרישטאג אינדערפרי.

**ב.** דער הייליגער תנא ר׳ עקיבא האט געזאגט פאר זיין זון אז ער זאל שטענדיג אויפשטיין פרי און עסן געהעריג פרישטאג כדי אזוי וועט ער ווערן אפגעהיטן זומער פון די היץ און ווינטער פון די קעלט.

האט אים **רבא בר מרי** געענפערט דאס לערנט מען ארויס פון דעם פסוק אין ישעיה (מ״ט י׳) לא ירעבו ולא יצמאו ולא יכם שרב ושמש, פון דא זעהט מען אז אויב וועט מען נישט הונגערן און דארשטן וועט מען נישט ליידן פון די היצן.

און איך מיין - האט אים **רבה** געזאגט - אז מען לערנט דאס ארויס פון דעם פסוק **ועבדתם את ד׳ אלוקיכם ובירך את לחמך ואת מימיך והסירותי מחלה מקרבך.**

**ועבדתם את ד׳ אלוקיכם** מיינט דאס דאווענען, **ובירך את לחמך** גייט ארויף אויף עסן פת שחרית - און ווי דער מהרש״א לייגט צו איז די אותיות לחמך אזוי ווי מחלך - , **ואת מימך** איז א קריגל וואסער אינדערפרי צו דעם פרישטאג, דאן וועט זיין **והסירותי מחלה מקרבך.**

*

ווי איז דען פארהאן עפעס א בעסערע מעדעצין ווי דאס וואס די הייליגע תנאים און אמוראים האבן אונז געלערנט.

בואו חשבון, אינדערהיים - פארן דאווענען - קען מען דאך נישט עסן, נאכן דאווענען אויב וועט מען ווארטן אהיימצוגיין קען זיך דאס זייער מעגליך פארשלעפן און מען טרעפט זיך איינסע-צווייע אומגעגעסן, און די דעמאלט׳דיגע סעודה וועט שוין מוזן ווערן אנגערופן ׳לאנטש׳, דעריבער האט ״שבעינו בבוקר״ צוגעשטעלט די נארהאפטיגע סעודות אויפן פלאץ גלייך נאכדעם דאווענען שלא נחמיץ את המצוה.

לאמיר עסן צו די זעט און געבן פאר אנדערע אידן צו די זעט, און אזוי ברענגען פילע גוטס פאר אידישע קינדער.


בס״ד

פת שחרית אין בית המדרש איז די גרעסטע פעולה פון השתדלות פאר ישועות און ממשיך זיין השפעות טובות אין אלע הינזיכטן

פארוואס?

ווי מיר ווייסן אז די גמ׳ אין ברכות זאגט:
׳אם שגורה תפילתו בפיו ווייסט ער אז זיין תפילה איז אנגענומען
אז א מענטש זעהט זיין תפילה פארט געשמאק איז א סימן אז ער
פועל׳ט אלעס גוטס

אז עס איז צוגעגרייט ׳פת שחרית׳ - זאגן אידן עדות - אז עס דאווענט זיך געשמאקער

און אוודאי ווען דער איד זעהט ווער עס איז מנדב די סעודה האט ער אים אינזינען און ער ווערט געהאלפן מיט כל השפעות טובות

אויב ווילט איר מנדב זיין א סעודת פת שחרית אין די בתי מדרשים רופט:
646-481-8186

בס"ד

הערליכע הייזער אין הערליכע באוואוינטע געגענטער!

# FOR SALE

## 16 Catskill High Rail, Woodbury Villas






Upgraded house
3,031 sqft // 0.40 acres
9 rooms //
big unfinished bsmt

**Asking Price: $1,500,000**

## 41 Central Valley Line, Woodbury Villas






Brand New house - Beautiful view
3,918 sqft // 0.45 acres
6 Bedrooms // 5 Baths
Unfinished Basement

**Asking Price: $1,499,000**

## 6 Arlington Drive, South Blooming Grove






Great Location
3,658 sqft // 0.47 acres
6 Bedrooms // 4 Baths
2nd entrance from Basement

Option of Sellers Finance

**Asking Price: $1,175,000**

MK REALTY Residential & Commercial

845.782.0205
sales@mkrealtyusa.com
48 Bakertown Road
Suite 512, Monroe NY

דוד לייב קרויס
לייסענס# 10401317322
845.274.3765

LISTING AGENT
אליעזר דוד האפפמאן
לייסענס# 10401304475
845.662.3574

משה שמחה קויפמאן
לייסענס# 10311206102
845.537.0475

אברהם הערש גפן
לייסענס# 10401378950
845.837.0943

אברהם חיים לעווי
לייסענס# 10401327281
845.238.1162

נפתלי הירצקא זינגער
לייסענס# 10401300864
845.728.1429

SELL. BUY. RENT. LEASE
COMMERCIAL
RESIDENTIAL
Since 2011
ONE CALL DOES IT ALL

# ציוני'סטישער אויספאָרשונג קאָמיסיע באַשטימט אַז רעגירונג זאל קאָנפיסקירן בעלות אויף הר מירון היל"ת

די פאַרלאָפענע מיטוואָך האָט די ציוני'סטישע 'וועדת החקירה' אַרויסגעגעבן זייערע געפינסן איבער די מירון טראַגעדיע. די מסקנות פון דעם וועד איז איינגעטיילט אין צוויי: איינס, אז דער פאָליציי הויפט האט נישט אויסגעפירט זיין תפקיד, און מען דארף אים מעביר זיין פון פאָזיציע, וואס אויף דעם פונקט איז דער גאנצער קאָמיסיע איינשטימיג. צווייטנס, אַז די מדינה דארף בכלל מפקיע זיין די שליטה פון די הקדשות פאר די מדינה אז ס'זאל ליגן אונטער די שליטה מיט א פולקאמע הפקעה צו די ממשלה.



אויף דעם באַשלוס האָבן אונטערגעשריבן די צוויי פרייע פאַרשוינען פון די וועד החקירה וואס האט נישט קיין קאַפּלעך, ווידער דער דריטער פון דער קאָמיסיע האָט נישט אונטערגעשריבן דערויף, אָבער אַלענפאַלס איז עס איינער קעגן צוויי, וואס דערפאר איז דער אויספיר באשטעטיגט פון זייער זייט אז מען דארף אוועקכאפן די בעלות פון הר מירון ה' ירחם.

צום באַמערקן אַז אפילו די ציוני'סטישע קאָמיסיע איז געקומען צום אויספיר אז דער ראש הכופרים טראגט א גרויס פאראנטווארטליכקייט פאר די טראַגעדיע, הגם ס'איז פאר קיינעם נישט נוגע וואס זיי האבן צו זאגן, און דאס יהדות החרדית איז ווייטער מתפלל אז זיי זאָלן זיין פארנומען זיך באשולדיגן צווישן זיך און נישט קענען אויספירן זייערע רשעות'דיגע פלענער פון פארכאפן דעם מקום קדוש. קולו זימר עריצים והכרית את הקוצים!

# אידישע טאָכטער געשמאַכטעט אונטער גראַטעס אין מיליטערישע טורמע ה"י

## שרעקליכע אורטייל פון 175 טעג טורמע ב"ה נתבטל געוואָרן נאָך שטורמישע הפגנות

צווישן די רייע פעולות דורך די יהדות החרדית צו ראטעווען נשמת ישראל משמד איז די טעגליכע אנוועזנהייט פון חשוב'ע מתנדבות פון 'בנות מלך' וועלכע שטייען רעגלמעסיג פארנט פון די לשכת הגיוס צו געבן אנווייזונגען פאר אידישע מיידלעך וועלכע גייען ליידער יא אריין אין לשכה און זיי אנווייזן די געזעצליכע רעכטן א.א.וו. לבל יפוח בפח יוקשים.

דעם פארלאפענעם מיטוואך האט זיך אפגעשפילט א שרעקליכע סצענע ווען איינס אזייגער נאכמיטאג איז א פרייע חצופה באפאלן די חשוב'ע מתנדבותביים לשכת הגיוס אין רחוב רש"י אין ירושלים פאַר'ן בלויזן חטא פון שטיין און ראטעווען בנות ישראל. איינע פון די חשוב'ע מתנדבות האט איר שארף צוריק געענטפערט און די פרייע האט געכאפט א בילד און אריין גערופן די פאליציי פאר די חוצפה... די מתנדבות האט ע"פ הוראת העסקנים געמאכט פליטה פונעם שטח.

די פאליציי איז נאכדעם אנגעקומען און באפאלן אנדערע צוויי פרויען, מתנדבות פון 'בנות מלך'. זעענדיג אז זיי טרעפן נישט די געזוכטע פרוי זענען זיי צוגעגאנגען צו די אנדערע צוויי פרויען און אנגעהויבן צו קייטלען מיט'ן פלאן זיי צו פירן צום פאליציי אויטא. אבער באַלד איז אנגעקומען א רוף פאר יקירי ירושלים וואס האבן אנגעהויבן מיט שטארקע קולות מחאה און די פאליציי האט זיך דערשראקן און זיי אפגעלאזט.

חשוב'ע אידן וואס זענען דארט געווען אנוועזנד בשעת מעשה דערציילן אז די אלע פירער פון די לשכת הגיוס מיט די פאליציי זענען אריין אין גאר א שטארקע פאַניק, ווען זיי אלע זענען געקומען צו לויפן מיט גרויס בהלה אנגעהויבן פון די גרויסע הויפטן ביז די סאלדאטן און אפילו ביז די רייניגערס.. מבכור פרעה היושב על כסאו עד בכור השפחה...

אבער די מעשה האט זיך נישט דא געענדיגט. דריי אזייגער נאכמיטאג זענען די פאליציי ווידער צוריקגעקומען און שוין ליידער אנגעיאגט צו קייטלען אין איילעניש די צוויי חשוב'ע מתנדבות אבער גלייך ווי יקירי ירושלים זענען אנגעקומען אויפהייבן א קול מחאה האט מען זיי אפגעלאזט און די מתנדבות זענען תיכף צוריק אויף זייערע פאזיציעס פארצוזעצן ווייטער מיט די הייליגע מיסיע צו שטיין אויפן פראנט אפצוראטעווען נשמת ישראל פון שמד.

**המה כרעו ונפלו ואנחנו קמנו ונתעודד!**









משמרת חומתינו

# אויפ'ן שפיץ גאפל



## עירית ירושלים אין ווייטערדיגע פראוון צו פארשוועכן קדושת ירושלים מיט 'רכבת הקלה' אין צענטער פון ירושלים עיה"ק

די 'עירית ירושלים' וואס האט נארוואס קאמפיינט אז מען זאל ארויסגיין שטימען פאר זיי כדי אפצוהיטן קדושת ירושלים... טוט ליידער ווייטער פאָרזעצן מיט די אַרבעט אויפצובויען דעם שעדליכן 'רכבת הקלה' ארייינצוברענגען א גייסט פון טומאה וזוהמה אין עיה"ק רח"ל.

דאָס יהדות החרדית זעצט פאָר די העפטיגע ווידערשטאַנד מיט גרויסע מחאות וואָס ווערן אויסגעשריגן אויפ'ן אָרט מיט וויכטיגע פעולות אָפּצושטעלן די אַרבעט פון ווייטער פאָרזעצן. למען קדושת ירושלים לא נחשה!


בס"ד

נקודה למחשבה

**אליך בוחר יקר!**

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| משה ליאון | דגל | ג' | ש"ס | עץ |

**לפני שאתה מכניס פתק לקלפי, פנה נא לנציגיך בעיריה, ושאל אותם:**

**הרי הרבנים מכל העדות והחוגים שליט"א התריעו נגד העברת תוואי הרכבת הקלה ברחובות בר אילן-ירמיהו, שיביא להרס קדושת ירושלים והחדרת פריצות וזוהמה לתוככי השכונות החרדיות, והורו לכם לעשות כל טצדקי למנוע את האסון**



**האם נקפתם אצבע בקדנציה החולפת למניעת אסון הרכבת? האם עשיתם מה שהורו לכם גדולי ישראל שליט"א?! או שמלאתם את פיכם מים ואף גרוע מכך...**

**האם פעלתם מאומה למנוע את מדיניות הבניה לגובה בתוכנית פינוי-בינוי בשכונות החרדיות, דבר שיביא בהכרח לשינוי והרס צביון השכונה?** (כפי שהתריעו הנציגים החרדים בקרית גת על בניית בניינים רבי קומות בסמוך לשכונה החרדית בעיר)

האם חשבת לרגע שכאשר אתה משחיל את הפתק לקלפי הנותן להם את המושכות בידים לעוד 5 שנים,

**האם הם ייצגו את האינטרס היהודי שלך ושל כולנו או של אלו שרוצים לחלן את שכונותינו?!**

**תושבי השכונות הנפגעות**

בר אילן, נוה צבי, ארזי הבירה, מעלות דפנה, שמואל הנביא, רמת אשכול, סנהדריה והמורחבת, גוש שמונים, עזרת תורה, קרית צאנז, בעלז, אונסדורף, מטרסדורף, מקור ברוך, גאולה, זכרון משה, כרם אברהם, בית ישראל, מאה שערים, שיכון הרבנים רוממה


• • •

## עיריית בני ברק עפענט חרד'ישע פאליציי סטאנציע אין צענטער פון שטאט רח"ל

די 'ערייה' פון בני ברק האט אין די טעג געמאלדן דאס עפענונג פון אַ פּאָליציי סטאנציע געאייגענט בלויז פאר פרומע חרדים מתנדבים ומתנדבות ה"י, דארט וועלן זיי קענען דינען מיט זייערע געווער און קליידער צו ווייזן אז פאליציי און פרומע זענען איינס. ליידער איז די שרעקליכע אקט מלובש מיט די הסכמה פון אזוי גערופענע רבנים רח"ל.

עס דארף באטאנט ווערן, אז די שטאט בני ברק פלעגט זיין די איינציגסטע שטאט אין ארה"ק וואו די פאליציי סטאנציע איז סטאנציאנירט אינדרויסן פון די שטאט, אנדערש פון אלע אנדערע שטעט וואו די פאליציי זענען אינעם שטאט, אבער אצינד ברענגט מען אריין אינעם שטאט א סטאנציע פון חרדים ה"י, און דאס איז אלעס אַדאַנק די 'היימישע' ראשי עירייה, צוזאמען מיט זייערע חברי העירייה, וועלכע ס'איז גאר א מצוה צו גיין וועלן פאר זיי...





• • •

## קידוש ה' ווען ברסלב'ער חסידים זענען זיך נישט משתתף אין בחירות לעירי', טראַץ מאסיווע פרעשור פון כ"ח המינים מ. פרוש

א ברייטער און עפעקטיווער קאמפיין קעגן די בחירות פאר די עירייה איז פארגעקומען אין די לעצטע טעג דורך

יקירי חסידי ברסלב, אין ליכט פון די פּראָפּאַגאַנדע דורך די 'כח' פארטיי אין בית שמש וואס האט פרובירט מאכן א ווינט אז כאילו אין ברסלב גייט מען צו בחירות.

דערפאַר איז פארגעקומען א גרויסער כינוס איחוד ברסלב וועלכע האט צוזאם געברענגט אלע ברסלב'ער גבאי בתי המדרשות און גדולי העסקנים שליט"א, ארויסצוברענגען דעת תורה האמיתית פון זקני רבני ברסלב שליט"א.

בחסדי השי"ת האָבן די פעולות הנשגבות טאַקע עושה רושם געווען און די ערליכע ברלסב'ער חסידים פון דער שטאָט האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון השתתפות בבחירות לקדש שם שמים.

בס"ד

**בהוראת הרבנים גדולי זקני ברסלב שליט"א אנו מפרסמים שוב את המכתב הנוקב לקראת הבחירות האמורות להתקיים בימים אלו**

**אזהרה חמורה לחסידי ברסלב הי"ו**

**מאת זקני מנהיגי אנשי שלומינו שליט"א - ואיתם עמם משפיעי אנ"ש בארץ ובחו"ל**

**הננו בזה בקריאה דחופה אל אנשי שלומינו חסידי ברסלב היקרים די בכל אתר ואתר. היות ובימים הקרובים עומדים להתקיים בחירות לעיריות שבכל עיר ועיר, והיות שישנם המשתמשים בשם המקודש "ברסלב" לתעמולת בחירות, הננו בזה להבהיר דברים ברורים כדלהלן:**

א. השם "ברסלב" קדוש הוא, והוקבע ע"י רבינו זיע"א בעצמו, ואין הוא מבטא כי אם עבודת ה' תמימה ואמיתית, **וכל השתמשות בשם קדוש זה לדברים שהינם מלבד זאת, אינו כי אם סילוף נורא וסטיה חמורה בדרכה של חסידות ברסלב האמיתית** המקובלת לנו מזקני החסידות מדור דור.

ב. דעתו ודרכו הקדושה של רביה"ק זי"ע ידועים פרוסים וברורים בספריו הק' ובספרי תלמידיו ובפרט תלמידו המובהק מוהרנ"ת זי"ע, **בגנות התחברות לרשעים והתרחקות ממינות ואפיקורסות,** וידועים דבריו הק' שלפני ביאת המשיח יהיה מבול של כפירה בעולם שישפיע אף בלבות הכשרים והזהיר ע"כ מראש, שידעו להזהר מכך מאד מאד.

ג. **העיריה אינה דבר נפרד משלטון הרשע, כי אם חלק ממנו,** ואדרבה העיריה היא הזרוע המבצעת את מזימות השלטון וחוקיו.

ד. כיום, **מי שמבצע הלכה למעשה את תוכנית חילון הציבור החרדי** והתבוללותו בזוהמת הכפירה והשמד של המדינה, **הם העיריות** ואגפיה השונים.

ה. העיריה, **היא זו שתחת סמכותה ובמימונה, מסיתים את הציבור החרדי לצאת מד' אמותיו, ללימודי אקדמיה, מכללות, שוק העבודה החילוני** (תחת שמות נרדפים דוגמת "מפתח", "כיוון", "מכללת שטראוס" וכו') על כל המשתמע.

ו. העיריה **מפעילה מרכזים קהילתיים, דרכם הם מחדירים שינויים מהותיים ביותר בציבור החרדי,** החל במסוה של "חוגי העשרה" לילדי ישראל בשעות הפנאי (אחה"צ) ובימי בין הזמנים, בהם מכניסים לימודים אסורים, שלא הצליחו להחדיר ישירות בתלמודי התורה, **וכך 'עוקפים' את המחסום ומחדירים תכנים פסולים שנאסרו ע"י כל גדולי ישראל.** וכלה בהצגות וסרטים, ושאר אירועים פסולים, גם כאשר רבני אותה העיר יצאו חוצץ נגד אירועים אלו.

ז. העיריות, **גם אלו המכונות "חרדיות"**, הם המה המארגנים מפעם לפעם **"ימי קהילה ומשטרה"** (למורת רוחם של רבני העיר), דרכם מחדירים בצעירי הצאן אהדה והערצה לפורקי עול והתלהבות נעורים ל"כוחי ועוצם ידי" ובעקיפין אף עידוד לשירות בצבא ובמשטרה שנאסרו ע"י גדולי ישראל ביהרג ואל יעבור. כמו"כ **כל ראשי הערים החרדיות משתפים פעולה עם גזירת הגיוס, באמצעות "מחלקת נוער" של העיריה, המפעילה "מרכז הכנה לצה"ל"**, אשר ע"י לדאבונינו נופלים רבים לשמד הגיוס ה' ירחם.

ח. העיריות, גם אלו המכונות "חרדיות" **מתקצבים בתי ספר חילוניים וחילוניים למחצה; אירועים פרוצים** (דוגמת אירועי החגא אשר בדו מלבם "יום העצמאות"); ובעיר ירושלים (גם בעת שהיתה תחת הנהגת ראש עיר חרדי) מופעי שחץ (מול מקום המקדש) ומופעי תועבה רח"ל; חילולי שבת נוראים ההולכים ומתרבים באופן מחפיר, ואי התנגדות לפתיחת בתי עסק, מסעדות ומקומות בילוי בעצם יום השב"ק וחג רח"ל.

ט. כך גם **השתלטות משרד החינוך על תכני הלימודים בתלמודי התורה ומוסדות החינוך לבנות ההולך ומתגבר**, לפיהם אסור ללמד את יסודות האמונה דוגמת מעשה בראשית, עקידת יצחק וכו' וכו', והחדרת לימודים אסורים וזרים רח"ל, **נעשה בשיתוף פעולה מלא של העיריות המכונות "חרדיות"** (ובפרט אחרי כניסתם לתוקף של ה"תקנות" החדשות המחייבות גם את מוסדות הפטור היל"ת).

י. **ועל כולם**, בשנים האחרונות מחייב החוק את כל חברי העיריה, **להצהיר אמונים למדינת ישראל ולחוקיה.** דהיינו שבאם ותיווצר סתירה כל שהיא בין חוקי המדינה לבין - להבדיל אא"ה - חוקי התורה הק', מצהיר בזה חבר העיריה, כי יהיה נאמן לחוקי העכו"ם של המדינה, ולא לחוקי התורה רח"ל, **אשר ע"כ נפסק בשו"ע שהוא ביהרג ואל יעבור** (טוש"ע יו"ד סי' קנז).

**לזאת אנו מוחים ומכריזים בזה, כי אין לשום מפלגה וסיעה הזכות להשתמש בשם המקודש "ברסלב", לדברים אלו הנוגדים בתכלית לדרך רביז"ל, ודורשים במפגיע לעצור מיידית בעד זיוף משווע זה.**

**וקוראים אנו בזה לכל אנ"ש חסידי ברסלב היקרים הנאמנים לה' ולתורתו, ודרך רביז"ל נר לרגלם ואור לנתיבתם, להתרחק כמטחוי קשת מכל המפלגות, יהיו אשר יהיו ללא שום הבדל, ובשופו"א**

**לא לקחת חבל כלל וכלל בבחירות לעיריה בכל מקום שהוא**

**אשר עתה חמור הוא שבעתיים, ולא להתפעל מתעמולות השקר והבטחות השוא שכל מטרתם היא להפיל תמימי דרך באיסור החמור של השתתפות בהעמדת הנהגה הנוגדת לתוה"ק.**

ובזכות שמירת דרך התורה"ק, יצילנו הקב"ה מכל מכשול ויזכנו לעבדו באימה וביראה בדרכו הקדושה של רבינו ז"ל עד ביגוא"צ ב"ב אמן.

וח"ש למען כבוד שם הצדיק ותורתו

יעקב מאיר שכטער · שמואל משה קרמער · שמעון ישראל שפירא

אברהם הכהן כ"ץ · אברהם יצחק הלוי כרמל · אברהם שלום הלוי שישא · אליהו הלוי נהרי

אליהו נטע גודלבסקי · אלימלך הכהן זילבּיגער · אלימלך ראזענבערגער · אפרים נחמן אנשין

יצחק פריעדמאן · מרדכי לוי לעבאוויטש · נחום דוב בהרה"צ ר"ש שפירא · נתן ברנש"י שפירא

נתן דוד בהרה"צ ר"ש שפירא · שמשון שווארטץ

החתימות לפי סדר א-ב

• • •

קנאים לשעה:

## משנאי ה' פון די פארטייען מיט גרויסע קולות מחאה עת לעשות לה'

אין דער שטאָט בית שמש האָט מען מיטגעהאַלטן וויאַזוי גרויסע מייקראפאון'ס זענען ארום געפארן אין אלע גאסן אויסשרייענדיג 'עת לעשות לה' בשם געוויסע רבנים, כדי צו ארייינלייגן דעם ציבור אין א פרעשור, אַז מען זאָל שטימען פאַר אַ נייעם מעיאָר, אַ גראדואירטער קאנדידאט פון 'מכון מאנדעל' וואָס איז אַ גע'אסר'טע אינווערזיטעט.

(אגב, זייער אייגענע רבנים האבן געשריבן א בריוו - בייגעלייגט -אז מ'טאר נישט אויפנעמען אויף קיין שום פאזיציע איינער וואס האט געלערנט אין מכון מאנדעל אבער זיי פייפן אריין אין די אייגענע רבנים, אבער לאמיר נישט פארגעסן פון זייער סלאגאן ביי די בחירות 'לא תסור'...)

אַצינד זענען די קאַמפּיין פירער פארוואנדלט געוואָרן אין קנאים. די סארט קנאים ווערן נישט פארשריגן ביי די פרומע פארטייען און זייערע נאכשלעפער. זעהט אויס אז זיי ווייסן אויך ווער זענען די אמת'דיגע קנאים, וועמען מען באַשולדיגט אין אלע פאלשע עלילות, און ווער עס שפּילט בלויז קנאי וואס דארט נעמט מען איין א שווייגעניש און מען הערט נישט קיין מחאות קעגן זייער פעולות.



• • •

## "איך האב זיך געדרייט ספעציעל אפאר חדשים אין די היימישע געגענטער מיט די גרינגע קליידער..."

דער משכיל הידוע, בומבאך הידוע לשמצה, וועלכער איז באוואוסט מיט זיינע פארדארבענע מוסדות כלאים וואס ער שטעלט אויף אין אסאך שטעט אין ארץ ישראל, האָט די וואָך דערציילט פאר די פרייע פרעסע אז דער ציל איז קלאר קאלט צו מאכן א קרירות ביים ערליכן ציבור. וואס איז א געוואלדיגע שמחה ביי אים.

בומבאך זאָגט אַז ער האָט זיך ארום געדרייעט 64 טעג אין 'ביתר עילית', צווישן דעם פרומען ציבור כדי דער אינגער דור זאל זען אז דאס איז א נארמאלע זאַך, מיט א קלארע מטרה צו טוישן דעם מהלך המחשבה ביי דעם חרדי'שן עולם.

עס ווערט נאָכאַמאָל קלאָר אַז די פאַרשוינען וועלכע דרייען זיך אַרום מיט די גרינגע קליידער איז דאָס מלובש מיט ערמימיות און גארנישט מיט אַזאַ געמאַכטע תמימות.

• • •

להשמיד להרוג ולאבד את 'כל' היהודים

## דאָס מיליטער איז זיך נוהג לפנים משורת הבג"ץ...

אין די לעצטע טעג שטעלט זיך אַרויס אַז די מיליטער ווארטן נישט אויס אויפ'ן פסק פון בג"ץ נאר זיי זענען ממשיך צו מגייס זיין פרומע אידן אין אלע אפטיילונגען, מיליטער, פאליציי, און שירות אזרחי. ווי ס'איז געווען באַריכטעט אין די חרדקישע צייטונגען אַ שרעקליכע פרסום מטעם די 'שב"ק אזרחי', די באהאלטענע פּאָליציי, אַז זיי זוכן חרדים זאָלן זיך איינשרייבן אין זייער אָפּטיילונג.

די רשעים האָבן בלויז איין ציל, אריינצושלעפן וואס מער פרומע אידן אין זייער כור ההיתוך. ב"ה זיי זענען נישט מצליח וואס זיי ווילן, אבער יעדע איינציגע נשמה וואָס פאַלט יאָ אַריין איז אַ געוואַלדיגע ווייטאָג, און אידן זענען מתפלל אַז זוממם בל תפק.

• • •

## היימישער בחור באַפרייט פון לשכת הגיוס צוליב פחד פון הפגנות

אַ דרינגענדע מודעה איז דעם פאַרלאָפענעם דינסטאָג ויקהל אַרויסגעשיקט געוואָרן צו די טעלעפאָנען פון יקירי ירושלים איבער אַ פארהאלטענע בחור אין 'לשכת הגיוס', וואו א היימישע בחור איז געווארן געסטראשעט אז מען גייט אים איינזעצן.

דאָס האָט אַרויסגערופן א שטורעם פארנט פון דער לשכת הגיוס און דער בחור איז באַלד באַפרייט געוואָרן, לשמחת לב היהדות החרדית.

• • •

## אַ געשיכטע פון 'יד להושיע'; וויאַזוי אַ שפּל'דיגער 'מגייס' האָט ליידער מצליח געווען צו פאַרשלעפן אַ נשמה

אין די אָפּיסעס פון 'יד להושיע' האָט מען אַנומלט מיטגעהאַלטן אַ געשיכטע, ווען מיט אַהאַלב יאָר צוריק האָבן די געטרייע עסקנים אַריינגעלייגט אַסאַך כוחות צו אַרויסהעלפן אַ בחור י.י. פון אשדוד צו באקומען א פּטור, וואָס ער האָט שוין כמעט באַקומען. אָבער דאַן איז אָנגעקומען אַ בייזוויליגער 'גייס' וועלכער האָט אים אָנגעהויבן רופן אויפ'ן טעלעפאָן.

נאָכדעם וואָס דער בחור האָט נישט אויפגעהויבן, לויט די אנווייזונגען פון די עסקנים, האט זיך דער גייס מטריח געווען בטירחא דגופא און איז אריבערגעקומען צום שטוב פון דעם בחור וואו ער איז געזיצן מיט אויף אַ לאַנגע צייט און אים מפתה געווען מיט אַלע סאָרט פּיתויים.

דער פאַרשוין האָט אים פשוט פאַר'סמ'ט דעם מח מיט הבטחות אז ס'איז נישטא קיין שום פראבלעם צו זיין אין מיליטער, מען קען דארט בלייבן פרום בתכלית הפרומקייט, און נאָכמער: אז אויב גייט ער זען אַז ס'איז נישט גוט פאר זיין אידישקייט, וועט ער תיכף קענען ארויסגיין.

טראָצדעם וואָס די עסקנים האבן פרובירט ארבעטן האט קיינער נישט מצליח געווען אים ארויסהאקן פון קאפ אז מען קען דארט בלייבן ערליך. אַצינד א האלבע יאר שפעטער האט די צובראכענע מאמע געבעטן מען זאל העלפן איר יונגערן זון מיט א פטור. זי האָט דערביי זיך אויסגעוויינט פאר די עסקנים אויף איר פאַרלוירענעם עלטערן זון וואס האט זיך געלאזט איבעררערן און ליידער איז ער היינט פארפאלן ברוחניות ובגשמיות. די אלע צוגעזאגטע גליקן פון יענעם גייס האט זיך ארויסגעשטעלט אלס פאלש ווען ער פאלט ממדרגה למדרגה.

**עיני עיני יורדה מים!**

• • •

## עצרת אפגעהאלטן קעגן די בחירות אין בית שמש

שטייענדיג בעפאָר די בחירות פאר די עירי' הציונות איז פאַרלאָפענעם דאָנערשטאָג ויקהל פאָרגעקומען אין בית המדרש שערי רמ"א - בית שמש אַ גרויסער כינוס התחזקות, וואו מען האָט געהערט דעם דבר ה' ברמה צו אָפּשרייען די נסיונות פון די פּאַרטייאישע פּראָפּאַגאַנדע.

עס האָבן אויפגעטרעטן מיט פייערדיגע דרשות, הרה"ג ר' דוד קליין שליט"א ראש חבורת קהל חסידי ירושלים, הגה"צ רבי מנחם מענדל סאבאוויטש שליט"א קהל חרדים בית שמש, הרה"ג ר' יעקב נתן אנשין שליט"א משפיע חסידות ברסלב, הרה"צ ר' דוד צבי קאהן שליט"א רב קהילת תולדות אברהם יצחק בית שמש בן אדמו"ר שליט"א, קבלת עול מלכות שמים איז געווען דורך הרה"צ רבי יוסף חיים קאהן שליט"א רב תולדות אהרן.




• • •

# ציוניסטישע פרעסע ברויזט אויף די העלדישע הפגנות קעגן גזירת הגיוס דורך בני תורה קרייזן, תלמידי הגאון רבי צבי פריעדמאן שליט"א




## ספרדי'שער רב הראשי; לימוד התורה איז דער קיום פון דער מדינה

דער ספרדי'שער רב הראשי פון די מדינה האָט די וואָך זיך געלאָזט הערן אַז אויב מען וויל מגייס זיין די ישיבה בחורים דארפן זיי ארויסגיין פון לאנד. די ווערטער האָבן געמאַכט א גרויסן טומל, אבער ביי די ערליכע אידן וואס הערן די ווערטער מאכט עס אויך א גרויסער טומל. ווייל די גאנצע שפּראַך פון די ציוני'סטישע 'לוחמים' איז אַז די בחורים וואס לערנען 'האלטן אויף די מדינה מיט זייער תורה' רח"ל און אויב מען וועט נישט לאזן די בחורים לערנען וועט די ממשלה נישט האבן קיין קיום.

דאָס איז ליידער די ריכטיגע אָפּטייטש פון 'תורתם נעשין סם המות', ווען די פארדרייטע דעת פון די רבנים מטעם ווערט נתפּרסם אַז די תורה פון בחורי ישראל איז חלילה

לעבט מיט די באריכטן פון
מערכות הקודש אין ארץ ישראל

קול זעקה
605.313.6884

קול האמונה
718.298.4754

מערכת סאטמאר
718.831.7000
#1-1-4

משמרת חומתינו

פאַר'ן קיום פון די מדינת השמד, אַנדערש ווי די הייליגע חכמים האָבן מתקן געווען צו בעטן דריי מאָל אין טאָג "ולמשינים על תהיו תקוה וכל המינים כרגע יאבדו".

• • •

## ציוני'סטישע פאָליציי אָנגעפולט זאַפאַסן מיט פרישע בוא"ש וואַסער

ס'איז די וואך געמאָלדן געוואָרן אַז די ציוני'סטישע פאָליציי האָט ערהאַלטן אן ערלויבעניש צו קויפן נאָך פון די טרויעריג באַרימטע בוא"ש וואַסער, וואָס ווערט נישט גענוצט ביי קיין שום אַנדערע הפגנות, סיידן ביי די ערליכע אידן וועלכע זענען לוחם למען כבוד שמו יתברך.

ביי יעצטיגן מאָמענט פאַרמאָגט די פאָליציי 70 ק"ב פון בוא"ש און אַצינד וועלן זיי קויפן נאָך 96 ק"ב, וואַרשיינליך אַז עפעס אמת ליגט יא אונטער זייער טענה אז די חרדים קאסטן אפ פאר די מדינה גאר אסאך...

**בוא"ש ובמים לקדש שם שמים!**



• • •

## טעגליכע מעמדי תפלה פאָרנט פון אוקריינע קאָנסול

אין ליכט פון די באנייעטע גראב ארבעט אין דעם בית החיים העתיק אין שטאט אומאַן, ווערט אָפּגעהאַלטן כסדר'דיגע משמרות תפלה פאָרנט פון דעם אוקראינישן קאָנסול, צו אַרויפברענגען אונזער ווייטאָג פאר די פעלקער, באַגלייט מיט דרשות הסברה אז דאס איז א הייליג פלאץ וואס טאר חלילה נישט ווערן פאַרשוועכט.



• • •

## חסידי'שער בחור מיט אַ געשריי צו 'הצלה לאחים': 'הצילנו'!

איינס פון די צענדליגער געשיכטעס אין די 'הצלה לאחים' הויפּטקוואַרטירן:

א חסיד'ישער בחור מיט לאנגע פאות, איז געקומען וויינען צו די עסקנים פון הצלה לאחים, אַז נאָכ'ן ווערן אַריינגעשפּילט און איבערגערעדט אריינצוגיין אין פאליציי דינסט האט זיך אויפגעוועקט זיין נשמה. דערפאַר איז ער אָנגעקומען צו די הצלה אָפּיס אַז מען זאל אים העלפן זיך ארויסדרייען פון זיין פלאנטער.

די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש ווערן פארפלייצט פון ארבעט למעלה מראש, איבערהויפּט ווען די רשעים גרייטן זיך יעצט מיט א נייע חוק הגיוס היל"ת וואס דאס וועט פילפאכיג הייבן די רופן, אָבער ב"ה אַז מ'זאָגט נישט אָפּ קיינעם און נאכ'ן מצליח זיין ארויסצושלעפן דעם בחור פון דעם זומפ און שאול תחתית האט ער אנגעהויבן א נייע ערליכע לעבן.

פאַרגאַנגענע וואָך האָט איינער פון די עסקנים געטראָפן דעם חסיד'ישן בחור אין בית המדרש ביי שחרית, וואו דער בחור האָט געדאַוונט מיט א דביקות, און נאכ'ן דאווענען האָט ער פשוט נישט געקענט גענוג באדאנקען די עסקנים פאר זייער העראָאישע אים צוריקצוברענגען צום לעבן.

• • •

## אַ געלעגנהייט צו העלפן בחורים און אינגעלייט וועלכע האָבן געהאַט נזקים ביי לעצטיגע הפגנות

דורכאויס די שטורמישע מחאות וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דורך די ערליכע בני תורה קרייזן, האָבן אַסאַך פון די מוחים ליידער געליטן פון גרויסע נזקים און שווערע געלט שאדן אויף זייערע מלבושים, אַדאַנק די פּאָליצייאישע בוא"ש וואַסער און אַנדערע באַהאַנדלונגען.

ס'איז דעריבער באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלע ליניע וואו מען קען אַריינרופן כדי צו דעקן די שאָדן און האבן א חלק בממונא אין די גרויסע מחאות קעגן די גזירת הגיוס. דער נומער איז 716-623-4701 וואו יעדע דאלאר ווערט פארטיילט פאר די מוסרי נפש, זיך צו קענען קויפן נייע היטן, אדער נייע שיך, וואס איז שאדן געגאנגען פון די פארלאפענע בוא"ש אטאקעס דורך די רשעי ישראל.

## בריוו צו מרכז הצלה נאך געוואלדיגע הצלה אים צו ראטעווען משמד



בס"ד

ח"י אד"א תשפ"ד

אל כבוד כלל פעילי "מרכז הצלה" ד' עליהם יחיו

אחדש"ט

אין בפי די מילים להביע את רגשותי ותודותי על כל מה שעשיתם למעני, עם כזה לב וחום וליווי תמידי עד שב"ה הגענו עד הלום - שזכיתי להפטר מצבא השמד. והכל בלא לקבל שום פרוטה, רק לשמה ולשם שמים כפשוטו.

ואני עומד ומשתומם איפה עוד בעולם נמצאים כאלו אנשים שמתמסרים באופן פלא ויוצא דופן לאנשים שאינם מכירים, למאות בחורים ואברכים שרוצים להנצל מציפרני הרשע והכל בכזה חן וצניעות בלי רעש ובלי פרסום.

מה אומר לכם, זכותכם גדול עד למאוד והעולם עומד על אנשים שכמותכם.

הייתי מאריך, אך כל המוסיף גורע... כתבתי קצת מרחשי לבי וכהכרת הטוב על כל הפעולות שעשיתם עמדי.

יהי ד' עמכם בכל מעשיכם ותצליחו בכל אשר תפנו בנקל ותמיד יתקדש שם שמים על ידכם וכולכם תתברכו בכל הטוב שבעולם ונפטר מכל הצרות שבעולם ברו"ג.

תודה מיוחדת לפעיל היקר והאהוב

הר"ר נתן לוין שליט"א

שסייע לי לאורך כל הדרך הארוכה הזאת בצורה בלתי ניתנת לתיאור עם כזה חן וגעשמאק ועזר לי בכל צעד ושעל,

מן השמים ישולם שכרו הטוב !!!

שכרכם הרבה מאוד !!!

הכותב בדמעות של שמחה

יוחנן [redacted]

## משמרת חומתינו

# רירענדע אינטערוויו

## מיט'ן מסירת נפש'דיגער
## אסיר ציון
## הר"ר ישראל אשר בן מלכה ראטמאן שליט"א

### אפגעהאלטן פון 'תפיסה איילון' וואו דער אסיר ציון ווערט פארהאלטן

**מחאה אין סאטמאר רחוב יואל געהערט ביז אין תפיסה! * אריינגעשלעפט צו טעלעוויזיע אבער ב"ה נישט מצליח געווען * דער ראי' פון תהלים צו די קיום מדינה... * מיט א אראבער אין צימער * שבת שירה אין תפיסה * טעלעוויזיע 22 שעה א טאג! ***

### שלום וברכה!

שלום וברכה א גוט יאר.

### ס'איז אונז אַ געוואַלדיגע זכי' צו רעדן מיט אייך, וויפיל צייט זיצט איר שוין אין תפיסה?

ס'גייט יעצט ווערן צוויי חדשים.

### די רשעים האבן פאראורטיילט ביז 3 חדשים הי"ל'ת ביז ווען דארף מען זיצן דארט?

אויף דעם קומענדיגען מיטוואך פקודי האפט מען אז איך וועל ווערן באפרייט פון זיי בעז"ה, לאמיר האפן.

### דאס קומט נאכ'ן אראפלאזן א דריטל פון די באשטימטע צייט?

ווען איך בין אריינגעקומען אין תפיסה איילון האט מיר דער 'מפקד' געזאגט אז מיין צייט צו ענדיגן די אַרעסט איז דעם קומענדיגן מיטוואך.

### למעשה האבן זיי נאך א קלאגע קעגן אייך וואָס פאַרלאַנגט 'הויז אַרעסט'?

די אנדערע קעיס איז אָפיציעל אן אַרעסט 'עד תום ההליכים' - וואָס מיינט אויף זייער טריפה'נע שפּראַך אַז מ'בלייבט זיצן במשך די גאַנצע צייט פון די געריכט סעסיעס אָן קיין 'בעיל'. אבער ווי מען האט אפגעלערנט די פּראָטאָקאָלן מיינט דאס נישט ממש 'עד תום ההליכים' נאר ביז ווען מען ענדיגט דא אין תפיסה, און ווען מען גייט בעז"ה באפרייט ווערן פון דא לאמיר האפן אז מען וועט קענען באפרייט ווערן אינגאנצן קומענדיגע מיטוואך.

### אויף וועלכע קלאגעס האבן אייך די רשעים יעצט אריינגעשלידערט אין תפיסה?

יעצט האבן די רשעים מיר איינגעזעצט צוליב די גרויסע מחאות ביי די קברים אויף הר ציון פאר 2 יאר צוריק, ווי טראקטארן האבן געארבעט אויסצואקערן גרויסע שטחים מיט קברים ה"י. דארט איז געווען גרויסע מלחמות מיט פעולות פון אפשטעלן די טראַקטאָרן. איך בין געגאנגען דארט און מען איז אריין אונטער'ן טראקטאר.

דאס איז געווען אויסער די קלאגעס וואס זיי האבן ארויסגעשטעלט קעגן די מוחים וואס האבן געקעמפט למען קדושת ירושלים אפצושליסן א געשעפט אויף בר אילן, וואס דאס איז געווען א באזונדערע קלאגע.

ביים אָנהויב ווען זיי האָבן מיך איינגעזעצט האָבן זיי געזאָגט אַז זיי האבן **16** קלאַגעס, ווייל איך פיר אן די אלע מחאות. זיי האָבן מיך נישט אַרויסגעלאָזט פון תפיסה די גאַנצע צייט. דער שופט האט מיך נישט ארויסגעלאזט צווישן די דיונים. איך בין געבליבן פאַרשפּארט אין די 'ניצן' תפיסה. זיי האָבן מיך געהאַלטן אַרעסטירט 'עד תום ההליכים, און מיר נישט געוואלט אַרויסלאָזן. ב"ה אז מען האט זוכה געווען לקדש שם שמים אויף אזא גרויסע פארנעם.

ס'קומט אויס אז אנדערטהאלבן חדשים בין איך געזיצן צוליב די מחאות אויף די חילול קברים אויף הר ציון און די איבריגע וואכן וועגן די מחאות קעגן די טריפה'נע געשעפטן.

### ווי אזוי איז צוגעגאנגען די ערשטע טעג אין תפיסה?

די ערשטע נאַכט בין איך געווען אין 'מגרש הרוסים' תפיסה, די צווייטע נאכט אין איילון, און דערנאָך האט מען מיר אריבערגעפירט צו די 'ניצן' תפיסה וואו עס איז אויסגעמישט אראבערס מיט גוים. יענעם שבת פ' בא בין איך געווען דארט צוזאמען מיט א איד - אויב מען קען אים אזוי רופן - א מחלל שבת נעבעך מיט אן אראבער און מיט א בעדיאנער.

ביי קבלת שבת אין אזא צימער האב איך מיר אין א ווינקל זיך אנגעהויבן אונטערזינגען און גלייך האט דער אראַבער אנגעהויבן זיך אונטערברומען און מיטזינגען זיינע אראבישע ניגונים כדי מיר צו שטערן. מען האט געזען אז דאס דאווענען, תהלים די אלע זאכן האט אים נישט געשטערט אבער די ניגונים איז אים געווען ווי א דארן אין הארץ.

איך האב מבטיח געווען דעם אראַבער אז די ניגונים וועט צוגיין אויף א שטילן אופן אים נישט צו שטערן, און די גאנצע וועלט ארום מיר איז אריינגעשלעפט געווארן אינעם קדושת שבת וואס איז געפראוועט געווארן אויף א 'שטילן' פארנעם...

### ביז ווען האט אנגעהאלטן די שוועריגקייטן דארט?

ב"ה אז דעם קומענדיגן שבת, שבת בשלח - שירה, בין איך געווען אין אן אנדערע צימער, וואָס איז שוין געווען קלענער מיט אידישע שכנים, האט מען שוין געקענט אפצאלן די 'שירה' אויך פאר די פאריגע 'שטילע' שבת.

ליידער דארט האב איך צוגעזען מיט די אייגענע אויגן די חורבן פון די ציונים וויפיל זיי האבן שוין קאליע געמאַכט און וויפיל זיי האבן שוין אויסגעריסן פון אזויפיל נשמות רח"ל.

געווען איז דאָס ווען מען האָט זיך אנגעהויבן טענה'ן איבער 'יא מדינה' אדער 'נישט מדינה', איך האב מסביר געווען אז מדינה מיט אידישקייט איז צוויי באזונדערע און גאר פארקערטע זאכן. אָבער דער 'איד' נעבעך דארט איז געווארן מורא'דיג צוקאָכט, אזוי צו זאגן אז די מדינה איז נישט אויסגעהאַלטן?! ער איז געווארן אזוי צושטורעמט (ס'האט זיך אויפגעוועקט אין אים זיין פינטעלע ישראל...)

ביז ער טאנצט אויף אז ער גייט ברענגען א ראי' צו זיין צד, ער גייט מיר ווייזן קלאר אז ס'שטייט אין תהלים אַז ס'דאַרף זיין אַ מדינה... האט ער אויפגעמישט אנהייב תהלים ווי עס שטייט דארט 'הריני מוכן ומזומן וכו' בשם כל ישראל' און ער ווייזט מיר קלאר 'קוק! דא שטייט ישרא"ל'... איך האב געזען מיט וועמען איך האב צוטון האב איך פארשטאנען אז ס'איז א שאד ווייטערדיגע וויכוחים.



דער העלדישער אסיר ציון הר"ר ישראל אשר ראטמאן שליט"א

**משמרת חומותינו**

איך האָב געזען די חורבן מיט די אויגן אויך שפעטער אין אן אנדערע צימער, ווען איך בין געזיצן מיט אַ פרייער איד נעבעך. יענער האט געזען אַז איך דאווען האט ער געוואלט זאגן מיט מיר קריאת שמע, איך האב אנגעהויבן זאגן מיט אים די פסוקים פון קרי"ש מלה במלה, אָבער ער האט קוים געקענט זאָגן, ער האט זיך ממש צעהאַקט די ציינער נעבעך. דאס איז געווען גאר א לאנגע קרי"ש... די כופרים האבן ליידער אויסגעריסן פון אידישע קינדער יעדע שם ושארית רח"ל, מען האט זיי אוועקגעריסן מיט געוואלד און מיט אלע סארט מהלכים פון אונזער טאטע אין הימל, און ליידער זענען זיי אנגעקומען אין תפיסה צווישן פארברעכער אנשטאט אויסוואקסן ערליכע אידן מיט משפחות זרע ברך ה'.

כ'האָב גערעדט מיט דעם איד איבער הלכות און אידישקייט, הפרשת חלה און אנדערע הלכות וואס ער האט געפרעגט, און מ'האָט געזען אַז ער האָט קיין מינדסטע השגה פון די א' ב' אין אידישקייט. ליידער זעט מען דארט דעם חורבן פאר די אויגן עד היסוד וואס זיי האבן אויסגעריסן בעוה"ר.

## ס'איז דא טעלעוויזיע אין דיין צימער?

אז איר פרעגט וועגן טעלעוויזיע איז אזוי.

די צווייטע וואך וואס איך בין געזעסן איז פאָרגעקומען אַ גרויסע מחאה אין ירושלים עיה"ק, בנוגע דאָס וואָס מען לאָזט מיך נישט זיצן אין אַ שטוב אָן קיין טעלעוויזיע, וואס די מחאה איז אנגעקומען ביז אין תפיסה, ווי מען וועט זען שפעטער.

זיי האבן מיר דעמאלט געשיקט צו אַן אַנדערע אפטיילונג אָבער איך האָב געזאגט אז איך קען נישט ארויפגיין דארט ווייל ס'איז דא דארט טעלעוויזיע, האבן זיי מיר געזאגט אז דארט איז בכלל נישטא קיין טעלעוויזיע. בין איך ארויפגעגאנגען איך קום אן אויבן זע איך אז יעדע צימער האט א טעלעוויזיע. ס'איז נישט געווען דארט קיין איין צימער אן טעלעוויזיע, און דאס ארבעט 22 שעה אין מעת לעת פון 5 פארטאגס ביז 3 ביינאכט... (א מוסר השכל פאר אונז עובדי ה' אז צוויי שעה שלאף דארף אונז זיין גענוג...) און די שכנים דארט זענען בשום אופן נישט מסכים מען זאל דאס פארלעשן.

האָב איך מחליט געווען אַז איך גיי נישט אריין אין קיין שום צימער! איך בין געבליבן אינדרויסן און געגאנגען דארט אין שוהל. א ביה"כ איז נאר געווען אין צימער בין איך אריין אין צימער און תיכף ארויס צוריק אין שול. אזוי בין איך דארט געזיצן א גאנצע נאכט אויף א הארטע בענקל, מיט מיינע חפצים. ב"ה 8 אינדערפרי קומט דער 'מפקד' אז מען גייט צוריק אראפ אונטן.

אויף צומאָרגנס קומט דער רב צו מיר (דארט ארבעט דער רב פאר זיי און נישט פאר די ארעסטירטע) און ער זאגט מיר: "הער זיך איין, דו מוזסט אריבערגיין. פארוואס דארפסטו זיך קריגן?". איך האָב זיך אָבער געשטעלט דערויף אז איך קען נישט שטיין אין א פלאץ פון טעלעוויזיע. ער האט זיך אראפגעזעצט נעבן מיר און געברענגט א צווייטן וואס גיבט שיעורים, יענער האָט מיך אויך פרובירט משכנע זיין אז איך מוז אַריבערגיין.

## איר האט פריער געזאגט אז מען האט געהערט די מחאות אין סאטמאר ביז אין תפיסה, וואס זענען די פרטים?

דינסטאג האבן זיי מיר געזאגט אז מען גייט צו אַן אַנדערע אפטיילונג. איך האב געפרעגט וואו? האט מען געזאָגט אז איך זאל נאכקומען. איך האב נישט געהאלטן ביים גיין האבן מיר עטליכע אפיצירן מיר ארויסגעשלעפט בכח.

אנקומענדיג דארט האב איך זיך אנטזאגט פון אריינגיין אין צימער און איך בין אנשטאט דעם אריין אין שול, האָבן מיך די אַנדערע אַרעסטאַנטן געפרעגט וואו איך בין געווען, און מיר צוגעלייגט אז "ס'טוט זיך גרויסע מחאות אין סאטמאר אויף 'רחוב יואל' וועגן די טעלעוויזיע אין תפיסה. דאס האבן זיי מיטגעהאלטן דורך די טעלעוויזיע...' און טאקע בשעת איך בין געווען אין שוהל האב איך געקענט הערן די אלע ניגונים און די מחאות וואס די טעלעוויזיעס פון אלע צימערן האבן געשפילט.

די קולות המחאה און זעקת יהדות החרדית איז אנגעקומען ביז צו מיר אין תפיסה... איך בין געבליבן אין שול דארט און ווען ס'איז געוואָרן 8 אזייגער ווען מען דאַרף אַריינגיין אין צימער, איז געקומען דארט א מפקדת און פארפירט אז איך מוז אריינגיין. איך בין געשטאנען דערויף אז איך גיי נישט אריין בשו"א. האט מען געסטראשעט אדער גיי איך אריין אדער גייען זיי נוצן שטרענגע מיטלען. איך האב געזאגט איר קענט טון וואס איר ווילט. איך גיי נישט אריין דארט!

ס'קומט די צייט ווען מען נעמט אריין יעדן אין צימער. דער וועכטער זאגט 'גיי אַריין' און ער הייבט אן צו שלעפן. איך האב מיר אנגעהויבן צוריקצושלעפן, ביז ער האט מיר געשלעפט ביז די טיר פון צימער. דארט ביי די טיר געבט ער מיר א שטופ אריין אינווייניג. די לעצטע רגע האב איך מיר צוריק ארויסגעשלעפט און ער האט געזאגט "איך זע מען קען גארנישט מאכן מיט דיר". איז ער געגאנגען דארט צו רעדן ביי די טישל פון די מפקדים און מצורעים.

ער האט געווארט אן אנדערהאלבן שעה ביז א מפקד איז צוריקגעקומען און ער האט מיר ב"ה צוריק אראפגעטראגן צו די ערשטע אָפטיילונג. ס'איז טאקע א שווערערע צימער, פארמאכט א גאנצן טאג, מען קען נישט ארויסגיין פון דאָרט, מען איז איינגעשפארט, אבער א טעלעוויזיע איז נישט געווען ב"ה. ס'איז געווען א גרויסע נס אז דער אויבערשטער האט געהאלפן. די אראבער אין די פרייע דארט האט געזען אַז אַ איד וויל נישט קוקן טעלעוויזיע, וואס האט ארויסגערופן ב"ה א גרויסע קידוש השם.

די קומענדיגע וואָך, די לעצטע וואך וואָס איך בין געווען אין די 'ניצן' תפיסה, האבן זיי מיר צוריק ארויפגעשלעפט צו די אָפטיילונג פון די טעלעוויזיע, אבער נאך א שעה בין איך שוין געווען צוריק אונטן. כאטש וואס אָפיציעל בין איך געווען אן אַרעסטאַנט אין די אָפטיילונג פון די טעלעוויזיע האט מען מיר פלאצירט אין דעם פליגל אן קיין טעלעוויזיע.



## וואס זענען די שוועריגקייטן דארט?

ב"ה מען האט געהאט א זכי' דארט צו זיין!.

די ערשטע וואכן איז געווען גאנץ שווערע וואכן. ד.ה. אין די וואכן ווען מען ווערט געשלעפט פון איין תפיסה צום צווייטן צווישן די דיונים, משפטים, ווען מען וואלגערט זיך מיט א שרעקליכער פיזור הנפש אונטער גאר שווערע אומשטענדן.

איך האב געהאט גערעדט שפעטער אויפ'ן טעלעפאן מיט ר' יהושע דדון שליט"א און אנדערע אסירי ציון, אז ביז היינט האב איך געמיינט אין דמיון אז איך פארשטיי זייערע מיטמאכענישן פון תפיסה און אז איך האב אביסל ארויס די מציאות, אבער אצינד אז מען שפירט דאס אויף די אייגענע בלוט האָב איך געזען אַז איך האב דאס ווייט ווייט נישט פארשטאנען.

אזעלכע תפיסות איז בכלל נישט אזוי פשוט. מען איז פארמאכט א גאנצן טאג, מען באַקומט קוים עסן, יעדן טאג האט זיך געביטן אנדערע מענטשן ארום. איין טאג האט מען אריינגעברענגט דארט אן עלטערע אַרעסטאַנט, האב איך זיך געשטעלט דאווענען מנחה גדולה, נישט וואוסענדיג אויב שפעטער וועט דער קאמער זיין מוכן ומזומן זיך צו מעגן דארט בכלל שטעלן דאווענען, ועוד פילע שוועריגקייטן. ס'איז געווען ווייט פון פשוט.

איין טאג בין איך געווען מיט אן אראבער, יעדע זאך וואס איך האב געטון דארט אין צימער האט ער געעפענט א מויל מיט אראבישע קללות 'איך וועל דיר צושניידן', ס'איז געווען מיט אזעלכע קללות אויף הויכע טענער אז די גאנצע תפיסה האט מיטגעהאלטן. זעענדיג אז ס'איז ממש מסוכן האבן זיי אים ארויסגענומען פון מיין צימער.

אבער ב"ה אַז דאָס איז געווען אין אנהייב. דאנערשטאג פ' יתרו בין איך אריבער דא צו תפיסה איילון, וואס דא איז אסאך רואיגער. איך הער אז דער ציבור איז אסאך מתפלל און מען זעט אז ס'איז פיל פארלייכטערט געווארן דא, און מען האפט בקרוב ארויסצוגיין אינגאנצן לחירות און זיך טרעפן מיט די משפחה און מיט די קינדערלעך.

**מען דארף טאקע דערמאנען עטליכע וויכטיגע נקודות. איינס די טעלעפאן ליין 'קול זעקה' וואס איז משמיע דעם דבר ה' ברמה, און פאר די געטרייע עסקנים פון 'ועד אסירי ציון' וועלכע שטייען דא אין לויף פון די גאנצע דיונים מיט לויערס און יעדע סארט הילף.**

**זאל דער אויבערשטער זיי באצאלן און איך זאל קענען האבן א חלק אין די גרויסע זכותים לקדש שם שמים ביז'ן באפרייט ווערן מיט א גאולה כללית צוזאמען מיט גאנץ כלל ישראל.**



**FOR SALE**

**Schinas Veyoel Moshe**
7.5 room apartment on top floor with attic ready to move in



**FOR SALE**

**3 Satmar Drive**
Center of Kiryas Joel opportunity 2100 sq. ft. spacious apartment on the second floor on Satmar Drive



**FOR SALE**

**105 high St – Smith Gardens area** 3,000 sq ft, brand new kitchen, bath, option to subdivide the property to build another house + additional rental income.



**FOR SALE**

**Schinas Veyoel Moshe**
7 room apartment available on the 1st 2nd 3rd and 4th floor ready to move in

**FOR SALE**

- 4 room basement apartment on Van Buren
- 5 room walk in apartment on Stropkov Ct. tenant occupied
- 5 Room apartment in SVM 3rd floor tenant occupied
- 5 room walk-in basement in SVM
- 5 room apartment in section 1 tenant occupied
- 5 room apartment in SVM top floor
- 5 room apartment on Lemberg tenant occupied
- 5 ½ room apartment on Lemberg top floor
- 6 room apartment in SVM top floor
- 6 room apartment in SVM tenant occupied
- 7 room apartment plus finished basement in SVM
- 7 room apartment in SVM tenant occupied
- 8 room apartment plus basement in SVM
- 8 room apartment in Atzia Temorim walk in private entrance
- 9 room apartment in SVM 3rd floor
- Big divided apartment into a 5 & 6 room apartment both are tenant occupied
- Private house in Woodbury Villas

**FOR RENT**

- One bedroom apartment on Quickway Rd.
- One room apartment on Quickway Rd. good for a single not for a couple
- 3 room apartment walk in SVM
- 4 room apartment in Woodbury Villas
- 5 room apartment in Woodbury Villas
- 7 and 8 room apartment on forest first floor
- 7 room apartment in SVM first and second floor private entrance
- 7 room Apartment in SVM third floor
- 7 room apartment in SVM fourth floor
- 7.5 room apartment in SVM third floor
- 4 Bedroom renovated house in Blooming Grove
- Private offices available in Atzia Temorim
- Large private office on MountainView
- Private house in Blooming Grove
- 2,000 sq ft unfinished walk-in space in Woodbury Villas
- Newly renovated private office on Route 32 asking only 450
- Private office in the new Stonegate Business Center great price
- 1500 sq ft office space on Rovna Ct.
- Beautiful private office with conference room on Raywood

*HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

**HFA REALTY GROUP**

845.781.2410
Sales@HFArealty.com

ext. 3 משה יוסף פריעדמאן
Moshe@hfarealty.com

ext. 4 מרדכי יואל אונגאר
Cell 845.238.0039
Mordechai@hfarealty.com

# די ריכטיגע אידענטיטעט פון דאָס היסטאָריש בילד;
# משפחת מייזליש אין בערגן בעלזן

אן אויסטערלישע אָפּקלאַנג און פלייץ פון מעסעדזשעס פון איבער דער וועלט איז אַריינגעקומען צו דער רעדאַקציע פון 'קרית יואל וואָכנשריפט', נאָכדעם וואָס ס'איז פּובליצירט געוואָרן די היסטאָרישע בילד, וואו עס ווערט געזען צוויי יונגע קינדער פון פרי צדיק עץ חיים, למשפחת מייזליש המיוחסת, ביים באַן אין בערגן בעלזן, באַגלייטן הרה"ג רבי אברהם בלוי שליט"א, נאָכ'ן ווילן אינאיינעם פאר אַ שטיקל תקופה, בעפאָר'ן זיך אַריבערציען קיין ארה"ק.

באַלד אין די סאַמע ערשטע שעות נאָכדעם וואָס 'וואָכנשריפט' איז ערשינען פאָריגע וואָך, האָט אָנגעהויבן אַריינקומען הערות פון ליינער אז לויט די יארן איז נישט מעגליך אז דאָס קינד אויפ'ן בילד זאל זיין הגה"צ אבדק"ק סיגעיט זצ"ל וואס איז אין יענע יארן געווען ארום 14-15 יאָר. און עס איז פארהאן א בילד בשעת די באפרייאונג פונעם רב מיט זיין טאטן זצ"ל. (זעט בילד אריינגעשיקט צו דער מערכת דורך די בני משפחה).

דאָס בילד מיט די אָריגינעלע דעסקריבציע דערפון איז אַריינגעשטעלט געוואָרן לויט ווי ר' אברהם בלויא האָט פאַרציילט פאַרלאָפענע וואָך אַז ער האָט פאַרברענגט אינאיינעם, דאָרט אין בערגן בעלזן, מיט יבלחט"א הגה"צ אבד"ק סיגעיט זצ"ל וואָס איז נאָרוואָס נפטר געוואָרן, און ר' אברהם האָט מיטגעטיילט אַ בילד פון דעם צאתכם לשלום, בשעת ער איז אויפגעשטיגן אויפ'ן באַן צו פאַרלאָזן דאָס פאַרשאָלטענע לאַנד. לויט ווי ער האָט געהאַט אָנגעגעבן איז דאָס געווען די קינדער פון 'הרב מייזליש פון בערגן בעלזן' (דער ווייצענער רב בעל מקדשי ה' זצ"ל).

די רעדאַקציע האָט דעריבער תיכף אָנגערופן קיין ארץ ישראל, ווי מיר האבן זיך פארבינדן מיט אן אייניקל פון רבי אברהם שליט"א, און געבעטן אַז ער זאל אריינגיין צו זיין זיידע אויסצוקלאָרן דאָס מציאות הדברים און זען וועלכע פרטים ס'איז דאָ מעגליך פאַרזען געוואָרן, און אויב ער קען באַשטעטיגן אָדער אָפּוואַרפן די היסטארישקייט פון דעם בילד.

נאך א קורצע חקירה ודרישה, און ווי רבי אברהם שליט"א האט עס טאקע דערנאך באשטעטיגט, האט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ר' אברהם האָט זיך טאַקע אויפגעהאַלטן אין בערגן בעלזען און ער איז טאַקע דאָרט געווען אינאיינעם מיט'ן ווייצענער רב זצ"ל און בנו הגה"צ אבד"ק סיגעיט זצ"ל.

אבער למעשה איז דאָס בילד נישט די משפחת מייזליש בני הגה"צ אבד"ק ווייטצן זצ"ל, נאר דאָס זענען זייערע שוועסטער - קינדער, די מייזליש ברודער, קינדער פון דעם צווייטן 'הרב מייזליש' פון בערגן בעלזן, וואָס דאָס איז געווען הגה"צ רבי חיים מייזליש זצ"ל מסאַרוואש!



רעכטס: הגה"צ אב"ד שאפראן זצוק"ל, אינמיטן הרה"ג ר' אברהם בלויא שליט"א פון בראזיל-בני ברק (בעמח"ס "נחלת אבות"), לינקס: הגה"צ אבד"ק ליעזש זצ"ל

דאָס הייסט אַז אויפ'ן בילד זעט מען לינקס הגה"צ רבי יהושע זאב מייזליש מליעזש זצ"ל, פאטער פון הגה"צ אבדק"ק טאלטשווא קרית יואל שליט"א, און אויפ'ן רעכטן זייט זעט מען זיין ברודער הגה"צ אבד"ק שאפראן זצ"ל!

הגה"צ אבד"ק טאלטשווא קרית יואל שליט"א דרוקט זיך טאַקע אויס אין אַ שמועס אַז ס'איז אים געווען א פלא זעענדיג פארגאנגענע וואך דאָס בילד אז הגה"צ אבד"ק סיגעיט זצ"ל האט אויסגעזען פונקט ווי זיין פאטער אלס קינד... אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דאָס איז ווירקליך זיין פאָטער, הגה"צ אבדק"ק ליעזש זצ"ל, בן הגה"צ רבי חיים מייזליש זצ"ל אבד"ק סארוואש און רב אין בערגן בעלזן.

די משפחת מייזליש, נכדי הגה"צ מסארוואש זצ"ל, האָבן אויפגענומען דאָס בילד מיט אַ געוואַלדיגע שמחה, זיך אויסדריקנדיג אַז ס'איז געווען אַ סייעתא דשמיא אַז דאָס בילד איז געדרוקט געוואָרן, אַזוי האט עס באקומען דעקונג און די משפחה האבן צום ערשטן מאל געזען דעם היסטארישן אומבאקאנטן בילד פון זייערע עלטערן און זיידעס אין יענע שווערע תקופה העולם בחורבנה.

***

במשך די נאָכפאָלגנדע טעג איז אַריינגעקומען צו דער רעדאַקציע אומצאָליגע טעלעפאָן רופן און בריוו פוןביידע רבני'שע משפחות, זה בונה וזה סותר, איבער די אָריגינעלע אידענטיטעט פון די קינדער אויפ'ן בילד. אויך בשעת די 'שבעה זיצן', ביי ניחום אבלים, האָבן די בני המשפחה הגה"צ שליט"א אַדורך געטון דאָס בילד וואָס איז פּובליצירט געוואָרן אין 'וואָכנשריפט' און מען האָט דן געווען ווער ס'זענען די קינדער וואָס מ'זעט דאָרט.

בשעת דעם ניחום אבלים האָט הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א רב ביהמ"ד ישמח משה שכונת ברך משה, באַטאָנט אַז זיין פאָטער, הגה"צ אבד"ק סיגעיט זצ"ל, איז קיינמאל נישט געגאנגען מיט קיין דאשיק, דאס איז אויסער דעם פאקט אז אין יענע יארן איז דער סיגעיטער רב אלט געווען ארום 15 יאָר און איז געווען דירעקט אַ הויכער געשטעל, עד כדי כך אַז בשעת דער רשע ימ"ש האט געוויזן מיטן פינגער רעכטס-לינקס, לחיים או למוות ה"י, האט זיך דער סיגעיטער ז"ל אנגעגעבן אלס 17 יעריגער, זייענדיג א שלאנקער הויכער בחור. און מ'קען דאָס טאַקע זען אויף די בילדער תיכף נאָכ'ן קריג, וואו ער שטייט נעבן זיין פאָטער דער ווייצענער רב.

הגה"צ רבי שמעון זאב שליט"א האָט אויך אָנגעצייגט אַז ס'איז אוממעגליך אַז דער צווייטער קינד אויפ'ן בילד זאָל זיין הגה"צ רבי יוסף משה מייזליש זצ"ל מווייצן, ווייל דער סיגעיטער רב האָט נישט געהאַט קיין ברודער דאָרט אין לאַגער. דער סיגעיטער רב'ס ברודער, ר' יוסף משה, איז בשעת די מלחמה געווען אין 'מונקאַ - טאַבאָר' און איז נישט אָנגעקומען אין אושוויץ בכלל. דער סיגעיטער רב האָט אין לאַגער בלויז געהאַט זיין שוועסטער, הרבנית הצדיקת ממאָנטעווידעאָ ע"ה, הגם זיי זענען געווען אָפּגעטיילט ווייל זי איז געווען אין דער פרויען לאַגער.

ס'איז געבליבן אַ בילד וואו דער ווייצענער רב זצ"ל, אינאיינעם מיט בנו הגה"צ אבד"ק סיגעיט זצ"ל, שטייען נעבן אן אַמעריקאַנער סאָלדאַט תיכף נאָך דער באַפרייאונג. מ'זעט דאָרט אויפ'ן בילד אַז דער סיגעיטער רב איז געווען די זעלבע הייעך ווי זיין פאָטער זצ"ל. בדרך אגב, מיט עטליכע יאָר צוריק האָט דער סיגעיטער רב זיך געטראָפן דאָ אין ניו יאָרק מיט אָט דעם סאָלדאַט, אַ איד מיט'ן נאָמען ר' געציל שוואַרץ, וואָס האָט אים באַפרייט נאָכ'ן קריג.

הגה"צ רבי שמעון זאב שליט"א האָט באַטאָנט אַז די צוויי ברודער, זיין זיידע הגה"צ אבד"ק ווייצן זצ"ל, ואחיו הגה"צ אבד"ק סאָרוואָש זצ"ל, זענען טאַקע ביידע געווען אין בערגן בעלזן און ביידע האָבן געדינט אַלס 'רב הראשי' אין דעם לאַגער, אַזוי אַרום אַז ס'איז פאַרשטענדליך פאַרוואָס אַזאַ טעות האָט פאַסירט. דאָס בילד פאַרבלייבט גאָר היסטאָריש, אָבער ס'איז נישט די קינדער פונעם ווייצענער רב, נאר די קינדער פונעם סארוואשער רב זצ"ל

אויך קינדער און אייניקלעך פון משפחת הגה"צ אבד"ק שאָפּראָן זצ"ל, האָבן מיטגעטיילט אַז צווישן די משפּחה האָט מען אַסאַך דן געווען איבער דאָס בילד. צוערשט האָבן טייל בני משפּחה באַטאָנט אַז ס'שטימט נישט לויט די יאָרן, אָבער פון דער אַנדערער זייט זעט מען דאָך קלאָר אַז דאָס קוקט אויס ווי די משפּחה. נאָכ'ן פאַרגלייכן מיט אַנדערע בילדער וואס די משפחה האט פון בעפאָר און פון נאָך די מלחמה, זעט מען אז עס טאקע זייער פאטער הגה"צ משאפראן זצ"ל, מיט זיין ברודער דער ליעזשער רב זצ"ל. דאס זעלבע האָבן מיר געהערט פון הרב שלמה ישראל מייזליש שליט"א אבד"ק קאַמינקא וויליאַמסבורג.

***

בדרך אגב, שעפענדיג פונעם קוואַל, צו הערן מער איבער יענע יאָרן, האָט הרה"ג רבי אברהם בלויא שליט"א פארציילט איבער זיין פאטער הרה"ג רבי משה בלויא ז"ל, אַז ער איז געווען אן א איידעם ביי הרה"ג רבי שלמה ברוך שמאלהויזען ז"ל, וואָס לויט די מסורה אין דער משפּחה האָט ר' שלמה ברוך געלערנט די א' ב' מיט מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע. זייענדיג א תלמיד פון מרן בעל יטב לב זי"ע און שפעטער פון בנו מרן בעל קדושת יו"ט זי"ע.

ר' אברהם פאַרציילט נאָך אַ מערקווערדיגע עפּיזאָד, אַז אינמיטן די מלחמה, ווען אונגאַרן איז נאָכגישט געווען אונטער די נאַצישע נעגל, איז אָנגעקומען צו דער משפּחה פון ר' משה בלויא אַ פרוי מיט'ן נאָמען קריינדל, וואָס איז אַנטלאָפן פון פּוילן און זי איז איינגעשטאַנען ביי משפּחת בלויא.

די מרת קריינדל האָט געהאַט אַ טיקעט צו קענען פאָרן מיט דעם באַקאַנטן "קאַסטנער באַן", דעריבער האָט די מוטער פון ר' אברהם, מרת ברכה בלויא אשת ר' משה, געבעטן פון יענע פרוי אז זי זאָל מיטנעמען איינעם פון אירע קינדער, אַ יונג מיידל מיט'ן נאָמען חי', אַז ס'זאָל הייסן אָנגעבליך אַז דאָס איז איר קינד ווען זי נעמט מיט אויפ'ן באַן.

אַזוי איז טאַקע געווען. מרת קריינדל האט זיך געראַטעוועט דורך דעם באַן און זי האָט דאָרט מיטגענומען דאָס מיידל פון משפחת בלויא. איז מערקווערדיג אַז ווען דער רבי זי"ע - וואָס איז אויך געווען אויף דעם באַן - האָט זיך דערוואוסט אַז ס'איז דאָ


CHAIM MEISELS
חיים מייזלס

דרוקסארט פון צווייטע רב הראשי פון בערגען בעלזען
הגה"צ רבי חיים מייזליש זצ"ל אבד"ק סארוואש

אויפ'ן באַן אַן אייניקל פון ר' שלמה ברוך בלויא האָט ער זיך אַסאַך אינטערעסירט אויף איר וואוילזיין, וואוסנדיג אז זי איז דא איינער אליין אן די משפחה.

שפעטער האָט דאָס מיידל, מרת חי' געשטעטנער ע"ה, זיך פאַראייניגט מיט די משפחה אין אַמעריקע נאָך דער מלחמה. יאָרן שפּעטער איז זי אַריין מיט אַ קוויטל צום רבי'ן, וואו מען האט דארט דערמאנט די נסיעה אויפ'ן באַן, און דער רבי האָט זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט וויאַזוי זי האָט זיך מסדר געווען נאָך דער מלחמה, און ער האָט אַרומגערעדט מיט אַ געוואַלדיגע הערצה פון איר פאָטער הרה"ג רבי משה זצ"ל.





הרה"ח ר' יושע גפן ז"ל (פאטער פון הרה"ח ר' משה גפן הי"ו מלמד תשב"ר בקרית יואל) לערנט מיט די תשב"ר אין שטעטל 'סארוואש' הארט בעפארן קריג. וועלכע האט זיך באזעצט צייטווייליג דארט אויפן רוף פון הגה"צ מסארוואש זצ"ל צו האבן אן ערליכער מלמד מומחה פאר די דארטיגע תלמידים.
דאס ערשטע קינד וואס 'זיצט' צו די רעכטע האנט פונעם מלמד (לינקס אויפן בילד) איז הגה"צ אבדק"ק ליעזש זצ"ל פאטער פון הגה"צ אבד"ק טאלטשווא קרית יואל שליט"א, און גאנץ לינקס פונעם מלמד (רעכטס אויפן בילד) דער קליין קינד וואס שטייט איז הגה"צ אבדק"ק שאפראן זצ"ל.

בילד בשעת די באפרייאונג מיטן אמעריקאנעם סאלדאט (הר"ר געציל שווארץ) רעכטס הגה"צ אבדק"ק גאב"ד ס'גע'ט זצ"ל, לינקס זיין פאטער הגה"צ אבדק"ק ווייצען זצ"ל

# שריפטן צום וואכנשריפט




טעלעפאָן (לאזן א מעסעדזש): 845-774-6234 #6
פעקס: 845-501-0246
פּאָסט: POB 113, Monroe ny 10949
אימעיל: Letters@kyweekly.com


## דזשארדזש וואשינגטאן בריק

צו די וואכנשריפט.

אויפ'ן וועג אהיים פון די חתונה בבית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א דעם מאנטאג נאכט האב איך באמערקט אז דער לאנגיעריגער פראבלעם וואס פלעגט פלאגן מאטאריסטן אויפן וועג צוריק פון די שטאט קיין קרית יואל איז געקומען צו אן ענדע.

עס איז ברייט באקאנט פאר יעדן דאס אז ביים אריינפארן צום לאויער לעוועל פונעם דזשארדזש וואשינגטאן בריק פלעגט נישט שטיין קיין ווארענונג אז דער ליניע איז צומאל פארשפארט, ספעציעל אינמיטן די נאכט, און מען פלעגט זיך טרעפן ביי אן אפגעשפארטע בריק, און זיין געצווינגען ארויסצופארן איבער די לאקאלע גאסן און טרעפן דעם וועג צוריק ארויף אויפן בריק, וואס איז גאר געדרייט מיט אסאך לייטס ביז מען האט זיך צוריקגעזען אויפן דרך המלך, וואס האט געקענט געדויערן א גוטע 15 מינוט.

אבער אצינד האב איך באמערקט אז דאס איז ב"ה געווארן געלעזט, מיט אן עלעקטראנישע טאוול וואס איז געווארן אינסטאלירט פארן אריינפארן צום בריק וואס צייגט אן אז דער אונטערשטער בריק איז אצינד פארשפארט און מען קען נאך נעמען דעם אפפער לעוועל.

דער ציבור זאל טאקע האלטן אן אויג אויף די טאוולען צו שפארן צייט און עגמת נפש. דא איז טאקע די פלאץ צו באדאנקען די געטרייע באאמטע פון די דארטיגע געגענט וועלכע האבן נישט געשוינט קיין געלט און פלאג צו אינסטאלירן די וויכטיגע טאוול און מען קוקט ארויס אז יעדער זאל עס נאכמאכן.

יישר כח

**יואל ב.**




*

## זאָרגן איז א סימן אז מען האָט נישט קיין פולקאָמע צוטרוי אין גאט

א גוטן לכבוד די מערכת.

איך וויל מיר באדאנקען פאר די הערליכע וועכענטליכע ארטיקלען און רעפארטאדזשן. ספעציעל וויל איך ארויסברענגען איבער דעם ארטיקלען און בריוון פון רבי נחמי' וועבערמאן שליט"א פארגאנגענע וואך, ווי ער שילדערט די עפיזאד מיט דעם אנדערען איד אין תפיסה וואס דער אויפזעער האט אים געזאגט אז ער דארף האבן אמונה אין גאט, און עס האט אים אויפגעשאקלט.

דער אמת איז אז עס האט אונז אלע לייגער אויך אויפגעשאקלט, מען הערט אסאך חיזוק און דרשות אבער מען מיינט אז עס איז א מדריגה, און דא זעעט מען א פשוטע גוי גיבט א זאג און דער פרעמדער פארשטייט אז ביי אונז דארף דאס זיין א פשטות. עס האט אונז שטארק מחייב געווען און אויפגעוועקט וויאזוי צו טראכטן איבער דעם ענין.

שכרכם הרבה מאוד

זאל דער חיזוק און התעוררות זיין לזכות פון רבי נחמי' צבי' בן דינה זאל שוין אויסגעלייזט ווערן בקרוב ממש, אמן.

**וו.ב. גוטמאן**

*

## ענין חמור

אל כבוד המערכת, ביטע מפרסם זיי די פאלגענדע שורות למען נחיצות הענין.

אינעם קובץ 'גינת ורדים' וואס איז ערשינען דעם חודש אדר א' איז ערשינען א מאמר אין אן ענין חמור מאוד. דער מאמר איז ממש פורץ גדרן של ראשונים אויף א פארנעם וואס איז נאכנישט געהערט געווארן צווישן היימישע אידן.

דער מאמר איז געשריבן על דרך פון די אלטע מסיתים ומדיחים, און נאך בחלקלקת הלשון אויף אן אופן וואס מען קען נישט כאפן אויבן אויף וואס דער כותב וויל דערמיט. דער מאמר דארף מען מבער זיין ככל דיני ספרי מינות.

אני הקטן האט בעז"ה געשריבן א תשובה וואס טוט אויפווייזן די זיופים וסילופים בדברי הקדמונים וואס דער דאזיגער מאמר טוט פאלש פארשטעלן כאילו די גאונים וקדושים זאלן דאס האבן געזאגט.

צו ערהאלטן די תשובה קען מען זיך פארבינדן צו מיר און לאזן א הודעה אויף 845.337.0951

**הק' יואל אבראהאם**
**פה קרית יואל**

*

## כ"ק מרן גאב"ד ירושלים זצוק"ל נאכן באזוך אין גרויסן ביהמ"ד

צו די רעדאקציע.

נאסטאלגישע זכרונות האט זיך אויפגעוועקט אין מיר זעענדיג דעם היסטארישן בילד ווען כ"ק מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל האט אראפגעשפרייזט די שטיגן פון גרויסן ביהמ"ד אויף גארפיעלד ראוד.

אלס א מיטלעבער פון די שטורעמישע תקופות פון דעמאלט ביז היינטיגן טאג, טו איך עס דא באצייכענען למען יעמדו למשמרת אז די פרישע קרוב 6,000 תושבי קרית יואל מיט וואס די שטאט האט זיך זינט דעמאלט פארברייטערט, זאלן באגרייפן וואספארא אפעקט דער געהויבענער באזוך האט דאן געהאט און אויך אויף שפעטער. (די שטאט איז דאן באשטאנען פון ארום 2,500 תושבים. און זינט דאן איז אונטערגעוואקסן א גאנצער דור וואס האבן דאס נישט בייגעוואוינט.)

פאר די וואס האבן דאס נישט מיטגעלעבט וועלן קיינמאל נישט פארשטיין וואספארא חיזוק דאס איז געווען פאר אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר אין צייט וואס די צרת עין קעגן סאטמאר ובפרט אין הייליגן שטאט קרית יואל איז אנגעגאנגען בריש גלי' מיט אן אפעציעלקייט, און אט יענע באזוך פון דעם שר וגדול בישראל, דער העכסטער אוטאריטאט פון יהדות החרדית בארץ ובגולה, האט אריינגעבלאזן א העדלנמוט

און געגעבן דעם גושפנקא דמלכא מהתם להכא פאר די ערליכע המשכה פון די סאטמארער קהלה די בכל אתר ואתר.

אבער דאס האט ליידער געקאסט א טייערן פרייז פארן רב זצוק"ל, ווען די אלע פיילן וואס איז געגאנגען ביז דאן קעגן ק"ק סאטמאר האט זינט דאן געטוישט ריכטונגען און איז געשאסן געווארן קעגן דעם שר וגדול בישראל, זינט יענע וועג אראפ פון די שטיגן האט מען יורד געווען לחייו הק'. פאר דעם צוועק האט מען אפגעוואנדן אלע זיינע פסקים. פארן חטא פון באזוכן אין גרויסן סאטמארן ביהמ"ד האבן די שונאים פון עדה החרדית שפעטער אויסגעגראבן א גאנצן ביה"ח אין שטאט בית שמש און געטרעטן בבוז ובגאוה אויפן פסק פונעם רב ובית דינו הצדק וועלכע האבן דאס גע'אסר'ט בכל החומר, און פאר דעם צוועק איז שפעטער געגרינדעט געווארן די פארדארבענע מאגאזין 'קהלא קדישא' וואס דער רב זצוק"ל האט זיך כמה פעמים אויסגעדרוקט גאר שארף דערקעגן און קעגן די מוציאים לאור אז דאס איז יורד לחייו און ווי א מעסער אין רוקן פון די עדה החרדית און איר ערליכע הנהגה. זינט יענע באזוך אין גרויסן סאטמארן ביהמ"ד האבן די שונאים מבפנים אנגעהויבן אראפרייסן דעם מהלך בדרך המלחמה פון פראטעסטן אויפן רוף פון בי"ד הגדול בירושלים און אראפרייסן די קנאים מיט שפעט נעמען בזלזול נורא מיט איין ציל צו רודפ'ן די ברכיים אשר לא כרעו לבעל.

דער איש קדוש, דער רב זצוק"ל, וואס כל כולו איז געווען נאר אמת, האט זיך מקריב געווען פארן אמת, טראץ וואס דאס האט אים געקאסט א פרייז, האט ער נישט געקוקט אויף גארנישט און געגאנגען בעוז ובגבורה אן קיין שום חשבונות. טראץ וואס עס איז געקומען סטראשונגען פון אזויפיל ריכטונגען וועלכע האבן פרובירט איינטיילן פארן רב זצוק"ל אין וועלכע ביהמ"ד ער האט יא אדער נישט 'רשות' אריינצוגיין האט אבער דער רב זצוק"ל מיט זיין לויטערע נפש און דורכגעדרינגענע מדת האמת נישט געקענט באגרייפן אזא סארט הנהגה, און האט נישט געהאלטן ביים זיך בייגן דערצו. דער רב האט בדרכי שלום און אהבת האמת זיך נישט געבראכן פאר די אלע פרואוונגען ממשיך צו זיין מיט דרכו הקדוש וואס איז צוגעגאנען בדרכי' דרכי נועם וכל נתבותי' שלום.

אט דעם הייליגן געשטאלט האבן מיר זוכה געווען צו האבן בתוכינו און אט זיין הייליגע גייסט שוועבט ביזן היינטיגן טאג אפצוהיטן דעם גחלת ישראל שלא תכווה אז די צרי עין קעגן סאטמאר זאלן נישט מצליח זיין אויסצופירן זוממם הרע צו צוברעכן דעם הייליגן כח פונעם בי"ד הגדול בירושלים עיה"ק. וכל כלי יוצר עליך לא תוצלח.

**ה. שלעזינגער**

**פה קרית יואל יצ"ו**

# ארגינעלער פאן וואס האט געפלאטערט מיט שטאלץ קעגן איבער ביהמ"ד הגדול נאך מסע הקודש פון כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע תשמ"ג

נאכן פובליצירן פארלאפענע וואך א בילד פון מלכות'דיגן טויער אויף גארפיעלד ראוד קארנער אוהעל קט., וואו די גאסן ארום דעם גרויסן ביהמ"ד איז באצירט געווארן צום גרויסארטיגן קבלת פנים פאר כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, האט זיך פארבינדן מיט די מערכת הרה"ח ר' חיים רפאל פערענץ שליט"א, מגי"ש בחבורת זכרו ומיקירי תושבי עירינו, און האט מיטגעטיילט פון יענע יארן די זכרונות ארום דעם קבלת פנים און די גרויסע הכנות דערצו.

דער טויער איז געבויעט געווארן מיט 'שיירי מצוה'... פון איבערבלייבענישן פון פילע בוי מאטריאל ווי העלצער, און נעגל איבערגעלאזט ביי די דעמאלט'דיגע נייע דירות פראיעקטן אין די דאן נייע שטאט קרית יואל וואס האט קוים אנגעהויבן אויפבליען מיט נייע הייזער.

אלע מאטריאל האט מען צוזאמגעשלעפט און מען האט זיך גענומען צו די מלאכה אנצוגרייטן א מלכות'דיגע אויפנאמע פאר כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע, נאך די היסטארישע טעג וואס יהדות החרדית האט מיטגעלעבט ווען עס איז דערהויבן געווארן דעם כבוד פונעם יהדות החרדית, ווען דער רבי האט צוריקגעשטעלט די עדה החרדית איר צו באפעסטיגן פון די קליקע וואס האט זיך פארמאסטן איר חרוב צו מאכן, און האט אויפגעהויבן דעם שטאלץ פון דעם ערליכן אידנטום בכל מקום אשר דבר המלך מגיע.

די תלמידי הישיבה מיט טאלאנטן, כל איש חכם לב אשר נתן ה' חכמה בלבו כל אשר נשאו לבו לקרבה אל המלאכה, האבן גענומען א חלק אהערצושטעלן דעם קעניגליכן אויפנאמע, וואס ווי ר' חיים רפאל שליט"א פארציילט איז דאס בלויז אנגעגאנגען אין די פרייע זמנים ווען מען איז אראפגעקומען פון די ישיבה זיך גערוקט ווייטער מיט ארבעט און תיכף צוריק צו די גמרות אז די ארבעט זאל נישט גורם זיין ביטול תורה.

די גאנצע טויער איז דאן געווארן אויפגעבויעט אין די בעיסמענט אין 'שכונת גאלדבערגער' אויף 3 גארפיעלד ראוד אין שטוב פון הרבני הנגיד ר' ישראל דוב גאלדבערגער שליט"א אונטערן אויפזיכט פון זיינע טאלאנטפולע זון הרה"ח ר' סענדר, און הרה"ח ר' אברהם יודא וועלכע זענען געווען שטארק טעטיג דאן צו שטיין מיט אלע נויטיגע געצייג און אויך געגעבן פון די אייגענע רעיונות אז עס זאל אויסקומען א דבר נאה ויאה כולו אומר כבוד וואס האט ביי יעדן ארויסגערופן התפעלות.

אינעם שמועס האט ר' חיים רפאל שליט"א מיטגעטיילט אז ער האט אוועקגעלייגט ביי זיך אין שטוב אין שכונת ברך משה דעם ארגינעלן פאן 'מלכות סאטמאר' וואס האט געפלאטערט מיט שטאלץ ביי יענעם גרויסארטיגן קבלת פנים. און האט דאס מיטגעטיילט מיט אונז אריינצושטעלן אין וואכנשריפט.

ותשואת חן חן לו!





# אומגלויבליכע פארשריט ביים נייעם ביהמ"ד דקיט"ל מעריוואלד
# אין בלומינג גראוו


ברייטע קארידאר צו די 5 לופטיגע גרויסע חדרי התפלה


ריזיגע קאווע שטיבל אויפן שטאק פון די חדרי תפלה


רייע לאקערס פאר טו"ת פאר די באי ומתפללי ביהמ"ד


ריזיגער הויפט לאבי ווערט גערייניגט צום שמחת וואכנאכט מאחד חשובי תושבי השכונה
וואס איז געפראוועט געווארן בשמחה ובטוב לבב אין די פרעכטיגע חדרי תפלה


גרויסע 'מאנטל צימער' ביים אריינגאנג צום ביהמ"ד החדש ביי די זייט פון די הצלה גאראדזש


הונדערטער בענקלעך און טישן צום מעמד אינעם היכל המפואר
און צום שמחת וואכנאכט אין די חדרי תפלה

# אומגלויבליכע פארשריט ביים נייעם ביהמ״ד דקיט״ל מעריוואלד
# אין בלומינג גראוו



ספעציעלע רייניגער טראק אריינגעברענגט צו האלטן ריין די
ארומיגע גאסן אין צייט וואס קאנסטרוקציע פיבערט



נייע ראוד אויף די רעכטע זייט פון בנין המפואר ווערט געפלאסטערט וואס וועט ברענגן
לייכטע צוטריט צום ריזן פארקינג שטח אונטערן ביהמ״ד רינגס און ארום דעם ביהמ״ד



מאסיווע קאנסטרוקציע לעגנאויס פיין הילל, מענגין, מעריוואלד גאסן ארום נייעם ביהמ״ד





טראקטאר ביים ענדיגן טוישן צו נייע פארבעסערטע אינפעסטרוקטור אויף די
ארומיגע גאסן צו דערהייבן ביהמ״ד וואסער און פרעשור פון אזא צענטער



מאסיווע קאנסטרוקציע לעגנאויס פיין הילל, מענגין, מעריוואלד גאסן ארום נייעם ביהמ״ד



גראב ארבעט אויף מעריוואלד גאס פארן געברויך פון נייעם צענטראלן ביהמ״ד אין די שכונה

# אומגלויבליכע פארשריט ביים נייעם ביהמ"ד דקיט"ל מעריוואלד אין בלומינג גראוו



ריזיגע לופטיגע הויפט אריינגאנג ווערט פרעכטיג באצירט



איינס פון די פרעכטיגע חדרי תפלה



איסנאם פראכטפולע מקוה ביי די לעצטע פאזעס





צענדליגער פאליצעס און איילס אין די רחבות'דיגע משמש שטיבל אויפן ערשטן שטאק נעבן די ריזיגע מקוה


Rockland's
PREMIER REHAB
THE HEART OF MONSEY
Maple Avenue
Main Street
See it for yourself or Take our guided tour.
Top notch therapists
State-of-the art rehab
Gourmet meals under the strict Skvere hechsher
Shabbos rooms available for families
היימישע management
NORTHERN METROPOLITAN
225 MAPLE AVENUE MONSEY NY 10952
845.352.9000 | www.northernmet.com

און עטן אויף דער פרשה במשנתו של רבינו:

הוצאת נחלת רבותינו סאטמאר

מערכת נחלת רבותינו

# ואהי להם למקדש מעט



געקליבענע עובדות און הנהגות פון מרן רביה"ק זי"ע איבער דעם ענין פון

## קדושת בית המדרש

אלה פקודי העדות משכן העדות, במדרש (שמו"ר נא, ב) והמלאכה היתה דים וגו' נכנס משה אצל בצלאל ראה שהותיר מן המשכן אמר לפני הקב"ה רבון העולמים עשינו את מלאכת המשכן והותרנו מה נעשה בנותר א"ל לך ועשה בהם משכן לעדות וגו' הוי אלה פקודי העדות משכן העדות, עכ"ד המדרש. וביפה תואר כתב וז"ל: לא הבינותי מהו המשכן הזה המיוחד לעדות שנתחדש לו עכשיו, כי לא מצינו בשום מקום רק המשכן הנזכר עד עכשיו חלק בחלק, ומ"כ שאפשר שעשה בית ועד לתלמוד תורה ומדרש הגדול, עכ"ל.

לכאורה למה הוצרכו אחרי הקמת המשכן לבית המדרש, והלא גם קודם לכן היה משה לומד עם בני ישראל כדאמרו (עירובין נד:) כיצד סדר משנה, משה למד מפי ה', נכנס אהרן ושנה לו פרקו וכו', נכנסו כל העם ושנה להם משה פרקן. ונראה דכל דבר שעשו הדורות הראשונים היה פועל דמיוני לדורות העתידים, ולכן כאשר צפה ה' שעתיד בית המקדש להחרב והקרבנות יהיו בטלים, ויהי' צורך בבתי כנסיות ובבתי מדרשות כי זה קיומם של ישראל, כדאיתא בזוה"ק (שמות קפח:): כשבאים לבית המדרש ולומדים שם הברכות והנחמות שהובטחו בתורה המה מתחזקים ומתנחמים, על כן היה מן הצורך לעשות פועל דמיוני לדורות העתידים, כאשר לא יהיה להם משכן שיבנו בתי מדרשות. ולכן לפי שנרמז מדכתיב 'משכן העדות' שבנה משה בית המדרש מן הנותר, לכן רמז כאן שעתיד המקדש להתמשכן, ומשום כך הקימו בית המדרש ללמוד תורה לעשות הכנה אל העתיד.

(דברי יואל פקודי עמ' תכ"ב)

### אלף נכנסים לבית המדרש:

## ווענדט זיך אין וועלכע ביהמ"ד מ'גייט אריין

עס דערציילט כ"ק אדמו"ר ממונקאטש שליט"א:

אלס בחור, לערנענדיג אין ביהמ"ד עליון אין מאנסי, איז מיר אויסגעקומען מיטצוהאלטן א באזוך פונעם רבי'ן אין דער שטאט מאנסי, וואו ער האט באזוכט אין שטוב פון הרבני הנגיד ר' לייבל ראפאפארט ע"ה.

לכבודו פונעם רבי'ן האט דער בעל אכסניא ר' לייבל גערופן עטליכע רבנים און חשוב'ע פערזענליכקייטן, צווישן זיי הגאון ר' ישראל חיים קאפלאן זצ"ל משגיח בישיבת ביהמ"ד עליון אין מאנסי.

עס האט זיך דארט אנטוויקלט אן ערהאבענער שמועס צווישן רבי'ן מיט די אנוועזנדע רבנים. בתוך הדברים האט הרב קאפלאן זיך אנגערופן צום רבי'ן: איך הער אז 'סאטמאר' האט לעצטנס געעפנט א "כולל" פאר יונגעלייט. און האט דערביי באטאנט אז א כולל איז זייער א וויכטיגע זאך כדי עס זאלן אויפוואקסן גדולי ישראל פאר די קומענדיגע דורות.

דער רבי האט דאס אבער אוועקגעמאכט, און געזאגט מיט א ווערטל: "איך מיין אז עס איז שוין דא צופיל גדולים, ס'וואלט בעסער געווען ווען עס וואלט געווען ווייניגער גדולים...".

הרב קאפלאן האט ווייטער גע'טענה'ט צום רבי'ן, אז אויב עס וועט נישט זיין קיין גדולים און תלמידי חכמים וועט דאך נישט זיין פון וועמען צו פרעגן א שאלה בהלכה. האט אים דער רבי געזאגט: "איר זארגט זיך עס זאל זיין 'וועמען' צו פרעגן, איך זארג זיך אז עס זאל זיין 'ווער' עס זאל פרעגן א שאלה".

דער רבי האט ווייטער געזאגט פאר הרב קאפלאן: "דער טאטע זכרונו לברכה האט אמאל געזאגט אויף דעם וואס חכמינו ז"ל זאגן (קהלת רבה פ"ז) 'אלף נכנסין לביהמ"ד ואחד יוצא להוראה', אז דאס איז אן 'הבטחה' פון חכמינו ז"ל, אז אויב מיר וועלן שיקן דעם 'אלף' אין ביהמ"ד, וועט דער אויבערשטער העלפן אז עס וועט זיין דער 'אחד יוצא להוראה'. מיר דארפן שטענדיג טון אונזער'ס און זען אז עס זאלן זיין ישיבות און בתי מדרשים צום לערנען, אזוי ווי עס איז געווען אין אלע דורות, און חכמינו ז"ל האבן געהאלטן ווארט, עס איז שטענדיג געווען דער 'אחד יוצא להוראה', און זיי וועלן בעז"ה ווייטער האלטן ווארט".

דאן האט דער רבי געזאגט מיט גרויס ביטערניש: "מען דארף וויסן וואס הייסט א 'בית המדרש', ווייל ליידער זענען היינט דא אסאך 'נכנסים' אין אזעלכע בתי מדרשים וואו עס איז פול מיט דעות כוזבות און לימודי חול, וואס אזא ביהמ"ד האט נישט קיין קדושת ביהמ"ד אז עס זאל האבן די סגולה פון חכמינו זכרונם לברכה אז 'אחד מהן יוצא להוראה'".

(באילנא דחיי ח"ה עמ' ט"ז)

## ענדערש נישט איינפירן די תקנה – אבי צו דאווענען אין א סאטמארער ביהמ"ד

עס האט דערציילט דער מאנטעווידעא'ער רב הגה"צ רבי אברהם לייטנער זצ"ל אז דער רבי האט אים אמאל ערקלערט פארוואס אין דער אלטער היים, אין די אלע שטעט וואו דער רבי האט משמש געווען ברבנות, האט ער נישט ערלויבט אריינצוקומען אין זיין ביהמ"ד אגאנץ יאר מיט א שייטל, ווידער אין אמעריקע האט דער רבי איינגעפירט די תקנה נישט אריינצוקומען מיט א שייטל אין זיין ביהמ"ד בלויז אין די הייליגע טעג.

האט דער רבי מסביר געווען, אז אינדערהיים איז שייך געווען צו מאכן די תקנה אויף אגאנץ יאר, ווייל אפילו די וועלכע האבן נישט געוואלט אננעמען די תקנה און זענען צוליב דעם אוועקגעגאנגען אין אנדערע בתי מדרשים, זענען נאכאלץ געבליבן אונטער דעם רבי'נס אויטאריטעט, וויבאלד דער רבי איז דאך געווען דער רב און מרא דאתרא אין שטאט, און אזוי ארום האט דער רבי נישט פארלוירן דערמיט זיין השפעה אויף זיי איבער אלע אנדערע אידישקייט ענינים.

ווידעראום אין אמעריקע, אויב וועט עמיצער צוליב דעם אוועקגיין פונעם רבי'נס ביהמ"ד און זיך קובע זיין ערגעץ אנדערש, וועט אויסקומען אז ער וועט אינגאנצן זיך אפרייסן פונעם רבי'נס השפעה, און עס וועט ארויסקומען דערפון א געוואלדיגן קלקול אין אנדערע אידישקייט-ענינים, דעריבער האט דער רבי נישט איינגעפירט די תקנה אויף אגאנץ יאר.

### בכל מקום אשר אזכיר את שמי:

## דאווענען אין א ביהמ"ד וואו דער ספה"ק "ויואל משה" האט פלאץ

עס דערציילט הרה"ח ר' צבי אלימלך ווערצבערגער הי"ו ראה"ק דק"ק ויואל משה מאנסי:

אין אנפאנג איז נאכנישט געווען אין מאנסי קיין חסיד'יש ביהמ"ד געאייגנט פאר בעלי-בתים, און דעריבער האבן מיר געדאוונט אין "ביהמ"ד עליון" אין מאנסי. צוביסלעך האבן אנגעהויבן צו קומען קיין מאנסי חסיד'ישע יונגעלייט, און מ'האט צוזאמגעשטעלט א חסיד'ישער ביהמ"ד פאר בעלי בתים. עס איז עס געווען א צוזאמענשטעל פון אלע סארט חסידים, פון אלע קרייזן, און מיט אלערליי מיינונגען.

איך האב צוגעהאלפן אויפצושטעלן דעם ביהמ"ד "חרדים". אבער ווי ביי יעדע זאך, בין איך געגאנגען פרעגן דעם רבי'ן צי איך זאל מיטהאלטן מיט'ן מנין, וויבאלד עס זענען געווען דארט פארשידנארטיגע חסידים פון אלע סארטן קרייזן, אויך אזעלכע וואס האבן נישט געהאט די זעלבע השקפה ווי מיר האבן געלערנט ביים רבי'ן.

דער רבי האט מיר געגעבן אזא עצה: "הער מיך אויס, שטעל דארט אריין אין ביהמ"ד מיין 'ויואל משה', אויב דער ויואל משה האט דארט פלאץ, האסטו דארט אויך פלאץ..."

כך הוה, אזוי האבן מיר טאקע געטון. מ'האט דארט אריינגעלייגט דעם ספר הק' "ויואל משה", און נאך וואס דער ספר איז געבליבן אין ביהמ"ד איבער שבת, האבן מיר אנגעהויבן צו דאווענען דארט.

אט דער ביהמ"ד, איז אייגנטליך געווען די התחלה ווי אזוי עס איז שפעטער צושטאנד געקומען דער סאטמארער ביהמ"ד אין מאנסי, וואס איז ב"ה היינט שיין מצליח, מיט א גרויסע בליענדע קהילה מיט מוסדות חינוך.

עס איז אינטערעסאנט צוצולייגן, אז צוליב דעם האט מרן הברך משה זי"ע קורא שם געווען אונזער קהילה אין מאנסי "קהל ויואל משה", און נישט ווי איבעראל ווי עס הייסט "קהל יטב לב", וויבאלד די השתלשלות פון אונזער קהילה אין מאנסי איז געבויעט אויף די דערמאנטע מעשה, ווען דער רבי האט מיר געראטן אריינצושטעלן זיין ספה"ק "ויואל משה" אין ביהמ"ד...

(באילנא דחיי ח"ד עמ' תקס"א)

## דאווענען אין א ביהמ"ד פון אן אנדערן רבי'ן

עס האט דערציילט הרה"ח ר' נתן דוד זילבערשטיין ז"ל:

אין דער געגנט וואו איך האב געוואוינט, איז געווען א בית המדרש וואס האט באלאנגט צו א געוויסן בנש"ק, וואו עס האבן געדאוונט עטליכע סאטמארער אידן, ואני בתוכם. מיט דער צייט האבן מיר, די סאטמארער מתפללים פון יענעם בית המדרש, באשלאסן אז עס איז שוין צייט צו גרינדן אין דער געגנט אן אייגן בית המדרש. מיר האבן שוין ערנסט זיך געגרייט אוועקצוגיין און דאווענען אין א בית המדרש פאר זיך.

די זאך איז געווען זייער נישט צום הארצן פאר'ן רב פונעם בית המדרש, וועלכער האט זיך געזארגט אז דאס בית המדרש וועט ווערן אויסגעשפילט און בלייבן אָן מנין, איז ער אריבערגעקומען צום רבי'ן און זיך אויסגערעדט איבער דעם וואס די סאטמארער חסידים ווילן אוועקגיין און זיך אריבערציען אין א צווייטן בית המדרש אין זיין שכנות.

דער רבי האט מיך אריבערגערופן, צוזאמען מיט נאך א פאר אידן וואס האבן געדאוונט אין יענעם בית המדרש, און גערעדט צו אונז איבער דעם ענין. דער רבי האט אונז געפרעגט, וואס עס ארט אונז דען צו בלייבן דאווענען דארט אינעם בית המדרש, און פארוואס מיר דארפן אוועקגיין פון דארט פון איין טאג אויפ'ן צווייטן. איך האב זיך געטרויט און געזאגט בדרך צחות: "מה-דאך, עס איז אונז שווער צו דאווענען אין א בית המדרש ביי א רבי'ן אין וועמען מיר זענען דבוק, איז דאך א כל-שכן אז מיר קענען נישט דאווענען אין א בית המדרש פון אן אנדערן רבי'ן"...

הערנדיג די ווערטער האט דער רבי זיך שטארק צעשמייכלט און אונז געזאגט: "די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (ברכות ח:) 'לעולם ידור אדם במקום רבו' - א מענטש זאל וואוינען נעבן זיין רבי'ן. פרעגט די גמרא אז אין א ברייתא שטייט דאך פארקערט, אז א מענטש זאל נישט וואוינען נעבן זיין רבי'ן. ענטפערט די גמרא: 'הא דכייף ליה, הא דלא כייף ליה'. דער פשוט'ער פשט איז, אז די גמרא מיינט צו ענטפערן, אז אויב דער מענטש איז אונטערגעווארפן זיין רבי'ן און איז מקבל פון אים תוכחה, דעמאלט זאל ער וואוינען נעבן זיין רבי'ן, אבער אויב נישט, איז בעסער אז ער זאל נישט וואוינען נעבן אים, ווי איידער צו הערן זיין תוכחה און נישט פאלגן [ווי רש"י איז מפרש, אז עס איז בעסער אז ער זאל זיין א שוגג און נישט קיין מזיד].

"אבער - האט דער רבי געזאגט - מ'קען אפשר אויסטייטשן די כוונה פון דער גמרא אויף א פארקערטן אופן: אויב דער מענטש איז אונטערגעווארפן זיין רבי'ן, זאל ער נישט וואוינען נעבן אים, ווייל דעמאלט איז ער אין געפאר נאכצוטון און פאלגן וואס זיין רבי וועט אים הייסן, אפילו עס איז שלא על-פי תורה, אבער אויב ער איז נישט אונטערגעווארפן זיין רבי'ן, דעמאלט וועט אים נישט שאטן אז ער וואוינט נעבן זיין רבי'ן, ווייל אויב זיין רבי וועט הייסן טון א זאך וואס איז נישט אויסגעהאלטן על-פי תורה, וועט ער אים אוודאי נישט פאלגן".

האט דער רבי אויסגעפירט בדרך צחות: "נו, אדרבה, אויב איז ער נישט אייער רבי, איז אוודאי נישטא וואס צו חושש זיין צו דאווענען ביי אים אין בית המדרש"...

למעשה, איז שפעטער ארגאניזירט געווארן א בית המדרש מיוחד פאר אנשי שלומינו אין יענער געגנט (אויף 656 "ווילאבי סטריט"), וועלכע איז פריער געווען באקאנט אלס דאס בית המדרש "תפארת ישראל" וואו עס האבן געדאוונט עלטערע אמעריקאנער אידן (בנשיאות הגאון הגדול רבי ישראל דושאוויץ זצ"ל, יו"ר אגודת הרבנים אין אמעריקע). עס זענען שוין דעמאלט געווען דארט ווייניג מתפללים, און זיי האבן זיך זייער געפריידט אז חסידישע אידן זענען זיך דארט קובע מקום און די שול וועט צוריק אויפלעבן. די אלטע מתפללים זענען געווען ערליכע אידן, און דער רבי האט אונז אנגעוויזן אז מ'זאל זיי שטארק מכבד זיין און נזהר זיין בכבודם, זאגנדיג אז זיי זענען ווארילע אידן.

(באילנא דחיי ח"ה עמ' תצ"ט)

## א סאטמארער ביהמ"ד און נישט קיין שטאטישער שול

עס האט דערציילט הרה"ח ר' חנני' יו"ט ליפא מערץ ז"ל:

ביים רבי'נס באזוך אין ארץ ישראל בשנת תשט"ו, איז דער רבי געקומען אויף שבת פרשת מטות-מסעי אין שטאט בני ברק.

די תפילות זענען פארגעקומען אין דעם דעמאלטיגן נייעם ביהמ"ד אויף דער רמב"ם גאס. דאס ביהמ"ד איז נאך דאן נישט געווען פולקאם פארטיג, און איך געדענק ווי ר' בן ציון יאקאבאוויטש ע"ה האט ארומגעפירט דעם רבי'ן אין דעם גאנצן בנין פונעם ביהמ"ד. דער רבי האט אים דאן געזאגט אז דאס ביהמ"ד איז דאך אביסל צו גרויס פאר'ן קליינעם ציבור וואס איז דעמאלט געווען, האט ר' בן ציון געענטפערט, אז כאטש די אלגעמיינע גאס האט טאקע פיינט סאטמאר, האבן זיי אבער ליב צו קומען דאווענען אין א סאטמארער ביהמ"ד. דערויף האט דער רבי רעאגירט: "דאס וויל איך טאקע נישט! איך דארף נישט, אז מיין ביהמ"ד זאל זיין א שטאטישע שול. איך וויל האבן א ביהמ"ד וואס זאל זיין בלויז פאר די אידן וואס ווילן האבן אן ערליכן ווינקל וואו עס קומען נישט אריין די השפעות פון דער גאס".

אויפ'ן רבי'נס פארשלאג, האט מען טאקע פארקלענערט דעם היכל פונעם ביהמ"ד. מ'האט אראפגענומען דעם חלק פון מערב-זייט, און דארט האט מען געמאכט עטליכע כיתות פאר דער תלמוד תורה.

(באילנא דחיי ח"ב עמ' שמ"ז)

## שטעלן א שומר נישט צו רעדן ביים דאווענען

עס האט דערציילט הרה"ח ר' משה ארי' גליק ז"ל גבאי דביהמ"ד הגדול דקהלתינו אין וויליאמסבורג:

אמאל האט זיך געמאכט אין ביהמ"ד וואס עס איז געווען א באנק מיט עטליכע שמועסערס וועלכע האבן גערעדט ביים דאווענען. געווענליך האט דער רבי זייער זעלטן מוסר געזאגט ברבים אין ביהמ"ד, אבער איינמאל שבת ביי דער הויכער שמונה עשרה, ווען דער רבי האט באמערקט ווי די אידן שמועסן, איז דער רבי זעלבסט צוגעגאנגען צו זיי נאכ'ן דאווענען און זיך אנגערופן: "איך מיין, מען מוז שטעלן א שומר וואס זאל אכטונג געבן אז מען זאל נישט שמועסן אינמיטן דאווענען!" און מיניה-וביה האט זיך דער רבי אנגערופן צו איינעם פון זיי: "איך וויל אז דו זאלסט זיין דער שומר". ער איז געווען דער הויפט-שמועסער, און דעריבער האט אים דער רבי מכבד געווען מיט דער אויפגאבע...

(באילנא דחיי ח"ב עמ' תרל"ה)




"עס איז אינטערעסאנט צוצולייגן, אז צוליב דעם האט מרן הברך משה זי"ע קורא שם געווען אונזער קהילה אין מאנסי "קהל ויואל משה", און נישט ווי איבעראל ווי עס הייסט "קהל יטב לב", וויבאלד די השתלשלות פון אונזער קהילה אין מאנסי איז געבויעט אויף די דערמאנטע מעשה, ווען דער רבי האט מיר געראטן אריינצושטעלן זיין ספה"ק "ויואל משה" אין ביהמ"ד"

ניש גיין ווייטער.

מיין מאמע ע"ה האט מיר אויך דערציילט אז ווען זי איז נאך געווען א מיידל איז דער רבי אמאל געקומען אויף א שבת אין שטאט "נאנאש" און זי איז געווען צווישן די מיידלעך וואס זענען געשטאנען אויפן וועג וועלנדיג מיטהאלטן די סצענע ווי אזוי דער רבי גייט אין ביהמ"ד. לויט ווי זי האט געשילדערט איז דאס געווען ביי די קינדער גאר א אינטערעסאנטע איבערלעבעניש צו זען ווי דער רבי גייט צום ביהמ"ד, וויבאלד דער רבי גייענדיג פון מקוה צום ביהמ"ד האט ער געשפאנט אזוי פלינק שנעל, דער רבי איז אזוי דורכגעלאפן די וועג אז עס האט אויסגעזען ווי א פייל פליט אדורך.

לעומת זה ביים ארויסגיין פון ביהמ"ד, איז דער רבי ארויסגעגאנגען פאמעליך, ווי אן עבד געזעגנט זיך פון זיין אדון.

איבערדעם האט דערציילט הרה"ח ר' משה ארי' גליק ז"ל:

עס איז מיר אמאל אויסגעקומען צו ווילן

# מכתב קודש פון רבין זי"ע איבער דעם נחיצות צו לערנען דוקא אין ביהמ"ד


JOEL TEITELBAUM
GRAND RABBI OF SATMAR

ב"ה

הנה היות שידוע שמעת שנתייסד התאחדות האברכים בעזהי"ת גדלו והצליחו וגם עשו פרי שהאברכים תלמידי ישיבתינו הקדושה יש להם מקום קבוע לתורה ולתפלה, וראיתי לעורר בזה גודל הנחיצות שכל אחד ואחד מהאברכים שיחיו שיבואו בתמידות בכותלי בית המדרש לעשות שיעורים ללמוד תמידין כסדרן, כי זה חיזוק גדול לתורה וליראת שמים כי בבית א"א ללמוד כראוי, בפרט שבבית המדרש של התאחדות האברכים ישנו שם הרה"ג מלאנדסבערג שליט"א שלומד שם שיעורים בכל יום והוא יודע ובקי מה שצריכים ללמוד בתורה וביראת שמים, ואשרי לתמימי דרך ההולכים בתורת ה' שבזכות זה יתברכו בדורות ישרים נאמנים לה' ולתורתו ונזכה לכוח"ט ושנה טובה ומבורכת.

כעתירת הבעה"ח יום ג' לס' למען ייטב לב והארכת ימים שנת תשל"א לפ"ק

הק' יואל טייטלבוים

מיט'ן רבי'ן אויף א שבת אין קליוולאנד.

יענעם שבת, אויפ'ן וועג אהיים פון דאווענען, האט זייער שטארק גערעגנט, און דער עולם איז אהיימגעלאפן כדי נישט נאס צו ווערן. שפעטער ביים טיש, האט מען איבערגעשמועסט די הלכה, צי אין אזא פאל מעג מען לויפן שבת, האט דער רבי געזאגט אז ווען מען לויפט ווייל מען וויל נישט דורכגענעצט ווערן פון רעגן, איז נישטא דערויף קיין איסור ווייל דאס לויפן איז דעמאלט א תענוג (עיי' או"ח סי' ש"א ס"ו). דאקעגן, איז אבער דאס ארויסלויפן פון בית המדרש אן איסור פאר זיך, און דערפאר זאל מען נישט לויפן אין די ערשטע ד' אמות ארויסגייענדיג פון בית המדרש, נאר מען זאל ארויסגיין געלאסן און דאן קען מען אנפאנגען צו לויפן.

(באילנא דחיי ח"ב עמ' תר"נ)







רבי האט געגרינדעט די ישיבה אין סאטמאר, איז דארט געווען איינגעפירט, אזוי ווי אין רוב ישיבות אין אונגארן, אז רוב בחורים האבן געלערנט ביי זיך אין די קווארטירן, און נישט אינעם ביהמ"ד.

אט-דער איינפיר איז געווען צוליב דעם וואס אין די פריערדיגע יארן האט די רעגירונג פארבאטן זיך צוזאמענקומען און לערנען אינאיינעם, און עס איז שוין דעריבער אזוי פארבליבן דער מנהג אין אסאך פלעצער, אז א גרויסער טייל פון די בחורים זענען געבליבן לערנען אין דער קווארטיר, אדער אין אנדערע קלענערע בתי מדרשים אין שטאט.

מטעם הישיבה, איז געווען געשטעלט אלס משגיח הרה"ח ר' אלימלך וואלף שטערן ע"ה, וועלכער פלעגט ארומגיין פון איין קווארטיר צו דער אנדערער, צו האלטן אן אויג אויף די בחורים און קאנטראלירן ווי אזוי זיי לערנען און פירן זיך אויף.

דער רבי איז אבער זייער נישט צופרידן געווען פון דעם דאזיגן שטייגער און האט זייער געוואלט אז די תלמידי הישיבה זאלן לערנען אלע צוזאמען אויף איין פלאץ, וואס דאס גיט אסאך צו פאר דער הנהגת הישיבה בכלל, און פאר דער התמדה פון די תלמידים בפרט. דער רבי האט געהאלטן אז לויט די דעמאלטיגע אומשטענדן איז שוין מער נישט קיין סכנה צו לערנען אין א גרויסן ביהמ"ד. דעריבער האט דער רבי געוואלט מחזיר זיין עטרה ליושנה אז אלע בחורים זאלן לערנען אינאיינעם בבי כנישתא חדא.

אין איינע פון די טעג, האט דער רבי צוזאמענגערופן אלע בחורים פון ישיבה און געהאלטן פאר זיי א דרשה אויסשמועסנדיג מיט זיי דעם ענין. דער רבי האט דעמאלט געזאגט א טרעפליכן משל, ווי פאלגנד:

משל למה הדבר דומה: א דארפישער איד איז אמאל אנגעקומען אין א געוויסער שטאט און האט נישט געקענט די דארטיגע מנהגי העיר. פרייטאג צו-נאכטס, דאווענענדיג אין ביהמ"ד, האט ער געזען אז ביי "בואי בשלום" שטייט דער עולם אויסגעדרייט צו מערב זייט, און ביי "כגוונא" שטייט מען אויסגעדרייט צו צפון זייט. האט ער געבעטן פון די דארטיגע אידן אן ערקלערונג אויף דעם אינטערעסאנטן מנהג, אבער קיינער האט אים נישט געוואוסט צו ענטפערן.

ביז ער האט אנגעטראפן אן עלטערן איד, וועלכער האט געדענקט פונוואנעט עס שטאמט דער מנהג. דער עלטערער איד האט אים ערקלערט אז דאס איז צוליב דעם וואס דער "כגוונא" טאוול איז אמאל געהאנגען אויף דער צפון וואנט, און דער עולם איז געשטאנען אויסגעדרייט אהין צו קענען קוקן און נאכזאגן וואס עס שטייט דארט... דער טאוול איז שוין לאנג נישט דארט געווען, אבער דער עולם האט זיך נאך אלץ אויסגעדרייט אהין...

האט דער רבי אויסגעפירט: "אין די פריערדיגע יארן זענען געווען שווערע גזירות, וואס צוליב דעם האט מען איינגעפירט אז די בחורים זאלן לערנען אין די קווארטירן, אבער 'גזירה עבידא דבטלא'. היינט צו-טאגס איז שוין מער נישטא אזא גזירה, איז פארוואס'זשע זאל מען נישט צוריקגיין לערנען אין ביהמ"ד?!"

דער רבי האט מאריך געווען אין דעם, וואספארא געוואלדיגער ענין עס איז צו לערנען אין ביהמ"ד מיט א כח הרבים. דער רבי האט צוגעגעבן: "א סימן וועט איר האבן אז דאס איז א 'דבר טוב', אז דער בעל-דבר וועט געוויס פרובירן דאס צו שטערן, ווייל ביי יעדן דבר טוב פרובירט דער בעל-דבר צו לייגן מכשולות".

זינט דעמאלט, האבן די בחורים טאקע אנגעהויבן צו לערנען אינעם רבי'נס ביהמ"ד, אנשטאט אין די קווארטירן. דאס האט אוודאי שטארק געהויבן די התמדה פון די בחורים. דאס קול תורה האט אפגעהילכט ווייט אוועק פונעם ביהמ"ד, און דער רבי, וועלכער האט געוואוינט אינעם זעלבן הויף, פלעגט פון צייט צו צייט ארייינבליקן אין ביהמ"ד מיטצוהאלטן ווי אזוי די בחורים לערנען. דער רבי האט שטארק הנאה געהאט און געקוואלן פון נחת צוזעענדיג די געוואלדיגע התמדה פון די בחורים, אויף אזוי ווייט אז דער רבי האט זיך דעמאלט אויסגעדריקט מיט צופרידנהייט: "עס איז דאך אזוי בא'טעמ'ט, איך וועל זיך אויך ארייינברענגען א בענקל אין ביהמ"ד". ווי אויך האט דער רבי דאן געזאגט בדרך צחות, אז ער דארף מער נישט פארהערן די בחורים, ווייל דאס גאנצע פארהערן איז דאך נאר כדי צו וויסן צי די בחורים לערנען במשך דער וואך, אבער יעצט אז ער זעט דאך אליין ווי אזוי זיי לערנען מיט אזא התמדה, איז דער פארהער שוין אן איבעריגע זאך.

עס זענען אריבערגעגאנגען א קנאפע צוויי וואכן נאכדעם וואס דאס ביהמ"ד האט געקאכט און געפיבערט מיט אן אש התורה פון די פריע פארטאגס שעה'ן ביז אין די שפעטע נאכט שעה'ן. איין פארטאגס, איז מיטאמאל אנגעקומען אהין די פאליציי און ארומגערינגלט דעם גאנצן בנין פונעם ביהמ"ד. עס איז אנטשטאנען א גרויסער פחד און מהומה צווישן די בחורים, וויבאלד צווישן זיי האבן זיך געפונען זייער אסאך אויסלענדישע בחורים וועלכע האבן נישט געהאט קיין שריפטן, אדער אזעלכע בחורים אזוי ווי מיר וואס האבן פארמאגט פאלשע און אומלעגאלע פאפירן. א טייל פון די בחורים האבן אנגעהויבן ארויסצוטאנצן פון די פענסטערס, און טייל האבן זיך אויסבאהאלטן אין די ספרים שענק, און דאס גלייכן.

די קולות פון די דערשראקענע בחורים האבן דערגרייכט ביז צום רבי'נס שטוב. דער רבי איז באלד ארויסגעקומען צו זען וואס עס גייט פאר. ווען ער האט געזען דעם מצב האט ער געזאגט מיט א ווערטל: "איך זע אז ס'זענען נאך דא כשר'ע בחורים אויך"... דער רבי האט געגעבן פארשידענע אנווייזונגען וואס מ'זאל טון, און אזוי זענען כמעט אלע אומלעגאלע בחורים ניצול געווארן, סיידן איינצלנע בחורים וואס די פאליציי האט יא באוויזן צו ארעסטירן, אבער מ'האט זיי באפרייט נאך א קורצער צייט פון אנווענדן שתדלנות.

אויף אזויפיל האט דער כאאס געווירקט, אז די בחורים האבן שוין מורא געהאט צו קומען לערנען אין ביהמ"ד, און א גרויסער טייל פון די בחורים זענען צוריקגעגאנגען לערנען אין די קווארטירן אזוי ווי פריער. ווי וואונדערליך איז דאס געווען אין אונזערע אויגן, ווען מיר, די תלמידי הישיבה, האבן בייגעוואוינט די געשעעניש וואס דער רבי האט שוין פאראויסגעזאגט, אז דער בעל-דבר וועט זיכער פרובירן דאס צו שטערן.

(באילנא דחיי ח"ג עמ' רמ"ז)





# שאלת חכם

אקטועלע און אינפארמאטיווע שמועסן, באגלייט מיט יסודות'דיגע פניני דעת ותבונה, און מיט א אידישן בליק

געענטפערט דורך
הרה"ג רבי **נחום אבראהאם** שליט"א
דומ"ץ במאנסי

## וואס איז די שמחה פון פורים?

### ווי אזוי דערקענט מען א חילוק צווישן שמחה און הוללות?

**שאלה:**

**וואס איז די ריכטיגע וועג צו פראוועָן דעם הייליגן פורים הבא עלינו לטובה? צי דארף מען זיין ערנסט, פרייליך אדער גאר שיכור, משוגע און צודרייט? די צולאזטע שיכרות מאכט דען פרייליך א נארמאלן מענטש?**

**ביטע געבן דעם ריכטיגן בליק אויף די הייליגע טעג וואס קומען.**

**א גרויסן יישר כח.**

**תשובה:**

פאר אלעם דארף מען מקדים זיין א יסודות'דיגע ענין וואס איז וויכטיג פאר יעדן צו פארשטיין: ווי אזוי באלאנסירט מען און מ'ארבייט אויס אז דער פרט מיטן כלל זאלן זיך פארטראגן און קאפערירן איינס מיטן צווייטן. פארוואס מ'מוז האבן די צוזאמשטעל פוןביידע, און וואס איז די אויפגאבע פון יעדע חלק באזונדער.

אין דעם סדר פון טאג טעגליכן לעבן ביי יעדן מענטש, שטעלט זיך אויס צוויי פארשידנארטיגע סארט הנהגות און יסודות: איינס הייסט דאס ציבור'ישע (סאוש"ל) לעבן - זאכן וואס האט צו טון מיטן כלל - געמיינדע, דאס צווייטע איז די פערזענליכע און פריוואטע יחיד'ישע לעבן יעדער פאר זיך אין זיין שטוב. און מ'דארף וויסן ווי אזוי צו האנדלען יעדע איינע פון זיי מיט די ריכטיגע כלים.

אין פריוואטן פערזענליכע לעבן זארגט ער זיך פאר זיינע געברויכן אין חינוך אין פרנסה א.א.וו. ער שטעלט ער אויס זיך מיט זיין שטוב לויט ווי ער האט מקבל געווען פון זיין טאטן און רבי'ן, און לויט זיינע השגות אין עבודת ה' און דיקדוקי מצוות. אויף דעם ארבייט ער און אויף דעם שטרעבט ער. אבער ווען ס'קומט צום ציבור דארף ער געדענקען אז דא שפילט נישט קיין ראלע זיינע פריוואטע פערזענליכע געברויכן. ער איז נישט א זאך פאר זיך. דא איז ער נאר א רינגעלע אין דעם גרויסן לאנגן קייט וואס רופט זיך ציבור. און די רינגעלעך מוזן קאפערירן איינס מיטן צווייטן כדי די קייט זאל בלייבן א קייט.

ווען ס'קומט צו הנהגת הציבור דארף דאס געפירט ווערן לויט די אלגעמיינע הנהגה וואס ס'איז אייביג געווען איינגעפירט ביי דעם ציבור, דער יחיד קען נישט אריינמישן זיינע פריוואטע נגיעות און אפילו נישט זיינע גוטע הייליגע השגות, וואס קען זיין זייער גוט פאר אים, אבער ס'שטימט נישט מיט'ן מהות און געברויך פון דעם סארט ציבור. צב"ש אז ער האט ליב צו דאווענען פסוקי דזמרה פערציג מינוט און נארמאל איז אויסגעשטעלט פון הודו ביז ברכו 12-13 מינוט (אינדערוואכן), קען ער נישט פארלאנגען אז מ'זאל זיך צו אים צושטעלן. אדער אז ווען ער איז אנגעקומען שפעט האט ער טענות פארוואס מ'שטעלט זיך אזוי פונקטליך, אבער ווען ער איז פונקטליך וויל ער מ'זאל אנהויבן און צייט און זיך נישט רעכענען מיט די שפעטיגערס. ער פארשטייט נישט אז מ'קען נישט פירן לויט זיין גוסטע ווייל ער האט אדאפטירט דעם כלל פון בשבילי נברא העולם. (מן הסתם איז דאס דער זעלבער וואס אין גראסערי שטופט ער זיך אריין אין די רייע פארנט אפילו ווען ס'איז דא מענטשן וואסווארטן שוין פאר אים, און ער איז אויך יענער ווילדער דרייווער וואס יעדער מוז זיך אוועקריקן פאר אים אויב זיי ווילן נישט כאפן א קראך אין זייער קאר, והוא באחד ומי ישיבנו, ומי יאמר לו מה תעשה, ער זאגט 'מיט מיר זאל זיך קיינער נישט אנהייבן'.)

השי"ת האט אזוי אויסגעשטעלט די וועלט אז איינס אן די אנדערע ארבייט נישט. צב"ש אויב מענטשן וואלטן געלעבט נאר פאר זיך און בכלל נישט געווען אינטערעסירט אינעם ציבור'ישע לעבן, וואלט געווען א בחינה פון שלי שלי ושלך שלי, אלעס איז נאר פאר מיר, איש את רעהו חיים בלעו, מ'וואלט נאר געקוקט אויף זיך און זיך בכלל נישט גערעכנט מיט א צווייטן, ס'וואלט געווען א כאאס אין די וועלט נאך ערגער ווי ביי די פארצוקענדע חיות, ווייל מ'וואלט נאך גענוצט דאס מענטשליכע שכל אויך דערצו.

רש"י (בראשית מו, כו) ברענגט פון מדרש אז ביי עשו רעכנט די תורה אויס נאר זעקס מענטשן און ער רופט זיי נפשות א לשון רבים, ווידעראום ביי יעקב רעכנט ער אויס זיבעציג מענטשן און ער רופט זיי נפש א לשון יחיד, ווייל ביי אידן ווען זיי נעמען זיך צוזאם האבן זיי אלע נאר איין כוונה: צו דינען דעם איינציגן באשעפער און ארויסברענגען כבוד שמים! אידן קאנצענטרירן זיך נישט אויף דעם חלק הגוף וואס מיט דעם איז יעדער אפגעטיילט פונעם צווייטן, נאר זיי זענען קאנצענטרירט אויף דעם חלק הנשמה וואס מיט דעם זענען מיר אלע פון איין זעלבע מקור נשמת ישראל וואס איז פון גאר א הויכע הייליגע פלאץ וואס ווערט גערופן כנסת ישראל אדער שכינה הקדושה, וואס מצד דעם זענען מיר ממש איינס, ווי רש"י זאגט אויפ'ן פסוק (דברים לג, יט) עמים הר יקראו 'כולם עובדים לאלקי אחד' וכו', משא"כ די גוים אפילו ווען זיי טוען גוטס זענען זיי א עלמא דפרודא, יעדער מיינט זיך, 'כל טיבו דעבדין לגרמייהו עבדין' אפילו ווען זיי טוען גוטס מיינען זיי נאר זיך, אזוי ווי דער דור הפלגה איינמאל זיי האבן נישט קאפערירט האבן זיי געמוזט צושיידט ווערן, מ'קען נישט אזוי ארבייטן צוזאמען. דער פסוק זאגט 'ואהבת לרעך כמוך אני ה'' - נאר ווען מ'מיינט דעם רבש"ע דעמאלט איז שייך דער ענין פון אהבת חברים, אבער ווען מ'מיינט זיך איז דאס אהבת עצמו נאר ער נוצט דערצו זיין חבר, ווי מרן רבינו הקדוש זי"ע האט געזאגט (דברי יואל קהלת, בהתייסדות התאחדות אברכים) אז ביי יעדע ארגאניזירונג, אויב איז דאס נישט אויף צו קענען דינען השי"ת ווי ס'דארף צו זיין, איז דאס ממש הבל הבלים ווי שלמה המלך זאגט 'הבל הבלים אמר קהלת'. רש"י (ברכה עה"פ ויהי בישורון מלך) זאגט אז ביי יעדע פארזאמלונג פון אידישע קינדער דארף מען מקבל זיין עול מלכות שמים, נאר דעמאלט רוהט דארט דער אור אין סוף פון דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה.

> **ווי איז נאך דא אזא מת מצוה ווי דאס דאווענען פורים...**

דאס זעלבע פארקערט: וואלט געווען נאר א ציבור'ישע לעבן און נישט די פריוואטע לעבן, וואלט קיינער נישט געהאט קיין שטרעבונג און א דראנג צו טון עפעס. אויב ער וואלט זיך נישט געשפירט ווי א יש, נאר אזוי ווי נאך א נומבער פונעם ציבור, ווער וואלט דען געוואלט עפעס טון? ווער וואלט געמאכט א גראסערי און זיך געפלאגט צו פארשאפן פאר מענטשן עסן און שטיין א גאנצן טאג אויספאקן באקסעס און פארקויפן פאר מענטשן, ווען ער פארדינט גארנישט דערפון? (נאר ווען ער טוט דאס שוין פאר זיך קען ער אויך אינזין האבן די טובת הציבור און טון געוויסע זאכן נאר פאר זיי.) אזוי ווי דער בין וואלט נישט אויסגענאגט די זיסע האניג פון די בלעטער נאר כדי מענטשן זאלן האבן האניג, נאר ער טוט דאס פאר זיך און ממילא האבן מענטשן הנאה.

און די גאנצע בריאה האט השי"ת אזוי אויסגעשטעלט אז יעדער דארף אנקומען צום אנדערן. א מענטש קען זיך נישט באגיין אליין. דער שוסטער דארף אנקומען צום שניידער, און דאס זעלבע פארקערט. א מענטש זאל אויסרעכענען וויפיל זאכן ער נוצט יעדן טאג וואס יעדע זאך האט פארשידענע חלקים וואס יעדע חלק קומט פון א אנדערע קאמפאני, און וויפיל הענט ס'גייט אדורך ביז ס'קומט אן צו אים, און צו וויפיל קאמפאניס דארף מען אנקומען נאר צו מאכן א קאר מיט אלע חלקים ביז צו קענען נוצן, צו

וויפיל קאמפאניס דארף מען צוקומען נאר צו אהערשטעלן זיין עסן, קליידונג, און אנדערע אלע צרכי הגוף. צו וויפיל קאמפאניס דארף מען אנקומען נאר צו צושטעלן אלע סארט מאכלים וואס ער געניסט דערפון נאר אין איין וואך, אנגעהויבן פון די מאכלים זעלבסט, ביז צו די כלים מיט וואס מ'מאכט זיי, ביז צו די טעלער, לעפל, גאפל, טיש, טישטוך, און בענקל אויף וואס ער עסט.

אזוי ווי א גרויסע מאשין וואס איז צוזאמגעשטעלט פון טויזנטער חלקים קענען נישט די קליינע חלקים פארלאנגען אז מ'זאל זיך רעכענען נאר מיט זיי, אפילו ווען ס'איז נישט די טובה פאר די גאנצע מאשין, אבער אין די זעלבע צייט מוז מען זיך אויך רעכענען מיט יעדע פריוואטע סקרול פון די מאשין ס'זאל זיין גוט געמאכט ווייל אז נישט איז די גאנצע מאשין א פראבלעם. און אזוי ווי ווען איינע פון דעם מענטשנ'ס חושים ארבייטן נישט גוט ווערט דער גאנצער מענטש אפעקטירט, אבער ווען ס'איז א סכנה פאר די גאנצע גוף וועט מען מוותר זיין אויף איינע פון די חושים, ווען מ'דארף אפערירן ח"ו אראפצונעמען א פינגער כדי צו ראטעווען דאס לעבן פונעם מענטש קען מען זיך נישט רעכענען מיט דעם פינגער, דאס זעלבע איז ביי דער יחיד און דער ציבור: מ'רעכנט זיך טאקע מיט יעדן מתפלל, אבער אויב איז ער מזלזל אין קדושת ביהמ"ד, ער איז מחלל כבוד השכינה מיט שמועסן ביים דאווענען אדער ליינען, אדער ביי אים איז דאס ביהמ"ד א בעיביסיטינג פלאץ מיט ברענגען קליינע קינדער וואס שטערן, קען נישט דאס גאנצע ביהמ"ד ליידן וועגן אים, זאל ער זיך געזונטערהייט גיין. ס'איז דא גענוג בתי מדרשים. אדער זאל ער דאווענען אינדערויסן און צוהערן קדושה מיט קדיש. הגם לכבוש המלך עמו בבית? דער פסוק שרייט 'אם ה' לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו' - מ'קען בויען א פענסי בית המדרש פאר מיליאנען, אויב פארטרייבט מען די שכינה פון דארט האט מען זיך אומזיסט געפלאגט דערויף.

געוועגליך ענטפערט די הנהלת ביהמ"ד אז מ'האט שוין פרובירט און מ'קען זיך מיט אים נישט קיין עצה געבן. די שאלה איז נאר וואס וואלט געווען ווען ער וואלט צובראכן די פענסטער פון בית המדרש אד"ג, דעמאלט וואלט מען שוין גאנץ גוט געטראפן א וועג זיך א עצה צו געבן מיט אים... נאר וואס דען דאס איז ליידער ביי זיי נישט אזוי וויכטיג, ס'אהרט זיי נישט אזוי שטארק, דעמאלט פארוואס זענען זיי פון די הנהלת ביהמ"ד?

די שאלה איז נאר פארוואס טאקע האט השי"ת אזוי באשאפן די וועלט אז מ'זאל דארפן אנקומען איינער צום אנדערן, און זיך נישט קענען באגיין אליינס? מ'מוז זיך צוזאמשטעלן א ציבור, מ'מוז חתונה האבן און אויפשטעלן א שטוב צוזאם מיט די בני בית, פארוואס איז דאס אזוי? די חיות און בהמות דארפן נישט אזוי שטארק אנקומען צו אנדערע, זיי באגייען זיך על פי רוב אליינס, כל שכן אז זיי האבן נישט קיין ציבור'ישע פלעצער ווי זיי קומען זיך צוזאם דריי מאל א טאג?

די סיבה דערצו איז ווייל א מענטש איז באשאפן געווארן בצלם אלקים, און זיין תכלית איז צו מקיים זיין ולדבקה בו הדבק במדותיו. פונקט ווי השי"ת דארף נישט די וועלט, 'אתה הוא עד שלא נברא העולם אתה הוא משנברא העולם' - השי"ת איז דער זעלבער פארדעם און נאכדעם, נאר 'מדרך הטוב להיטיב' - דאס גוטס וויל גוטס טון, האט ער באשאפן א וועלט להיטיב לבריותיו - צו טון גוטס. עולם חסד יבנה. אזוי אויך דער מענטש איז באשאפן געווארן צו טון חסד און צוהעלפן צום ישוב העולם אויך פאר אנדערע, הן ברוחניות והן בגשמיות, מזכה זיין דעם רבים, מרבה זיין כבוד שמים. פארדעם שטעלן זיך צוזאם קהלות, מ'מאכט בתי מדרשות, מ'דאווענט און מ'לערנט צוזאמען, מ'לערנט זיך אויס ווי אזוי דורכצוקומען מיט אנדערע כאטש די שינויים אין נאטור צווישן איינעם און צווייטן, און מ'דולט יענעמ'ס טבעיות אפילו ס'איז נישט פאר מיין גוסטע, ווייל איך טו דאס נישט פאר מיר.




# זמני לשכת בית הוראה

24 שעה הוראה ליין:

**845.783.0546**

לשכת בית הוראה:

6 גארפיעלד רד. #013

משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג **רבי יעקב יודא ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

חדש
משעה 9:00 עד 9:45 לפנצ"ה
הרה"ג **רבי מרדכי דוד יוראוויטש** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

חדש
משעה 9:45 עד 10:30 לפנצ"ה
הרה"ג **רבי משה זאב שווארץ** שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל

משעה 10:30 עד 12:15 אחצ"ה
הרה"ג **רבי בערל ראזענבערגער** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה
הרה"ג **רבי שלמה יונגער** שליט"א
דומ"ץ טאהש

משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה
הרה"ג **רבי מנחם מענדל ווייס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה
הרה"ג **רבי מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב

משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה
הרה"ג **רבי יואל ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה
הרה"ג **רבי בערל ראזענבערגער** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 7:00 עד 7:30 בערב
הרה"ג **רבי יצחק בריזל** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 7:30 עד 9:00 בערב
הרה"ג **רבי שמואל יעקב מייזעלס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

משעה 9:00 עד 10:10 בערב
הרה"ג **רבי שבתי קאהן** שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג **רבי יעקב יודא ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום


צוליב דעם האט השי"ת אויסגעשטעלט די וועלט אויף אזא סדר אז דאס מענטשליכע מין זאל זיין צוטיילט אויף איינצעלנע פארשידנארטיגע מענטשן מיט אנדערע סארט נאטורן און אנדערע רצונות, יעדער זאל זיך שפירן א מציאות פאר זיך וואס כאטש ער מוז זיך נישט צושטעלן צו זיין א חלק פונעם כלל, דאך טוט ער דאס ווייל ער שפירט א חיוב צו זיין א חלק פון א ציבור און שעפן דורך דעם א כח הקדושה פון א רבים פון כל בי עשרה שכינתא שריא, פון דעם ברוב עם הדרת מלך, ס'זאל זיין ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם - יעדער זאל קענען אהיימנעמען צו זיך אהיים פריוואט דעם כח הקדושה, און פון די צווייטע זייט זאל יעדער יחיד זיך אוועקגעבן און מנדב זיין די כוחות הפרטיים פארן ציבור צו מאכן זיכער אז דאס דאווענען איז טאקע ווי דער רצון הקב"ה דער נותן התורה, ווי אזוי ער וויל ס'זאלן זיך צוזאמשטעלן די פרט מיט'ן כלל.

אין די כללים פון י"ג מדות שהתורה נדרשת בהם איז דא א פרט וכלל, וואס דעמאלט איז 'אין בפרט אלא מה שבכלל' - א מענטש (דער פרט) ווערט נתחזק פון דעם כח הכלל. נאכדעם איז דא א כלל ופרט, 'אין בכלל אלא מה שבפרט' - דער כלל מוז אנקומען צו די כוחות הפרטיים וואס יעדע רינגעלע גיבט צו צו דעם לאנגן קייט. און ווען מ'שאקלט די קייט שאקלען זיך אלע רינגעלעך, יעדער איז א חשוב'ע חלק פון דעם קייט, אן אים איז דער קייט נישט די זעלבע, אבער מ'דארף געדענקען אז 'כלל ופרט וכלל אי אתה דן אלא כעין הפרט' - דער כח הפרט ווענדט זיך זייער שטארק אין די פרטיים ווי שטארק זיי ווילן באמת ס'זאל זיין א כבוד שמים און דאס דאווענען זאל זיין ווי ס'דארף צו זיין, און אז יעדער זאל קומען אין ביהמ"ד מיט חשק און מיט געפיל און נישט שפירן ווי די אריכות התפלה איז אן עול און א משא, אדרבה ס'זאל זיין א דערקוויקעניש און יעדער זאל נושא בעול זיין און מוותר זיין פון זיך פארן כבוד שמים, נישט שמועסן אדער ברענגען אין שול קליינע קינדער וואס מאכן א גרודער, די פוסקים זענען שטארק מחמיר דערין. ווער איז דען גרייט צו נעמען אויף זיך אזא גרויסע אחריות?! דאס איז א שרעקליכע זילזול אין כבוד התפלה, אין כבוד בית המדרש, (דער ספר שתי ידות מהר"ם די לינזאנו זאגט אז ס'איז זייער נישט מסוגל פאר דעם קינד וואס דורך אים איז געשטערט געווארן כבוד ה' עיי"ש).

> **יעדער מענטש איז באשאפן געווארן מיט געפילן און ער מוז ערגעץ אויסגעבן זיינע עמאציאנאלע געפילן. אויב נישט ביי מצוות תורה ועבודה וועט דאס אויסגיין אויף נישט גוטע פלעצער!**

פונקט ווי יעדער פארשטייט אז ווען מ'גייט צו די ארבייט אין אפיס ברענגט מען נישט מיט א קינדער גארטן, אויך ווען ער גייט צו א קארט אדער לויער אד"ג קען ער דאס נישט טון אפילו אויב די בני בית דארף זיך אפרוען, דארף מען האבן כאטש דעם זעלבן געפיל לגבי כבוד התפלה. אויך זאל מען געדענקען אז מיט דעם איז מען מצער אנדערע אידן וואס ווילן דאווענען רואיג און געשמאק און נישט געשטערט ווערן, איז ער א מזיק את הרבים ומונע אותם מדבר מצוה וואס דאס איינע פון די זאכן וואס איז מעכב את התשובה (ווי דער רמב"ם רעכנט אויס אין הל' תשובה). א בית המדרש איז נישט קיין בעיביסיטינג!

דער וואס פארשטייט דאס נישט איז אן אומאחריות'דיגער קאלטער און פארגרעבטער מענטש. יעדער איז מחוייב מעורר צו זיין דערויף, און איינער וואס איז נישט ממונה דערויף קען נאך בעסער מעורר זיין וויבאלד ס'קומט נישט עמטליך, און מ'זאל זיך נישט דערשרעקן אויב יענער ענטפערט חוצפה'דיג...

צוריק צו די צוויי יסודות אין הנהגת העולם: כלל ופרט, מ'זאל נישט אויסמישן די צוויי זאכן, איינער וואס טוט פארן ציבור דארף געדענקען אז ער האט אויך בני בית און קינדער אין שטוב וואס דארפן א מאן און א טאטע. זיי אינטערעסירט נישט דאס וואס דו ביסט א רב, אדער א מגיד שיעור, ראש הקהל, אדער עסקן אד"ג, דאס טוט נישט ערזעצן דיין אויפגאבע אלס פריוואטער מענטש.

דאס זעלבע פארקערט: איינער וואס טוט פארן ציבור דארף בשעת מעשה מיינען נאר די טובה פונעם ציבור און נישט אריינמישן זיינע פריוואטע אינטערעסן אין דעם. דאס מיינט צב"ש אויב מ'דארף שטעלן א מגיד שיעור אין זיין ישיבה און ער האט אן אויסוואל פון צוויי מגידי שיעור, איינער זייער א טויגליכער אבער ס'איז נישט זיין זון אדער איידעם, וועט ער ענדערש אים אויסקלויבן, און ער וועט נאר נעמען זיינס א נאענטער אויב ער טויג באמת צו די פאך און ער האט נישט בעסערס.

דאס זעלבע ווען דער ממונה אויפן ציבור האט פריוואטע פראבלעמען אין שטוב אדער אין פרנסה, אויב וועט דאס איבערנעמען זיין ציבור'ישע לעבן, ער וועט פארלירן זיין מוט און אמביציע, איז ער מער נישט ראוי צו זיין א מנהיג. די גרויסקייט פון די מנהיגים איז אז נישט קיין חילוק וואס ער מאכט מיט אין פריוואטן לעבן האט דאס נישט קיין אפעקט אויף די כח ההנהגה זיינע. דער כח פון מנהיג איז אז ער האט נישט קיין פראבלעם מודה צו זיין אז ער האט געמאכט א טעות, ווייל ער מישט נישט אריין זיין אייגענע כבוד און פרעסטידזש אין זיין הנהגה. ער איז נישט דא צו באקומען כבוד, ער איז דא כדי צו געבן פארן ציבור. א גבאי פון א בית המדרש אדער אפילו א רב און א רבי וואס ווערט ברוגז ווען איינער פארשעמט אים און ער פארשעמט צוריק איז נישט קיין מנהיג. ער האט אריינגעמישט זיין אייגענע נגיעות. און ער האט אויך א טעות, ווייל ער ווערט אסאך מער געזעצט ווען יעדער זעט אז ער איז א בעל מדות און ער קוקט נישט אויף זיין כבוד, ער פאדערט נישט אז דער ציבור זאל אים אנערקענען אלס געהויבענער מענטש. פארשטייט זיך אז ער מוז האלטן דעם כח המנהיגות און נישט לאזן ס'זאל זיין א הפקר וועלט אז יעדע זאל קענען באלעבאטעווען אויפן עולם, אבער אלעס נאר אזוי לאנג וואס ער מישט נישט אריין זיינע פריוואטע געפילן און מדות, נאר ס'איז כולו לשם שמים לטובת הציבור בלבד.

ביי די מעשה העגל ווען משה רבינו האט געזאגט 'מחני נא מספרך' זאגט דער מדרש: פון עוה"ז און עוה"ב. דאן האט


אין די ראַמען פון דעם קאָלום ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאַר די "וואָכנשריפט" ליינער צו אַריינשיקן אַלע סאָרט שאלות און פראַגעס בעניני השקפה, וואָס ווערט אַדרעסירט לויט'ן סדר, און געענטפערט בטוב טעם ודעת דורך דער חשוב'ער דיין שליט"א

**מען קען אַריינשיקן סיי וועלכע אָנפראַגע אָדער שאלה דורך דעם טעלעפאָן נומער 845.774.6234 עקס. 6**
**אָדער אויף אימעיל Questions@kyweekly.com**

השי"ת מבטל געווען די גזירה און נאכגעגעבן פאר משה רבינו אלעס! די גזירה איז בטל געווארן! ווייל אז מ'האט אזא מנהיג וואס גיבט זיך אינגאנצן אוועק און איז מפקיר אלעס צוליב די אידן, האבן זיי א תיקון אפילו אויפן ערגסטן פאל, זיי זענען נישט פארפאלן, (איתפשטותא דמשה בכל דרא, יעדער מנהיג און יעדער טאטע אין שטוב, דארף זיך דערין אנכאפן).

שטייט אין דברי יחזקאל (האזינו עה"פ קל אמונה) בשם דעם הייליגן רוזינער: מ'זאגט שבת ביי נשמת 'בפי ישרים תתרומם ובשפתי צדיקים תתברך ובלשון חסידים תתקדש ובקרב קדושים תתהלל', נאכדעם וואס מ'האט אויסגערעכנט די אלע מדריגות פון ערליכע אידן איינס העכער די אנדערע מיט פארשידענע לשונות ווי אזוי זיי לויבן השי"ת, פירט מען אויס 'ובמקהלות רבבות עמך בית ישראל יתפאר שמך מלכנו', דאס מיינט אפילו די פשוט'ע המון עם וואס האבן א גאר פשוט'ע השגה אין תפלה, און זיי זענען נאכנישט אויף קיין איין מדריגה פון די אלע לשונות וואס מ'האט אויסגערעכנט, אבער מיט איין זאך זענען זיי אלע איינסיג, דאס אז זיי קומען אין שול מיטן זעלבן ציל אז ס'זאל ארויסקומען דעם 'יתפאר שמך מלכנו' - א כבוד שמים, א שבח והודאה פארן הייליגן בורא כל עולמים וואס האט אונז אויסגעוועלט און געגעבן די זכיה אז מיר זענען מער ווי די מלאכים (מיט דריי זאכן: מיר לויבן יעדן טאג, מיר זאגן דעם שם נאך צוויי ווערטער, די מלאכים קענען נישט אנהייבן שירה פאר אידן, חולין צא:) מיר קומען נישט אין בית המדרש זיך צו טרעפן מיט חברים, און נישט אויף צו שמועסן וויכטיגע זאכן, און נישט פאר קיין שום אנדערע צוועק, נאר פאר די איינציגע זאך. דאס דארף מען געדענקען אין האלטן שטענדיג אין די מחשבה, מ'זאל דאס נישט פארגעסן.

א ממונה אין א בית המדרש (א גבאי א רב אד"ג) דארף וויסן אז ווען איינער איז אויפגערעגט און גיסט אויס זיין כעס איז דאס נישט באמת צוליב די זאך וואס ער שיסט, ער האט עפעס אנדערש וואס ליגט אין האלז, וואס ער קען נישט אויסגיסן אינדערהיים ווייל דארט איז ער שמאטע, די בני בית האט אים אונטערן טיש אדער אויפן בוידעם, אויך ביי די ארבעט האט ער מורא צו רעדן א ווארט ווייל מ'האט אים שוין איינמאל געוויזן די טיר, גיסט ער דאס אויס אין בית המדרש ווי ער שפירט זיך אביסל פריי, ווייל דארט באציט מען זיך צו אים איידל און מ'איז געצוואונגען צו ליידן פון אים. אבער דער ממונה דארף נישט נתפעל ווערן. ער קען אים זאגן: ביסט גערעכט, אבער דא אין דעם בית המדרש איז דא א תקנה לטובת הציבור און מ'קען פון דעם נישט אוועקגיין, די הנהלת הקהלה שטייט זייער פעסט אויף דעם, אפשר אין א אנדערע בית המדרש וועסטו זיך געפונען בעסער, ס'איז דא גענוג בתי מדרשים.

רש"י זאגט (כתובות ח.) אז מ'מאכט א ברכה שהכל ברא לכבודו ביי א שבע ברכות וויבאלד מ'קומט צו טון חסד מיט דערפרייען דעם חתן, איז דאס דער כבוד פון באשעפער וואס האט אויך עוסק געווען מיט חסד ביים באשאפן די וועלט. אויב אזוי איז דאך זיכער אז ווען מ'איז עוסק אין חסד מיט'ן העלפן אהערשטעלן א בית המדרש באופן אז ס'זאל זיין לטובת הציבור מ'זאל קענען געהעריג אויסגיסן דאס הארץ פאר השי"ת און פועל'ן אלעס גוטס, איז נישט פארהאן א גרעסערע כבוד ה' ווי דאס. אויף דעם זאגט דער פסוק תהלתו בקהל חסידים - ווען אידן וואס זוכן שלימות ביים דאווענען, זיי נעמען זיך צוזאם צו דאווענען ווי ס'דארף צו זיין, איז דאס א לויב פאר השי"ת. ח"ו דאס פארקערטע אויב מ'מאכט פון דעם דאווענען אייער שפייז, איז דאס ווייט פון א כבוד. ס'איז ענדערש א בזיון. צוליב דעם איז א חיוב אויף ערליכע אידן אז זיי זאלן כאפן דעם ברעטל כדי נישט צו צולאזן די יעגערס. יעדע בית המדרש דארף מאכן תקנות וויפיל ס'דארף געדויערן צום וויינינגסטנס באופן מ'זאל קענען זאגן מלה במלה נישט געיאגט.

> **א איד איז קיינמאל נישט פארלוירן! ס'איז אייביג דא א וועג אויף צוריק! אויב קענסטו בשעת טרינקען דאס גוט איינהזר'ן און נישט ווערן צולאזט, דאן מעגסטו טרינקען!**

נאך א טעם פארוואס ס'איז מוז זייןביידע הנהגות סיי דער פרט יעדער פאר זיך און סיי דער כלל דאס ציבור'ישע לעבן, ווייל די מעלה פון דעם כלל איז נאר ווען מ'איז צווישן א ציבור וואס גייען אויף דעם אויסגעטראטענעם וועג פון די תורה, אבער אויב איז דאס א ציבור וואס איז נישט אויסגעהאלטן, דארף יעדער יחיד זיך האלטן פרטיות'דיג. און מיט דעם זאל ער נישט נמשך ווערן נאכן כלל. און דאס זעלבע איז פארקערט אויב דער יחיד וואס איז דער ממונה אויפן כלל טויג נישט, דארף דער כלל זיך האלטן ערליך און נישט נמשך ווערן נאך דעם פרט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות דער כח הציבור און כח התפלה וואס איז במקום קרבנות זאלן מיר זוכה זיין צו קיבול תפלות ברצון אכי"ר.





#55

# די תפיסה וועט פארזיילן...

# "ס'איז ביי מיר א שבע ברכות וואָך"...

רירנדע שילדערונגען און בריוו פון האי איש חסיד הנכבד, ידיד כל בית ישראל, הרה"ח רבי נחמי' צבי בן דינה וועבערמאַן שליט"א

## אין לך דבר העומד בפני רצון

מיר קענען לערנען פון פרשת ויקהל אַסאך געוואַלדיגע לימודים; דער ערשטער לימוד איז "טו עס למעשה"!

אַ לאַנגע צייט צוריק פלעג איך אַרבעטן אין מאַנהעטן, צו פאַרקויפן אַ געוויסע קאָמפּיוטער פּראָגראַם פאר פאַרמאַסיסטן. איין טאָג האָב איך געדאַרפט דאַווענען מנחה, כ'האָב געזוכט אַ מנין מנחה, און כ'האָב געזען אַ יונגער ראַביי מיט אַ רעקל און נעקטיי, זוכט אַ מנין אין אַ קאָנגרעגעישן וואָס ער האָט נאָרוואָס געעפנט אויף 6 ביי 66'סטע עוועניו אין מאַנהעטן.

מיר האָבן געדאַוונט דאָרט און צוביסלעך בין איך געוואָרן אַ קביעות'דיגער מתפלל. כמעט יעדן טאָג פון די וואָכנטעג בין איך דאָרט געוועזן. ס'איז געווען מתפללים פון אַלע סאָרט, חסידים, ליטווישע און ספרדים. פונעם טאָג וואָס ער האָט געעפנט זיין שול איז ער געווען גאַנץ סוקסעספול. ער האָט אַנטוויקלט אַ טעגליכער מנין מיט מתפללים און זיין נאָמען איז אַריין צווישן די רבנים אין מאַנהעטן.

איך פלעג זיך אָפט וואונדערן צו זיך אליינס, וואו ליגט די שליסל צו זיין סוקסעס און פּאָפּולאַריטעט?! ווען איך פלעג זיך טרעפן מיט אים האָב איך ממש נישט געקענט באַמערקן עפּעס ספּעציעל וואָס איז אַזוי מערקווערדיג וועגן אים.

איין טאָג זע איך ווי ס'הענגט אין די 'בולעטין באָורד', אַן אויסשניט פון אַ נייעס באַריכט מיט אַ פיקטשער פון דעם יונגען ראַביי, וואו ער זיצט און שמועסט מיט פּרעזידענט ראָנאַלד רעיגן אין דער אָוועל אָפיס, מיט אַ גאַנצע באַשרייבונג וויאַזוי ער האָט מיטגעטיילט דעם 'חנוכה' מעסעדזש מיט'ן פּרעזידענט...

די געשיכטע האָט געמאַכט העדליינס אין אַלע ניוז פּעיפּערס. דאָס איז געווען גענוג פאר מיך, איך האָב געדאַרפט אויסגעפינען וויאַזוי דער יונגער 'שנאק' האָט דאָס געמאַכט... די נעקסטע טאָג נאָך מנחה האָב איך אים געזאָגט: "איך דאַרף אַ מיטינג מיט אייך ראַביי". ער האט געזאָגט: "נישט קיין פּראָבלעם, מיר קענען עס האָבן גלייך יעצט אין מיין אָפיס".

איך בין געגאַנגען גלייך צו די פּוינט: וויאַזוי האָסטו באַוויזן צו אויספירן אַזויפיל זאַכן?

ער האָט עס אַראָפּגעלייגט זייער פּשוט: ס'איז געשען ווייל איך האָב געוואָלט.

סהאט גאָרנישט מיט געלונגענקייט, אָדער עלאַקוואַנס (כח הדיבור), אָדער ערפאַרונג. (הגם די אַלע זאַכן זענען זיכער נוצליך און וויכטיג) ס'האָט בעיקר מיט קאַנפידענס, התמדה און זיך אַהערשטעלן, אָבער וויכטיגער פון אַלעם איז "טון למעשה" מיט אַ זיכערקייט און עקשנות.

ער האָט מיר געזאָגט: "קוק, איך האב באשלאסן אז איך האב עפעס צו זאגן פאַר'ן פרעזידענט און אַז איך וויל זיך טרעפן מיט אים. בין איך דעריבער געגאַנגען און געמאכט עס פּאַסירן..."

אַלזאָ האָב איך געלערנט אַז אַלעס ווענדט זיך אין דעם 'ווילן', אין דעם 'רצון'! די שליסל צו סוקסעס פאר יעדע ערנסטע פּראָיעקט איז 'פעאיגקייט' און 'מאָטיוואַציע'. פּונקט ווי 2 + 2 קומט אויס 4, דאָס זעלבע איז 'פּאָטענציאַל' + "אָנגיין מיט אַ התמדה" = סוקסעס!

אויף אידיש גערעדט: "פּאָטענציאַל" מיינט עפּעס וואָס האָט די מעגליכקייט צו ווערן אויסגעפירט (נישט קיין חלום). "אָנגיין מיט עקשנות" מיינט 'זיץ פלייש' צו אויסהאַלטן. און ווען מען טוט דאָס דעמאָלט באַקומט מען הצלחה און סוקסעס. ווי אונזערע הייליגע חכמים לערנען אונז: אונזערע חכמים לערנען אונז אין דבר העומד בפני הרצון!


"קהל'ס בלעטל" וועט בעז"ה גיין אין דריק 'היינט' דאנערשטאג 8:00 אזייגער ביינאכט

בעלי שמחה און אדווערטייזער: מאכט זיכער אריינצורופן ביז היינט 7:00 אזייגער ביינאכט

קהל'ס בלעטל
קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

845-783-5688
#17

לאזט א קלארן מעסעדזש מיט אלע אינפאו
אדער שיקט א אימעיל מיט די אינפאו צו:
Bletel@cylkj.org

## וואָס איז געווען די חסרון פון די נשיאים

די תורה דערציילט אונז אַז די נשיאים האָבן מנדב געווען די טייערע שטיינער פאר דעם חושן. רש"י באַמערקט דעם פאַקט אַז ווען די תורה שרייבט דאָס וואָרט 'נשיאים', שטייט אַנדערש ווי געווענליך. עס שטייט "והנשאם הביאו", עס פעלט אַן אות, כדי צו אָנווייזן אויף אַ חסרון פון די נשיאים.

וואָס איז געווען די פּראָבלעם?! די נשיאים האָבן פרייוויליג געמאָלדן אַז זיי וועלן משלים זיין אַלעס וואס עס פעלט, נאכדעם וואס די אלע נדבות זענען אריינגעקומען האבן זיי מנדב געווען די קאָסטבאַרע זאכן, די טייערע שטיינער.

אָבער לעמשה, ווערט דאָס גערעכנט ווי אַ חסרון. פאַרוואָס טאַקע?! למעשה זענען זיי דאָך געווען גרייט צו שענקן אַלעס וואָס עס האָט זיך נאָך אויסגעפעלט. פאַקטיש האָבן זיי טאַקע גענעדיגט באַצאָלן אַזאַ טייערע מאַטעריאַל.

## השי"ת דארף אונזער הארץ, נישט אונזער טאַלאַנט

אין די משכן האָבן מיר בעיקר געדאַרפט האָבן 'האַרץ' - רצון!

וויאַזוי אין די וועלט האָבן מענטשן וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג צו בויען, אויפגעשטעלט אַזאַ פּרעכטיגע משכן?! בלויז ווייל דער רבוש"ע האָט געזען דעם רצון פון כלל ישראל, יעדער איינער האָט וואָלונטירט מיט זייער האַרץ צו בויען אַ משכן און אַזוי איז אַ 'בצלאל' אַרויפגעקומען.

אין אַנדערע ווערטער: זיי האָבן געהאַט אַ ווילן, זיי זענען געווען אַנטשלאָסן עס צו טון און אַדאַנק דעם רצון און חשק זענען זיי געוואָרן קוואַליפיצירט און פּאַסיג צו דעם מציאות.

דאָס איז וואָס דער אויבערשטער וויל זען פון אונז: "זאָג מיר נישט ווי טאַלאַנטפול אָדער אומטאלאנטפול דו ביזט, זאָג מיר בלויז וויפיל דו ביזט גרייט און וואָס דו ווילסט טון! דאָס איבריגע לאָז פאר מיך צו זיך זאָרגן וועלכע חלק דו וועסט באַקומען!"

ווען מען האָט געפרעגט פון די נשיאים, וואָס גייען זיי מנדב זיין פאַר דעם משכן, האָבן זיי געזאָגט: "מיר קענען אַלעס צושטעלן, מ'זאָל אונז נאר געבן אַ רוף ווען ס'איז אַלעס פאַרטיג, לאָז אונז וויסן וואָס מ'דאַרף נאָך האָבן און מיר וועלן אַלעס צושטעלן".

דאָס איז זייער שיין און אויסטערליש ברייטהאַרציג, ס'איז געוואַלדיג צו וויסן וואָס איר קענט צושטעלן, אָבער אַלס מנהיגים האָבן די נשיאים געדאַרפט דעמאָנסטרירן אַז ווען ס'איז דאָ אַ רוף צו טון 'למעשה' איז עס נישט קיין צייט צו רעדן איבער וואָס דו 'קענסט' טון, מ'דאַרף ענדערש רעדן איבער וואָס דו 'גייסט' טון!

מיט אַזאַ התרגשות פון אַלע אידן וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען וואָלטן די נשיאים געדאַרפט זיין די ערשטע אין די רייע, נישט די לעצטע! דאָס וואָס זיי האָבן נישט אַזוי געטון ווערט באַטראַכט אַלס אַ חסרון.

## דער עיקר איז; טון למעשה!

דאָס לערנט אונז אַז די מערסט וויכטיגע אינגרידיענט איז נישט די חלק פון 'טראַכטן', 'אָבזערווירן', און 'אַנאַליזירן' נאר דער עיקר איז 'צו טון למעשה'! ווען מיר באַקומען אַ מעגליכקייט צו טון אַ מצוה, לאָמיר זיך לעכטיג מאַכן און בלויז טון למעשה!

עס אַרבעט נישט אַז קודם ווערן מיר רוחניות'דיג און הערשט דאַן קענען מיר באַשליסן צו טון רוחניות'דיגע פעולות. פונקט פאַרקערט! נאָכדעם וואָס מיר טוען רוחניות'דיגע פעולות, ווערן מיר רוחניות'דיג!

מצוה הבא לידך אל תחמיצנה! טו עס למעשה!

איך האָב עס געזען איינמאָל און נאָכאַמאָל, די עיקר הצלחה האָט נישט צוטון מיט טאַלאַנטן אָדער ערפאַרונג. עס ווענדט זיך אַלעס ווי שטאַרק אַנטשלאָסן און וויפיל התמדה מען האָט דאָס אויסצופירן. טו למעשה!

## מדות טובות און פאַרגינען אַ צווייטן מיט מעשים טובים

אודאי דאַרף מען אויך געדענקן אַז בשעת מען טוט אַ גוטע זאַך זאל דאָס זיין באַגלייט מיט מדות טובות. דער חזון איש שרייבט אַז ער קען פאַרשידענע עסקנים וואָס טוען געוואַלדיגע זאַכן, ווי ברענגען עסן אויפ'ן טיש צו אָרימע מענטשן, אָבער אויב אַ צווייטער וועט עס טון ווערן זיי אַנטוישט און אויפגערעגט... עס קען זיי אפילו ברענגען צו צו אַטאַקירן דעם אַנדערן איד פאַר'ן אַוועקנעמען די מצוה פון אים...

דאָס איז דער סוד; אפילו עפּעס גייט נישט אין די דירעקציע וואָס דו האסט געוואָלט, באַרואיג זיך, לאָז נאָך און נעם דיך צו די נעקסטע גוטע זאַך. אַז מען ווערט אַנטוישט און אויפגערעגט ווייזט דאָס אַ צייכן פון אַ קליינע מח און אַ גרויסע עגאָ, דאָס איז ווייט פון דעם רצון ה'.

***

ס'איז ביי מיר אַ שבע ברכות וואָך, אַלזאָ איך האָב נישט קיין צייט צו שרייבן מער, איך טו זיך אַנטשולדיגן, מ'וועט עס משלים זיין קומענדיגע וואך אי"ה.

אַ לעכטיגן שבת.

נחמי'.

הופיע

בעזרת השם יתברך

קונטרס מספר

# האשל ברמה

## מגלגלין של מצה

תוכו רצוף אהבה, בירור הלכה, שמגלגלין של מצה, (מתכות-עץ), וכן כל כלי לישה (בעקינס וכדומה), צריכים לנקותם תיכף מפירורי בצק הנדבקים בהם, קודם שיעבור עליהם שיעור חימוץ, וכמבואר כל זה בשלחן ערוך ונו"כ (או"ח סי' תנ"ט סעיף ד').

ואם נתחמצו עליהם פירורי בצק, במגלגלין של מתכות צריכים ליבון, ובמגלגלין של עץ סמכינן על הניקור שמנקרין ומגררין אותם, (אשל אברהם להגה"ק מבוטשאטש זצ"ל).

גם יבואר בטוב טעם ודעת מה שהזהיר מרן רבינו הק' זיעוכי"א (שו"ת דברי יואל ח"ב בהשמטות, או"ח סימן קס"ג אות י"א) באזהרות ותקנות בסדר אפיית המצות, וזל"ק: ואם הניח מידו הבעקין מללוש בו "מחויב" לנקותו היטב "תיכף", ובלי עסק לא יניחהו מלוכלך "אפילו רגע אחד" עכל"ק.

וגם יבואר שיטות הראשונים והאחרונים והשו"ע והנו"כ דבר דבור על אופניו, אם מהני הגעלה לבית שאור.

*

גם יתבאר בעזהשי"ת שעצי מגלגלין שנוהגין לגרר אותם כנ"ל, אין להדיח אותם במים כלל.

עוד יבואר כי מגלגלים של מצה (מתכות-עץ), שנתחמצו עליהם פירורי בצק, ואחר כך רחצו אותם במים, או בסמרטוט רטובה, וכל שכן אם שרו אותם במים אף לזמן קצר, אין להשתמש בהם לצורך עריכת מצות, ובמגלגלים של מתכות יש להם תקנה על ידי ליבון. אך אם הגעיל אותם (מתכות - עץ), המצות שנערכו עמהם מותרים. ובלי הגעלה, המצות שנערכו עמהם, צריכה שאלת חכם אם מותר לאכלם.

אשר אספתי ולקטתי ממקומות הנאמנים וברורים

בחמלת ה' עלי בזכות אבותינו ורבותינו הקדושים זי"ע ועכי"א

אברהם לויפער אבדק"ק דראג יצ"ו

בן אאמו"ר החסיד האמיתי איש החסד

כש"ת מוה"ר שלום לויפער זצ"ל

כ"ט שבט תשפ"ד לפ"ק | פה ברוקלין נ"י יע"א

להשיג בחנויות הספרים

מכירה ראשית

"הוצאות ספרים אמרי שפר"

25 Ross St. Brooklyn, NY 11249

Tel. 718.260.8177• Fax. 718.260.8178

Email: imraishefer@gmail.com

גם יכולין להשיג הספר ע"י אימעיל

h.berumo@gmail.com

נא לשלוח האדרעס של האימעיל

להאדרעס הנ"ל

וישלח לו בחזרה הספר ע"י אימעיל

# חברה מצילי אש - סטראפקוב פייער




געביידע נאכן פארלעשן די פלאמען



אפגעברענטע טיילן אויף די אונטערשטע טייל פון די געביידע



אויסגעשעפטע וואלונטירן נאך לאנגע שעה'ן באקעמפן די פייער





מצילי אש טראקס א טאג נאכן פייער צו פארזיכערן אז ס'איז נישט פארהאן קיין צינגען

# חברה מצילי אש - סטראפקוב פייער



ריזיגע פלאטע פון מצילי אש טראקס אויף סטראפקוב



וואסער שלויכן פון מערערע פאמפס ציען זיך אויף אלע ריכטונגען



## בית רחל החדש - 5 י.ד. גאלדבערגער דרייוו



טירן פרעימס אויף די ערשטע שטאק פון נייע געביידע



3 הייב מאשינען געלאנדעט אויפן שטח בית רחל פאר די גאלאפירנדע
ארבעט צו פארענדיגן דרויסענדיגע טיילן פון די נייע בית רחל געביידע

## קרית יואל אקענאמיע - ביזנעס צענטער #6




פארקינג לאט באזעצט מיט פילצאליגע אויטאס פארנט פון קרית יואל ביזנעס צענטער אויף רוט 208 - צווייטע ביזנעס צענטער אינעם ווילעדזש אוו ס. בלומינג גראוו

# שמחת בית מעליץ-טארנא

## פארלאפענעם דאנערשטאג אין עטרת מאיר צבי



כ"ק אדמו"ר ממעליץ שליט"א בשיח קודש מיט
הגה"צ אבדק"ק טארנא שליט"א ביי די שמחת החתונה



נייע ספר 'ימי חיים' מוציא לאור דורכן מחותן הרב שמואל אהרן חנני'
טענענבוים שליט"א לידיו פון כ"ק אדמו"ר ממעליץ שליט"א



איז מקבל ברכת הקודש און הצלחה וברכה אין די מלאכת הקודש
פון פארשפרייטן קורות ימי חייו פון הרה"ק מצאנז זי"ע



הגה"צ אבדק"ק טארנא שליט"א אין א ריקוד מיט מתפללי ביהמ"ד און חברי
וועד קרן הבנין פונעם נייעם פראכטפולן ביהמ"ד ההולכת ונבנית

# ביהמ"ד החדש - שכונת לעיק שארר





ערשטע שטאלענע ביעמס געאנקערט אויפן שטח ביהמ"ד החדש

# סיום הש"ס דורך חברי חבורת "ללמוד" שע"י קהל תולדות צבי ספינקא ק"י

## פאָרגעלערנט דורך הרה"ג רבי מרדכי הערש שפיצער שליט"א ראש החבורה



מעמד כתיבת האותיות דורך כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א




די ריקודין בשעת כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א קומט אָן צום מעמד




דער רבי שליט"א אין אַ טאַנץ מיט'ן ראש החבורה שליט"א



דער רבי שליט"א איז משמיע דברות קודש




הרב חיים דוד מאַנדל הי"ו, ממקשיבי השיעור, ביי זיין דרשה




דער רבי שליט"א ביי אמירת לחיים

# סיום הש"ס דורך חברי חבורת "ללמוד" שע"י קהל תולדות צבי ספינקא ק"י

## פאָרגעלערנט דורך הרה"ג רבי מרדכי הערש שפיצער שליט"א ראש החבורה





שישו ושמחו בשמחת התורה: די פייערדיגע ריקודין נאָכ'ן מסיים זיין ש"ס




דער ראש החבורה הרה"ג רבי מרדכי הערש שפיצער שליט"א ביי זיין דרשה



דער "פטרון החבורה" הרבני הנגיד ר' מאיר יעקב אינדיג הי"ו ביי אמירת קדיש




דער אויבנאן אין א טאנץ



דער אויבן אן בעת די רירנדע און האַרציגע דרשה פונעם ראש החבורה שליט"א

## קרית יטב לב



כ"ק אדמו"ר מקרעטשניף שליט"א אויף די גאסן נעבן ביהמ"ד בית יהושע דקיט"ל לרגל שמחת ברית



ביי תפילת שחרית אין ביהמ"ד דקיט"ל אין די שכונה

## קרית יטב לב - פייער סצענע





בלומינגבורג פייער דעפארטמענט ביי פייער רוף אויף נארט ראוד ביי בערי'ס בעקעריי אונטער ביהמ"ד 'אור החיים' דקיט"ל - ארטיגע הצלה ערשטע אויפן סצענע

## ביהמ"ד החדש והמפואר עבודת ישראל קאזניץ



פראכטפולע סקיצע פון היכל ביהמ"ד החדש אויף די קינגסוויל גאס



גרויסער שילד אויפן אלטן היכל ביהמ"ד מקום הכינותי דארט אויפצובויען נייע בית ה'



פייער אין וואשינגטאנוויל




נייע אפעלענס (OPULENCE) דזשולערי געשעפט גרייט זיך צו
באנייען נייע לאקאל אויף לייפניק קארנער מירון




רייע שפאגל נייע באסעס אריינגעברענגט צום 'אמת' באס פלאטע
צו טראנספארטירן אלפי תשב"ר צו די בניני המוסדות



עטליכע תושבי קרית יואל אנגעשלאסן אלס מאנראו אמבולאנס וואלונטירן







# סיום מס' ברכות והתחלת מסכת פסחים

## במסגרת חבורת 'התאחדות אברכים' יוצאי ישיבה גדולה שנת תשע"ז



גרויסארטיגע סיום אין מעלאור האטעל נאך פייערליכע סיום מסכת ברכות אין די חבורה



ריקודים נאכן גרויסן סיום והתחלת מסכת



מו"ה האברך חיים וויינבערגער הי"ו מראשי 'נאמני הקהלה' מכובד בברכת המזון



קאר צושניטן אין האלב נאכן שניידן אין געיט. זעט אויבן שכונת ויואל משה



פייער אויף סטראפקוב מיט 2 יאר צוריק



פייוו קארנער אינטערסעקשאן ביי מירון, דעעש, פראג, דראהביטש
ווערט געצייכנט פאר זיכערהייט פון פיסגייער



מאסן טראנזיט




אומגעפאלענע בוים אויף סעווען ספרינגס ראוד נעבן סורפי ראוד



פראכטפולע מקוה שע"י קהל דינוב קרית יואל ביי די לעצטע שטאפלען פון גמר המלאכה




עצה צו בלאקירן פון פארקירן. צעמענטענע שטיקער,
די זעלבע סארט ווי ס'איז פאראן פארנט פון ביהמ"ד חרדים












קאנסטראקשען ביים ביזנעס צענטער דורך 'בוקעט' ענטערפרייסעס




בלומינג גראָוו וואונטשט מזל טוב פאר בעל החנות המשובח 'מינטליעף'



מאסן טראנזיט טרעפיק פארנט פון אלטן ביהמ"ד

# פאנעל דורך באבוב-פערל"ס

## איבער די פעולות אינעם קאמף למען חינוך הטהור



באבוב-פערל"ס געבט איבער באריכט איבערן קאמף למען חינוך הטהור ביי מסיבת עץ הגן דורך ק"ק באבוב אין שטאט בארא פארק



בימת הכבוד פון גדולי רבני ק"ק באבוב ביים זיך צוהערן מיט גרויס אינטערעס
איבער די פעולות חובקות צו ראטעווען די מוסדות התורה מידי מחרובי'



הרה"ח ר' משה דוד נידערמאן שליט"א מיטן חינוך הטהור אדוואקאט ר' אבי שיק הי"ו
וועלכע שטייט אויפן פראנט צו באשיצן די מוסדות התורה קעגן די 'אפפע"ד קלאגעס





# ק"ק סאטמאר מאנטריאל




ק"ק סאטמאר אנגעהויבן די בוי ארבעט אויף נייע פראכטפולע חתונה זאל וואס ווערט געבויעט אין בנין 'בית אסתר' החדש. די קלאסן אין די העכערע שטאקן איז שוין אין באנוץ נאך ביקור הקודש פון כ"ק אדמו"ר שליט"א אין שטאט, אצינד זעצט פאר די ארבעט אויף די ערשטע שטאק פאר די אולם החתונות - די ערשטע סאטמארער חתונה זאל אין שטאט

## גרינדונג פון אייגנארטיגע חתונה פלאן "עת משוש" אין ק"ק סאטמאר לאנדאן

### וועט פארבארגן פערציג טויזנט פונט פאר יעדע חתונה פון א קינד




הגה"צ אב"ד סאטמאר לאנדאן שליט"א ביים אויפטרעטן מיט דברי ברכה ביים מעמד



דער ציבור ביים מעמד היסוד




## Chester (Blooming Grove)

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 2 Seely Road | $555,000 | 4 | 3 (2 1) | 1,828 | 0.5314 |
| 3 Seely Road | $649,000 | 5 | 3 (3 0) | 2,208 | 0.6435 |
| 54 Oxford Springs Road | $848,000 | 5 | 4 (4 0) | 4,850 | 3 |
| 220 Oxford Road | $850,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,535 | 6.3 |
| 221 Oxford Road | $999,999 | 4 | 4 (3 1) | 4,644 | 3.9 |
| 15 Primrose Lane | $1,299,000 | 4 | 4 (2 2) | 4,306 | 2.5 |

## Village of S. Blooming Grove

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 6 Arlington Drive | $1,175,000 | 6 | 4 (3 1) | 3,658 | 0.47 |
| 81 Duelk Avenue | $799,000 | 3 | 2 (2 0) | 1,946 | 0.2887 |
| 170 Prospect Road | $690,000 | 3 | 1 (1 0) | 1,800 | 2 |
| 39 Peddler Hill Road | $749,000 | 4 | 2 (1 1) | 1,987 | 0.4956 |
| 41 Peddler Hill Road | $749,000 | 4 | 3 (2 1) | 1,104 | 0.7071 |
| 242 Prospect Road | $899,000 | 3 | 2 (1 1) | 1,734 | 1 |
| 215 Prospect Road | $2,900,000 | 4 | 3 (3 0) | 2,234 | 5 |

## Blooming Grove (town) Washingtonville

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 119 Helms Hill Road | $475,000 | 3 | 2 (1 1) | 1,700 | 1 |
| 75 Horton Road | $699,900 | 3 | 3 (2 1) | 2,224 | 3.2 |
| 64 Orchard Lake Drive | $549,000 | 3 | 3 (3 0) | 3,168 | 0.2924 |

## Monroe town / village

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 86 Cromwell Hill Road | $365,000 | 3 | 1 (1 0) | 1,421 | 0.1148 |
| 26 High Ridge Road | $449,000 | 3 | 2 (1 1) | 1,694 | 0.3489 |
| 39 Center Hill Road | $450,000 | 3 | 3 (2 1) | 1,356 | 0.2388 |
| 3 Mid Oaks Drive | $549,900 | 3 | 2 (1 1) | 1,784 | 0.264 |
| 43 Park Avenue | $599,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,083 | 0.1671 |
| 7 Cunningham Drive | $625,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,503 | 0.4959 |
| 12 Pawtuxet Avenue | $675,000 | 4 | 4 (2 2) | 2,356 | 0.4775 |
| 94 Winchester Drive | $685,000 | 4 | 3 (2 1) | 1,994 | 0.4587 |
| 29 Chatham Road | $689,900 | 4 | 3 (2 1) | 1,888 | 0.2152 |
| 34 Cunningham Drive | $699,900 | 4 | 3 (2 1) | 1,828 | 0.4867 |
| 158 Rye Hill Road | $700,000 | 4 | 4 (3 1) | 2,088 | 0.6862 |
| 29 Deangelis Drive | $762,499 | 4 | 4 (3 1) | 3,256 | 0.5546 |
| 603 Stage Road | $799,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,560 | 0.759 |
| 124 Steven Court | $819,900 | 4 | 3 (2 1) | 2,491 | 0.6 |
| 10 Kasch Court | $1,100,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,582 | 0.1877 |
| 3 Holland Road | $1,199,999 | 4 | 4 (3 1) | 3,200 | 0.4405 |
| 8 Forest Avenue | $1,389,000 | 5 | 4 (2 2) | 3,323 | |
| 2 Chimney Ridge Drive | $775,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,800 | 0.5379 |
| 314 Harriman Heights | $1,000,000 | 4 | 3 (3 0) | 2,764 | 3.4 |

זייט דער ערשטע צו וויסן
ווען א נייע הויז קומט ארויף
אויף די מארקעט

text your email address to:
**845-204-8067**

## Woodbury / Highland Mills

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 27 Catskill High Rail | $1,034,000 | 4 | 2 (2 0) | 3,575 | 0.69 |
| 41 Central Valley Line | $1,499,000 | 6 | 5 (4 1) | 3,918 | 0.45 |
| 39 Central Valley Line | $1,549,000 | 6 | 5 (4 1) | 3,918 | 0.45 |
| 7 Van Buren Court | $549,900 | 4 | 3 (2 1) | 1,943 | 0.3524 |
| 44 Country Hollow | $699,000 | 4 | 3 (3 0) | 2,006 | 1.1 |
| 17 Sunny Lane | $795,000 | 3 | 2 (2 0) | 1,277 | 0.2152 |
| 115 Brigadoon Blvd. | $850,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,791 | 0.62 |
| 268 Bakertown Road | $899,000 | 3 | 2 (2 0) | 1,072 | 0.37 |
| 34 Dogwood Drive | $475,000 | 3 | 3 (3 0) | 2,140 | 0.6156 |
| 4 Gregory Lane | $689,998 | 4 | 3 (3 0) | 2,590 | 0.468 |

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

Not responsible for typographical errors

REALTOR® EQUAL HOUSING OPPORTUNITY HGMLS

The REALTY BLUE group

יצחק אייזיק ראטטענבערג
845-662-1849

שלום מאיר טארים
845-629-5186

# צוטריט צו העלט אינשורענס דורך ניו יארק סטעיט אוו העלט אויסגעברייטערט




פרישע טויזנטער ניו יארקער איינוואוינער וועלן האבן צוטריט צו ביליגע העלט קעיר דעקונג דורך אן אויסברייטערונג אין די "עסענשאל העלט פלאן" וואס איז טייל פון די אפארדעבל געזונטהייט דעקונג וואס די סטעיט שטעלט צו אינערהאלב די "ניו יארק סטעיט אוו העלט" מארקעט פלאץ. דער אויסברייטערונג וועט נעמען אפעקט דעם קומענדיגן חודש אפריל, ווען די בארעכטיגונג צו קענען באקומען די ביליגע עסענשאל פלאן וועט ארויפגיין פון די איצטיגע 200% פון די ארימקייט שטאפל צו אזויפיל ווי 250% פון דעם ארימקייט שטאפל.

מער ווי א מיליאן ניו יארקער באקומען יעצט העלט אינשורענס דורך דעם עסענשאל פלאן, און דאס העכערן די בארעכטיגונג צו דעם פראגראם וועט צושטעלן צוטריט צו פרישע 100,000 ניו יארקער איינוואוינער, לויט ווי גאווערנער האקול האט געזאגט אין איר סטעיטמענט ביים מעלדן דעם אויסברייטערונג.

יעצט זענען בלויז מענטשן וועלכע פארדינען ביז 200% פון דעם ארימקייט שטאפל, בארעכטיגט צו באקומען די רעגירונג געשטיצטע געזונטהייט דעקונג וועלכע איז באקאנט מיט איר נאמען "עסענשאל פלאן". דאס וועט אצינד ארויפגיין מיט נאך 50%, וואס באדייט אז אן אינדיווידועל וועלכער פארדינט אן איינקונפט ביז $37,650 א יאר, וועט נאך אלץ זיין בארעכטיגט צו זיך אויפשרייבן אויף דעם פלאן, אנשטאט וואס ביז יעצט האט בלויז איינער וועלכער פארדינט $30,000 א יאר געקענט באקומען דעם אינשורענס דעקונג.

מער ווי א מיליאן ניו יארקער האבן געזונטהייט אינשורענס אונטער דעם עסענשאל העלט פלאן, וואס שטעלט צו געזונטהייט בענעפיטן אן וואס זיי זאלן דארפן צאלן מאנאטליכע פרימיומס, אדער טייערע דעדאקטיבעלס ווען זיי גייען צום דאקטער. דער פלאן שטעלט אויך צו פרייע אונטערזיכונגען צו זיכער מאכן אז מען איז געזונט, און אויגן און ציין דאקטער בענעפיטן. די וועלכע פארדינען אונטער $22,590, דארפן גארנישט צאלן ווען זיי גייען צום דאקטער, און בלויז 1 אדער 3 דאלאר ווען זיי נעמען ארויס א מעדיצין ביים דאקטער. די וועלכע פארדינען מער דארפן צאלן $15 ווען זיי גייען צו זייער געוועהנליכע דאקטער, און $25 ווען זיי גייען צו א ספעציאליסט, $150 ווען זיי ווערן איינגעשריבן אין שפיטאל, און $75 פאר אן אמוירדזשענסי רום באזוך. באזוכן ביי אן אוירדזשענט קעיר דאקטער קאסט $25 און מעדיצינען קאסטן צווישן 6 און דרייסיג דאלאר, געוואנדן אויף דעם מעדיצין.

פאר מער דעטאלן איבער דעם פלאן קענט איר אריינגיין צו אייער קאמיוניטי סערוויס אפיס, אדער קענט איר אריינרופן צו די ניו יארק סטעיט אוו העלט העלפליין אויף 855-355-5777.

# קאנגרעסמאן רייען באשטימט 17 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער פאר וויכטיגע פראיעקטן

נאענט צו 17 מיליאן דאלאר וועט ווערן געשאנקען דורך פעדעראלע פראגראמען פאר די 18'טע קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט, נאכפאלגנדיג דעם באשטעטיגונג פון א ספענדינג ביל אין וואשינגטאן די. סי. די געלטער וועלן צושטעלן קריטישע שטיצע פאר פארשידענע פראיעקטן אין געמיינדעס לענגאויס דעם 18'טע קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט, און וועט גענוצט ווערן צו אונטערשטיצן פראגראמען פאר וויכטיגע צוועקן.

אין אראנדזש קאונטי וועט 4.1 מיליאן דאלאר גיין פאר א פארוויילונג ארט צו איבערבויען און פארריכטן אן עקזיסטירנדע געביידע אין ניובורג. אין פארט דזשערוויס וועט א גרענט פון א מיליאן דאלאר גיין צו בויען קליינע דירות פאר היימלאזע וועטעראנען. מידעלטאון, ווארוויק און קארנוואל-אן-האדסאן וועלן יעדע פון זיי באקומען א מיליאן דאלאר צו פארבעסערן זייער וואסער אינפראסטרוקטור סיסטעם, און קרית יואל וועט באקומען אזויפיל ווי צוויי מיליאן דאלאר צו ארויסהעלפן מיט די אויסגאבן פון פארבינדען דעם וואסער סיסטעם מיט די ניו יארק סיטי וואסער רעזערווארן, א פראיעקט וואס איז שוין יעצט אין אירע לעצטע שטאפלען. די אגריקולטור צענטערן פון אטאסוויל און טשעסטער וועלן אויך באקומען יעדע איינע א מיליאן דאלאר.

"די אלע ארגאניזאציעס האבן א געוואלדיגע אפעקט מיט זייערע סערוויסעס פאר די איינוואוינער אין די האדסאן וועלי. זיי גייען ווייטער און העכער יעדן טאג, צו ארויסהעלפן אז אונזערע געמיינדעס זאלן בליען און וואקסן. עס איז מיין עהרע צו דעליווערן די קריטישע שטיצע פאר די וועלכע שטארקן און באדינען דעם האדסאן וועלי" האט פעט רייען געזאגט אין א סטעיטמענט.

# ווילעדזש אוו מאנראו מאכט שטרענגער זאונינג געזעצן

די ווילעדזש אוו מאנראו האט זיך פאראויסגערוקט צו אדאפטירן נייע געזעצן צו שטרענגער מאכן די עקזיסטירנדע זאונינג געזעצן, ספעציעל אין באצוג צו דאס רעדוצירן די אפעקט וואס אנטוויקלען און בויען הייזער האט אויף די לאקאלע ענווייראמענט.



די נייע געזעצן זענען באשטימט געווארן דעם פארלאפענעם מארטש דעם 5'טען ווען די ווילעדזש באורד אויף טראסטיס האבן געשטימט צו אננעמען די לאקאלע געזעץ #4 פון דעם 2024 למספרם יאר. דער געזעץ טוט ארייננשטעלן די קאמפרעהענסיוו ענווייראמענטאלע פלאן וואס פארלאנגט צווישן אנדערע אז אזעלכע שטחים אויף וועלכע מען מעג לעגאל, אדער לויט ענווייראמענטאל פארשריפטן, נישט בויען דארט, זאל נישט מעגן ווערן גערעכענט אין די רעכענונגען ארום דעוועלאפמענטס. ווי אויך פארלאנגט די געזעץ אז ערטער וואס קענען שעדיגן ענווייראמענטאל באשוצטע געגעגנטער זאל נישט ווערן גערירט ווי שטרענג עס איז נאר מעגליך.

# מאנראו וואודבארי סקול דיסטריקט שלאגט פאר בודזשעט העכערונגען פאר קומענדיגע יאר




אין די צייט וואס די מאנראו וואודבארי סקול דיסטריקט באטראכט דעם בודזשעט פון דעם קומענדיגן פינאנציעלע יאר 2024-2025, האט די סקול באורד זיך צוזאמגענומען פאר אן עפענטליכע זיצונג צו פארלייגן זייערע פארשלאגן פאר דעם בודזשעט, און צו ווייטער זוכן א נייעם סופעראינטענדענט פאר דעם סקול דיסטריקט.

דער זיצונג איז אפגעהאלטן געווארן פארלאפענעם פעברואר דעם 28'סטן, וואו די מיטגלידער אויף דעם באורד האבן זיך צוגעהערט צו א בודזשעט פרעזענטאציע וואס האט פארגעלייגט די אויסגאבן וואס ווערט ערווארטעט פאר דעם קומענדיגן פינאנציעלן יאר אין אויפהאלטן די געביידעס און שטחים ארום, שולע זיכערהייט, טראנספארטאציע און אינפארמאציע. די פרעזענטאציע האט נישט פארגעשטעלט פעיראל הוצאות, וואס וועט געדעקט ווערןביי א זיצונג דורך דעם באורד מארטש דעם 20'סטן.

די מאנראו וואודבארי באורד האט זיך באפאסט מיט דעם וואס די קאוויד רעגירונג הילף הערט אויף צו פליסן, און זיי מוזן אויפקומען מיט אנדערע וועגן צו דעקן די געהעכערטע אויסגאבן פון דעם שולע. אין צוגאב צו די העכערע הוצאות אין דעם געוועגליכן בודזשעט דארפן זיי זיך פלאגן מיט העכערונגען אין געזונטהייט אינשורענס פרימיומס און א גרעסערע צאל סטודענטן וואס טוט אפעקטירן דעם בודזשעט אויף א נעגאטיוועו פארנעם. פון די אנדערע זייט זענען די באורד מיטגלידער אנגעזאגט געווארן איבער פראיעקטן אין די שולע וואס זענען ערווארטעט אריינצוברענגען ארום 89 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנציעלע הילף, וואס דאס וועט העלפן דעקן די שטייגענדע קאסטן.

די וואקסענדע קאסטן רעכענט אריין מער זיכערהייט אויסגאבן, געלט צו פאררעכטן און פארברייטערן עקזיסטירנדע געביידעס, פאררעכטן געוויסע ריייניגונג אינפראסטרוקטור און איבערפארבן געוויסע טיילן אין דעם שולע. דאס פארבעסערן די טעכנאלאגישע באנוץ אין די קלאס צימערן איז אויך אן ערנסטע טייל פון דעם בודזשעט, וואס וועט קאסטן אמווייניגסטענס 4.3 מיליאן דאלאר אין דעם קומענדיגן פינאנציעלע יאר.

טייל פון דעם בודזשעט רעכענט אויך אריין די אויסגאבן צו צושטעלן טראנספארטאציע, וואס דארף ווערן צוגעשטעלט סיי פאר די פובליק סקול סטודענטן, און אויך פאר די וועלכע לערנען נישט אין די פובליק שולע. די וואס לערנען נישט אין די פובליק שולע און פארלאנגען אויך טראנספארטאציע פון דעם סקול דיסטריקט זענען על פי רוב היימישע אידן פון קרית יואל און אירע אומגעגענטער וועלכע זענען לעגאל בארעכטיגט צו באקומען דעם סערוויס פון די דיסטריקט.

די טראנספארטאציע בודזשעט פון נישט-פובליק שולע סטודענטן איז ערווארטעט צו קאסטן פאר דעם דיסטריקט א סך הכל פון ארום 15 מיליאן דאלאר פאר דעם קומענדיגן פינאנציעלן יאר, וואס איז א העכערונג פון ארום 17 פראצענט פון דעם פריערדיגן יאר. זיי האבן אנגעוויזן אז די סטודענטן וועלכע זענען אנגעוויזן אויף דעם סערוויס וואקסט יערליך מיט דעם זעלבן פראצענטועלן ציפער, און אז זיי זענען פארפליכטעט דאס צו צושטעלן לויט דעם געזעץ, אויב קומען די סטודענטן נאך די פארלאנגטע רעגולאציעס.

ביי די זיצונג האבן די באורד מיטגלידער פארלאנגט צו הערן אן אפדעיט איבער דעם מהלך צו אויפנעמען א נייעם סופעראינטענדענט. די פירמע וואס איז אויפגענומען געווארן האט אינפארמירט אז זיי האבן זיך שוין געטראפן מיט עלטערן פון פובליק סקול און נישט פובליק סקול סטודענטן. ווי אויך האב זיי זיך שוין געטראפן מיט די סטודענטן זעלבסט, וועלכע זענען אין די גוי'אישע חוצפה-יסגי קולטור אייניגע שותפים מיט זייערע מחנכים און ווערן דעריבער געגעבן אן ערנסטע ווארט צו דעצידירן ווער עס זאל זיין זייער מנהל.

מוסולמענער סטודענטן האבן אויך אריינגעגעבן זייערס א פארלאנג צו אנערקענען נאך צוויי פון זייערע חגאות, זאגנדיג אז דאס אז די שולע איז אפן אין יענע טעג טוט שטערן זייער רעליגיעזע פרייהייט.

# העכסטע געריכט ערווארטעט צו אורטיילן אויף רעגירונג איבערזיכט איבער סאציאלע מידיא אין צייט וואס ניו יארק וויל זיי באגרעניצן




ניו יארקער געזעצגעבער האבן ארויסגעלייגט א פארשלאג צו באגרעניצן די סאציאלע מידיא און פארלאנגען פון זיי אז זיי זאלן נישט פיטערן די יוגענט מיט אינפארמאציע וואס איז זייער צוציענד און שאפט גייסטישע שוועריגקייטן פאר די וועלכע ווערן צוגעבינדען דערצו.

די געזעצן וועלכע זענען פארגעשלאגן געווארן דורך די געזעצגעבער וועט פארלאנגען פון די סאציאלע מידיא פלאטפארמעס צו פארלאנגען עלטערן צו געבן רשות פאר מינדעריעריגע צו באקומען נאטיפיקאציעס אז זיי האבן באקומען נייע מעסעדזשעס אויף זייערע כלים, און צושטעלן די מעגליכקייט אז די וועלכע באנוצן זיך דערמיט זאלן קענען זאגן פאר די פירמעס אז זיי ווילן נישט אז די פירמע זאל זיי צושטעלן אינפארמאציע לויט וואס זיי זוכן, וואס דאס איז איינע פון די וועגן וויאזוי די פירמעס מאכן מער געלט דורך האלטן דעם מענטש מער שעות אויף זייערע עפפ.

"ווען עס קומט צו אזעלכע זאכן דארפן מיר אלעמען ערשט באשוצן אונזערע יונגע מענטשן" האט סטעיט סענאטאר פיטער הארקהאם געזאגט. די סטעיט געזעצגעבער ווילן זיך צואיילן צו באשטעטיגן דעם געזעץ, אבער זענען באזארגט איבער וואס דער סופרים קאורט וועט עווענטועל אורטיילן, און צו עס וועט נישט אונטערהאקן זייער געזעץ. "די פראגע איז צו אונזערע קינדער קענען נאךווארטן אזוי לאנג?" האט דאבס פערי, א מיט-ספאנסאר פון דעם ביל אין די סטעיט אסעמבלי געזאגט.

די סופרים קאורט האט אויפגענומען צוויי געזעצן וועלכע באהאנדלען די פראגע איבער די רעגירונג ראלע אין סאציאלע מידיא רעגולאציעס. איינס איז א געזעץ אין פלארידא וואס פארבאט סאציאלע מידיא פון אראפווארפן פאליטיקאנטן פון זייערע פלאטפארמעס, און די צווייטע אין טעקסאס וואס פארבאט זיי פון אראפווארפן מענטשן וועלכע זענען נישט איינשטימיג מיט די מיינונג פון די סאציאלע מידיא פירמע פירערשאפט.

# WEEKLY LISTINGS

## HOT LOCATION – FOR SALE










**15 D A Weider Blvd**

- GREAT LOCATION !!!
- BEAUTIFULLY UPGRADED
- FULLY TILED GRANITE KITCHEN
- HUGE DINING ROOM
- 2,900 SF
- 5 BED. - 3 BATHS
- + A GUEST SUITE WITH A 4TH FULL BATHS
- CENTRAL AIR
- FULL FINISHED ATTIC
- LARGE-SIZED DECK
- ASKING: 1.25MM
- AND MUCH MORE...

## 4 UNIT INVESTMENT OPPORTUNITY

MAJOR PRICE IMPROVEMENT






**6 Farrington Newburgh,**

- Fully Renovated
- New Kitchens
- Fully Occupied
- 4 Units
- Great Location
- 7.4% Cap Rate
- PROJECTED RENT INCOME 10.9% CAP
- COC 14.25%
- ASKING $699k

Don't miss out on this great opportunity

## FOR SALE



**Half Hollow Area**

- New Construction
- Move-in Ready
- Walking distance to KJ

**This HUGE house has a lot to offer**

## Investment Opportunity



*Town of Blooming Grove*

- 55 Acre
- Great for a yeshiva
- Connected with the village of SBG

## COMMERCIAL - PENDING



14 Lakes Road, Monroe

## SOLD



105 Quassaick Ave New Windsor

## sold



25 Ponderosa Drive

## sold



29 boulder

**WEEKLY MORTGAGE RATE**

| | |
|---|---|
| 30-Year fixed-rate mortgage | 6.88% |
| 15-Year fixed-rate mortgage | 6.22% |

JOEL BASCH
LICENSED REAL ESTATE BROKER
374-486-2196 -JOEL@PRESTIGERT.COM

PRESTIGE REALTY
SELL & BUY WITH PRESTIGE

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

P.O. Box 113 Monroe NY 10949
845-774-6234
845-501-0246
אדווערטייזמענט:
Ads@kyweekly.com
נייעס:
News@kyweekly.com
בריוון:
Letters@kyweekly.com
מעילינג אדרעס טויש:
MailingList@kyweekly.com

**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.

KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, PO Box 113 Monroe NY 10949


## אינהאלט


משמרת חומותינו 62
אינטערוויו מיט'ן מסירת נפש'דיגער אסיר ציון
א בלעק אויף צוריק
שריפטן צום וואכנשריפט 66
אן ענין אויף דער פרשה במשנתו של רבינו 72
שאלת חכם 78
זמני בית הוראה 80
תפיסה וועגט 82
בילדער זייט 86
לאקאלע באריכטן 108
לוח הזמנים לעיר קרית יואל 111
וועטער פון קרית יואל 111


## זמנים

| הדלקת הנרות | סוף זמן קר"ש | מוצאי שב"ק |
|---|---|---|
| 6:49 | 9:29 | 8:18 |

## וועטער

| פרייטאג | שב"ק | זונטאג |
|---|---|---|
| זונ'ג 70/74 | רעגן 64/41 | זונ'ג 55/39 |


Orange Collision Inc.
אין פאל פון אן עקסידענט ח"ו, רופט גלייך:
24 Hour Towing · Car Rental · Auto Body Repair
845-782-2426

WE KNOW MENSWEAR
MEN'S CORNER
New location: 10 MORDCHE SCHER BLVD
Free delivery 845.782.6756

TAKING ADVANTAGE OF THE EXTRA SUNLIGHT
Note the change of hours
Now seeing patients from 9 AM to 9 PM
elite
Adult & Pediatric Primary Care
845.782.4000 / 14 Raywood Dr

די נומער פאר אלע אייערע שמחות!
845 782.1340
בעידן תדוותא
טראנספארטאציע רוטס אינפארמאציע
#9 דרוקט #1 רעדנען 845.782.1340

845.204.8138 | contact@berryslandscapingny.com
Berry's LANDSCAPING

USEFUL
USE YOUR SPACE FULLY
CUSTOM CLOSETS
845.210.6610 • sales@usefulny.com

F&W BOOKKEEPING
845.492.3945
fandwbookkeeping@gmail.com

HANDYWORK MONROE INC
for a complete job, well done
יואל זאב שווארץ
845-248-3585

FishDirect
from the ocean to your table
845.253.8040 | מרדכי יואל בראון

פלאמבינג - עלעקטריק
845-239-7697
לייבל קופטשיק

בס"ד
פרייז רעליוועך
kj vitamins & health food
845.783.8711
21 Hayes Ct.
we carry all major brands

AWR WINDOWS
REACH US AT: 845.774.6495
SERVICE@AWRWINDOWS.COM

COLORIFIC
845 783.6863

Upstate Collision
LEASING · RENTAL · COLLISION · 24 HR TOWING
845.599.9000 | AFTER HOURS: 845.500.1400

א חשובער בן
תורה, תוכנ'דיג
און ערנסט.
אמאל געווען...



# וואו איז ר' יאָסעלע?

דיין קביעות אינעם
קיאסק האט געמאכט
דעם טויש. נעבעך,
פוסט און ליידיג.

מחניך קדוש
ביצור חומת מחנינו מפגעי הטעכנאלאגיע
דקהל יטב לב ד'סאטמאר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

קיאסק:
פאר טייל א ישועה
פאר אנדערע א תליה

# לקרוא

ALLWAYS HERE FOR YOUR **CALL**



tower
MOBILE

2 Leipnik Way #002 (Basement)
845.395.2211 | sales@towermob.com

א פרייליכן
פורים

PHONES | PLANS | RENTALS | REPAIRS | ACCESSORIES | HOTSPOTS | NAVIGATION | MP3 PLAYERS



EXPANDED RENTAL DEPARTMENT

NEW! SPECIAL PHONE RENTAL SERVICE FOR GROUPS
Unlimited International Data Plans Available

DPMGGROUP.COM



בס"ד
It's like a pharmacy in your medicine chest
with our express delivery of course
FREE DELIVERY
EXPRESS DELIVERY
AUTOMATIC DELIVERY
AUTOMATIC REFILLS
RegionRX
PROFESSIONAL & CONVENIENT
845.775.4175
FAX: 845.775.4185
info@RegionRX.com • RegionRX.com
1291 Dolsontown Rd. Middletown, NY
FREE DELIVERY IN KIRYAS YOEL & SURROUNDING AREAS
Hours:
Sun-Thu: 9am to 8pm
Fri: 9am to 1.5 hours before Zman
אפען מוצאי שבת מיט פולע דעליווערי סערוויס
MGM HelloMGM.com